מעשה אלפס

אווירקליכע הערצליכע ליעבע

צוא דעם איינציגען, וועלכען מען דארף ליעבען.

איינגע שצענעס, וואונדער-שיינע פארשטעלונגען, וועלכע מוזען ווירקען
אויף דעם כאראקטער פון דעם לעזער, ער וועט — וויא איך מיין — ווישען
גאנץ-אפט דיא אויגין פון טרערען, ווײלע-ווײס פון לאכען, ווײלע-ווײס
פון וויינען, דיזע ביידערלייא טרערען, וועלען אבער גוט זויבער אויסוואשען
זיין הערץ פון מאנכע פערדארבענהייטען.

הלל אומר הוי מתלמידיו של אהרן, אוהב שלום
ורודף שלום, אוהב את הבריות ומקרבן לתורה
(אבות פ״א)

הובא לביה״ד על ידי

בן-ציון בהר״ר ירמי׳ עקיבא זצ״ל אלפס מווילנא.

ערשטע טהייל.

ווילנא

שנת רדף שלום לפ״ק

МААСЕ ИЛЬФЕСЪ.
Нравоучительныя наставленія. Соч. Б. Альфесса.
Часть I.

ВИЛЬНА. Типографія Вдовы и бр. Роммъ. Жмуд. пер. соб. домъ № 328.
1900.

Дозволено цензурою 3 Мая 1900 г. Вильна.

פאר-רעדע

טאהן טאר מען ניט, אבער אב-טאהן מעג מען׃

(אפינכסטערער פסוק אין ספר כסילים (פלעקער-בוך).

דיזען פינסטערין פסוק זיינען אגרויסע טהייל פון אונזערע ברידער זייער קלאהר, אונ אסך פון זייא זיינען איהם פשוט מקיים, אונ מהדרים מאכין וויינינ חקירה ודרישה, אום זיך איבער צוא צייגען, אויב יענער האט טאקע באמת זייא וואס גיטאהן אדער ניט, זייא זיינען יוצא מיט איין השערה, ד. ה. אז זייא חלום׳ת זיך נור אז יענער האט זייא עפעס גיטאהן, אדער גירעדט אויף זייא אשלעכט ווארט, הגם עס איז גאר לא דובים ולא יער, טאקע מעהר ניט וויא אחלום, מעג ער דאך שוין׃ איהם אב-טאהן, אונ וויא נאך אב-טאהן פשוט יורד לחייו זיין, אוועק רויבין יענעמס כבוד, אדער חיונה, אונ מאנכע מאל דעם לעבין אויך, דאס הייסט דען עפעס גיטאהן? עס איז דאך מעהר ניט וויא אב-גיטאהן, אונ זייא האבין דאך בפירוש גילערינט אין פלעקער-בוך (פרק לא דובים ולא יער) אז אב-טאהן מעג מען, אונ אז מען לערינט דארף מען דאך מקיים זיין, וויא קען דען אנדערס זיין?. דיזע פינסטערע לעהרע האט אונז צוא שטראנד גיבראכט, אונ פארצויגין אויף אונז אגרויסע חמארע, אז מיר האבין גיקראגין בייא אונזערע שכנים אפנים פון חלשות.

יעצט מיין ליבער לעזער קום מיט מיר, איך וועל דיר פיהרען אין אליב-טיגען ארט, אין מקדש מעט (קליין פארמאט בית המקדש) דאס איז פשוט אין אידעשע שוהל, מיר וועלין עפענען דעם ארון הקדש אונ זיך איינקוקען אין אונזער ספר התורה, דארטין וועלין אונז פארשיינען דיא אויגין דיא ליכטיגע׃ פסוקים לא תשנא את אחיך בלבבך, הוכח תוכיח את עמיתך ולא תשא עליו חטא, לא תקום ולא תטור את בני עמך, ואהבת לרעך כמוך, אני ה׳. איך וועל דיר זייא ערקלעהרין פשוט אהן דרוש, נור וויא איין רבי לערינט מיט אחדר-אינ-גיל, ווען יענער האט דיר שלעכטעס גיטאהן, זאלסטו אויף איהם ניט טראגין קיין פארדרוס אין הארצין, נור רייד זיך דורך מיט איהם אפען, ד. ה. מאך איהם פארווירפע׃ ווארום האסטו עס מיר גיטאהן׳? איז זייער מעגליך אז דוא וועסט זיך איבער צייגין אז דיא גאנצע מעשה איז אחלום, יענער וויים גאר ניט פון וואס צוא זאגין אונ ווען עס איז יא אמת, קען זיין אז יענער וועט פריזנייען

זיין

זיין אירטהום אונ וועט זאגין „ווינאוואט״!! וועט איהר בלייבין ווייטער גוטע פריינד. נאכהער לערינט אונז דיא תורה, ווען עס טרעפט אז יענער איז אהארטער מענטש אונ וויל בלייבין ביי זיין גרייז, אונ דוא קריגסט איין גע-לעגענהייט צוא נעמען ראכע פון איהם „לא תקום״ זאלסטו קיין ראכע נעמען, זאל ער זיך זיין אונגערעכט, אבער דוא היט, ניט צוא פארליהרין דיין גירעכ-טיגקייט, זאגאר אפילו „ולא תטור״ קיין פארדרוס אין הארצין זאלסטו איך ניט נאך טראגין.

איך באמערק אויף דיין געזיכט מיין ליבער לעזער אז דוא בינסט זייער פארוואונדערט, וויא קען דאס אמענטש ביי זיך פועלין גאר צוא פארגעסין וואס יענער האט מיר גיטאהן, אונ פארבלייבין איהם דער זעלבער גוטער פריינד? — ערלויב מיר אוויילע, איך וועל דיר דערציילין איין גילעכטער, עס האט אמאהל פאסירט אז אדוראק האט זיך אליין אביס גיטאהן אין צונג, אבער ווייסטו וויא אביס? אז עס איז איהם פשוט טרערין ארוים פון דיא אויגין, פון גרוים פארדרוס נעמט ער מיטין קולאק, אונ זעצט זיך אליין אוים צוויא ציינער, אונ זאגט מיט איין נצחון שטימע, „אהא! זייט וויסין ווייטער וויא צוא בייסין אין צונג״!! נוא מיין פריינד וואס זאגסטו אויף דעם דוראק? איז דען ניט דיא ציינער זיינע ריכטיג וויא דער צונג? דיזע ערקלערונג גיט אונז דיא תורה „ואהבת לרעך״ דוא ברויכסט ליבין דיין גיזעלין (אונ פערצייהען אויף דיא נעפריאטנאסט וואס ער האט דיר פארשאפט), ווייל „כמוך״ ער איז דיא זעלבע וואס דוא, ד. ה. דיא גאנצע פאלק איז וויא איין קערפער, יעדער איינציגער מענטש איז איין גליד פון דעם גרויסין פאלקס-קערפער, אונ דארפט אלע שטרעמען צוא איין ציעל. אני ה׳, צוא ערקענען אונ מאכין ערקענען דיא איינציגקייט פון וועלט באשעפער.

זעהסטו מיין ליבער לעזער וואס פאר אפיינע איידעלע הארץ דיא געט-ליכע תורה האט אונז גיגעבין, וואס הייסט עס גיגעבין? עס איז גאר פשוט אז מען לערינט אסך תורה לשמה (ערנסט אהנע פניות) באקומט מען איין ריינע איידעלע הארץ, וויא דוא אליין מיין ליבער לעזער זאגסט אין פרקי אבות (כל העוסק בתורה לשמה) דער וואס לערינט דיא תורה ערינסט (נקרא ריע אהוב), קריגט איין נאמען פאר איין געליבטען גיזעלין (אוהב את המקום אוהב את הבריות) ער ליבט דעם פאטער פון הימיל אונ ליבט אלע מענטשין (משמח את המקום משמח את הבריות) ער פארשאפט פארגעניגען דעם פאטער פון הימיל, אונ אויך אלע מענטשין, אונ נאך פיל גרוים-ארטיגע מעלות וואס דיא משנה רעכינט דארטין ווייטער, ביז ומגדלתו ומרוממתו על כל המעשים.

אונ

און אום דיר איבער צוא צייגין וויא פראקטיש עס זיינען דיא רייד פון אונזערע חכמי המשנה וועל איך דיר ערצייילין אקורצע היסטאריע וואס ניט לאנג האט פאסירט (פארינדיג מיטין באן פון קאוונא נאך ווילנא. דאס האט ערציילט אוויכטיגער מאן).

אה! וואס מען ליידעט דאס אויס פון דיא קלויזניקעס, דער רויך פון זיין ציגאר איז גאר ניט צום אויס האלטין – אזויא האט גירעדט מיט אשטורעם אהאלבער אריסטאקראט אויף אפאסאזירער וואס איז אויך גיזעסין דארטין איינפאך גיקליידעט (נור ריין און זויבער) און אפין געזיכט איז גילעגין אדעל און ליבליכקייט.

אויב אייך איז שווער צוא הערין דעם רויך, פארלעש איך מיין ציגאר, און האט גלייך פארלאשין און אריין גילייגט אין טאש.

אויב אייך איז נעפריאטנע דער רויך, טוא זייט אזויא גוט און גייט איבער אין איין געקוריאשצין וואגאן, ווארום זאל דער צווייטער זיך שטערין צוליב אייך וויכערין? אין גענענטהייל דער ציגאר איז זייער אגוטער, אזוי האבין זיך איניגע פאסאזירען גיבייזערט אויף דעם האלבין אריסטאקראט.

אה! וואס מען ליידעט דאס אויס פון דיא דוחאוונע, ער האט מיר גאר מזיק גיוועזן מיט דיא פארטקע וואס ער האט גיעפינט, גיט (אין אהאלבע שטונדע ארום) ווייטער דער זעלבער אדונער.

ניין מיין פריינד, ניט איך האב עס גיעפינט, נור דיזע דאמע וואס זיצט לעבין פארטקע – וואהר דער אנטוואורט פון דעם דוחאוונעם אדילמאן – אויב איהר קענט דאס ניט פארליידין וועל איך פארמאכין, מיט דיזע ווארטין האט דער דוחאוונער זיך אויף גיהייבין און פארמאכט. – אלע פאסאזירען זיינען ענט-ציקט גיווארין פון דיא אדילקייט פון דעם דוחאוונעם, וואס ער באהאנדילט איהם ריכטיג וויא אצערטליכע מוטער איהר צולאזענעם בן יחיד.

וויא נור דער אדילמאן האט ערשיינט אין וואגזאל ווילנא, זיינען פיל וויכטיגע מענטשין צו גיגאנגען צו איהם מיט גרויס עהרעפורכט, „שלום עליכם" רבי, דער האלבער אריסטאקראט האט אבליק גיטאהן, אז דער דוחאוונער איז אגרויסער נכבד, פרעגט ער ביי איינעם, ווער איז דיזער דוחאוונער מאן? – דאס איז דער רבי ר' ישראל סלאנטער וואהר יענעמס אנטווארט, איהר קענט זיך פארשטעלין וויא מיין האלבין אריסטאקראט איז גיווארין צום מוטה, אז ער האט זיך ערפאהרין אז דאס איז דער רבי ר' ישראל, ער האט גוט גיהערט פון איהם, נור פערזאנליך האט ער איהם ניט גיקענט.

מיין אריסטאקראט פרעגט זיך נאך וואו דער רבי וועט פארפאהרין. – צוא זיין איידים הרב המ"ץ וואהר זייער אנטווארט, איך בין זייער נייגעריג

גיוועז

גיוועז צו הערין דעם צוגאנג פון זיין מחילה בעטין דעם רבי'ן, אונ וואס דער רבי וועט איהם אנטווארטין, איך האב אבער קיין וועג ניט גיהאט צוא דעם.

אין איאהר ארום באגעגין איך זיך ווייטער צוא מיין גרויסע פרייד מיט דעם האלבין אריסטאקראט. — זיין געזיכט האט מיר גיצייגט אסך איידעלער אונ מילדער, גאר ניט קיין ערך וויא דענסטמאהל, איך האב מיר ניט גיקענט איין האלטין אונ זאג איהם מיין טהייערער, געוויס זייט איהר דאך פריינדליך גיווארין מיט דעם רבי, פילייכט איז מעגליך איהר זאלט מיר דערציילין פאר־דראבנא וויא עס איז צוא גיגאנגען.

יא מיטין גרעסטין פארגעניגען, איך וועל דיזען גוטען מענטשין ניט פאר־געסין זא לאנג מיינע אויגין וועלין זיין אפין, דאס איז עפעס איין ענגעל פון הימיל געשיקט גיווארין צוא מיין גליק מאטריאליש אונ גייסטליך, דער צוגאנג וואהר אזויא: — אויף מארגין בין איך אריבער צוא איהם, איך געפין איהם זיצין בייא איין רמב"ם, איך האב גיזאגט גוט מארגין, ער אנטווארטעט מיר גוט יאהר, ער שטעלט אשטול אונ בעט מיר זיצין, זיין שיינע אויף גע־זונג האט מיר שוין דער לאנגט וויא מיט אדונער אין הארצין, אונ זאג ליבער רבי איך קען זיך ניט זעצין, בעפאר איך וועל אייך ניט איבער בעטין פאר מיינע נעכטיגע גראבהייט קעגין אייך אין וואגאן, איך בעט אייך איהר זאלט מיר מוחל זיין. — וואס האט איהר מיר דען גיטאהן? מאלע וואס אמענטש רעדט זיך אויס ניט אוים גירעכינטערהייט, נאך אמאהל וועט איהר געוויס זיין זהיר ניט צוא טאהן דאס. זיין אנטווארט וואהר מיר וויא באלזאם אפין הארצין, אונ אום ניט צוא שטערין איהם פון לערנען, נעם איך אב שיעד אונ גייא ארוים. איך האלט שוין דיא קלאמקע אין האנט, רופט ער מיר צוריק מיט דיזע ווערטער: — „איך דער קען אהן אייך אז איהר זייט נישט קיין היזיגער, איהר זייט געוויס גיקומען היער וועגין אינטערעסע, פילייכט איז מעגליך מיר צו זאגין, — איך וועל אייך זאגין צוליב וואס איך פרעג דאס (אום עס זאל אייך ניט זיין וואונדערבאר), די חז"ל זאגין אכלל להלכה (כלים פכ"ה) „מעשה מוציא מיד מחשבה, ואין מחשבה מוציא מיד מחשבה", מען איז דאך נור אמענטש וואס מען איז מרגיש צער אונ בזיון, אבוואהל איך זאג אייך ערינסט אז איך בין אייך מוחל, דאך קומט אמאהל פאהר אגידאנקען פון פארדרוס, איז אום עס זאל גאר ניט בלייבין קיין שפור פון דיא פארדרוס, אונ דאגעגין צוריק באגיסין דיא הארץ מיט פריינדליכקייט וויא צו איין אייגענעם קינד, איז גוט ווען מען קען בפועל ממש זעהן צוא טאהן יענעם אטובה, דאס קען שוין מאכין אשטארקע ווירקונג אפין הארצין צוא גוטין, דרום פרעג איך אייך איערע

גישעפטין

גישעפטין, פילייכט בין איך אים-שטאנד אייך עטוואס באהילפיג צוא זיין, דאמיט איך זאל קענען אייך דער בעסטער פריינד בלייבין".

דיזע זיסע ווערטער וואס זיינען גיזאגט פון איידעלען ריינעם הארצין, האבין מיר וויא איין דונער מיין קאפ צופלעט, אונ איך בין גיוואָרין שטום וויא דיא וואנט, פון אוגריזענע סאוועסט (געוויסענס-ביסע).

מארגין וועל איך וויסין אייך צוא געבין אנטווארט — האב איך מיט כחות אויס גירעדט — איך האב גינומען אבשייד, בין ארויס היילענדיג אזויא וויא איין אויגין-קריינקליכער אנטלייפט פון אליכטיגען זאל, ווייל זיינע שוואכע אויגין קענען ניט ערטראגין דיא זוהן שיין, אזויא האב איך ניט גיקענט ערטראגין די ליכטיגקייט פון זיין איידעלען כאראקטער. — גיין איך וועל דאס ניט טאהן! טראכט איך ביי זיך, לא די וואס איך האב זיך אזוי פארזינדיגט געגין איהם זאל איך נאך פערלאנגען ער זאל האבין פון מיינטוועגין טרחה, אונ בין מיר גיגאנגען בעסער דיא טובה באקומען צוא דעם געוויסין מענטשין וואס איך בין צוא איהם דירעקט גיפאהרין. צוא מיין גרויסין אונגליק אבער, אדער בעסער גיזאגט צוא מיין גרויסין גליק האב איך באקומען איין ידיעה, אז יענער האט פאררייזט, אונ וועט זיך לאנג זאמען, דא זיינען מיינע אלע בנינים צושטראנד גיגאנגען. "נויט ברעכט אייזין" זאגט איין אלטער שפריך ווארט, געגין מיין ווילען האב איך זיך גימוזט ווענדין צוא דעם גוטין איידעלען ר' ישראל, ער זאל מיר דא פיהרין צוא מיין גליק. איך פאס מיר מוטה, אונ קום מארגין ריכטיג וויא איך האב איהם פארשפראכין. איך בין גרייט צו ערפיהלען אייער וואונטש, — זאג איך — ערצייל איך אייך מיין אינטערעס, איך בין פון מיין יוגענד אן איין משורר, איך האב גערינט ביי פארשיידענע חזנים, איז מיר פאהר גיקומען איין פראיעקט מיט אייניגע יאהר צוריק אויס צוא לערנען זיך שחיטה, אום איך זאל קענען פארטרעטין אשטעלע פון חזן אונ שוחט.

מען האט מיר רעקאמאנדירט אשטעלע אין דיא שטאט פ. איך בין אריין גיפאהרין, אונ האב אויס גענומען מיטין דאווענען. דער רב פון שטאט איז גראדע גיוועזען אוועק גיפאהרין, עס איז מיר אבער גישטאנען אין וועג דער פרנס פון שטאט, ווייל וויא עס ווייזט אויס ציהט ער פאר זיינעם אפריינד, האבין מיר מיינע גוטע פריינד גיגעבין אבריף אין ווילנא צוא איין געוויסין נכבד אנגע-בארענער פון יענע שטאט, אז ער וועט מיר געבין אפאפיר צום פרנס איז דיא שטעלע זיכער מיינע, צוא מיין גרויסין אונגליק איז יענער יעצט פאררייזט אויף אלאנגע צייט.

באקומערט זיך ניט מיין פריינד, איך וועל אייך פילייכט קענען באהילפיג

זַיין, גֶעווִיס הָאט אִיהר דָאךְ גִילֶערִינְט הִלְכוֹת שְׁחִיטָה, וֶועל אִיךְ הֵייסֶען מַיין אֵיידִים עֶר זָאל אַייךְ עֶקְזַאמֶענִירֶען, אִיךְ וֶועל אוֹיךְ זַיין דֶערְבַּייא, אוּם עֶס זָאל זַיין אַיין לַייכְטֶער עֶקְזַאמֶען, אוּנ אַז אִיהר וֶועט אוֹיס הַאלְטֶען עֶקְזַאמֶען, וֶועט עֶר אַייךְ גֶעבֶּען קַבָּלָה, אִיךְ וֶועל אוֹיךְ אוּנְטֶער שְׁרַייבֶּען, דֵיינְק אִיךְ אַז דָאס וֶועט אַייךְ אַזוֹיא דִינֶען וִויא יֶענֶעמְס בְּרִיף.

ווֶען קֶען דָאס גִישֶׁעהֶן דֶער עֶקְזַאמֶען? פְרֶעג אִיךְ אִיהם — אֲפִילוּ שׁוֹין. עֶר גֵייט מִיט מִיר אַריין צוּא זַיין אֵיידִים אִין צִימֶער, אוּנ עֶר נֶעמְט מִיר פְרֶעגֶען כְּסֵדֶר הִלְכוֹת שְׁחִיטָה, דִיא עֶרְשְׁטֶע 2 שַׁאֲלוֹת הָאבּ אִיךְ גִיעֶנְטְפֶערְט וִויא אִיךְ הָאבּ גִילֶערִינְט אִין אוֹהֶל יִצְחָק. עֶר פְרֶעגְט וַוייטֶער, דִיא גַאנְץ גֵייטִיגֶע עִנְיָנִים, אִיךְ וֶועל זִיךְ נִיט לֵייקֶענֶען, אַז אִיךְ הָאבּ נִיט גִיָכוֹל'ט, אִיךְ הָאבּ זִיךְ נָאךְ פַארְפּוּטְשֶׁעוֶועט מִיט אַפָּאר וֶוערְטֶער וָואס הָאבֶּען גֶעווִיזֶען מַיין פְּרַאקְטֵיקִייט, אִיךְ שֶׁעם זִיךְ אַייךְ אִיבֶּער צוּא זָאגֶען — אוּנ הָאבּ שׁוֹין פַארְשְׁטַאנֶען מַיין אוּנְגְלִיק, עֶר רֶעדְט זִיךְ צוּא מִיר פְרַיינְדְלִיךְ אַרוּף פִיהְרֶען מִיר אַפִּין רֶעכְטֶען וֶועג, עֶר הָאט מִיר אַזוֹיא לִיכְטִיג גִימַאכְט מַיינֶע אוֹיגֶען, אַז אִיךְ הָאבּ גוּט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס פַאר אַיין עַם הָאָרֶץ אִיךְ בִּין.

זַייט נִיט אַזוֹיא רַאסְטְרוֹיֶעט — זָאגְט צוּא מִיר דֶער אַדִילְמַאן — גֶעווִיס הָאט אִיהר דָאךְ גִילֶערִינְט נוּר פוּן וֶועג, עֶס אִיז מֶעגְלִיךְ אַז אִיהר זַייט שׁוֹין אַלַאנְגֶע צַייט אִין וֶועג חַאפְּט זִיךְ פַארְגֶעסֶען, וֶוער זָאגְט אוּנְז, גֵייט אַייךְ אוֹיף אַייֶער סְטַאנְצִיֶע, אוּנ הֶערְט אִיבֶּער אֵיינִיגֶע מָאהל, דַאן וֶועלִין מִיר עֶנְדִיגֶען וֶועגֶען דֶעם, פִילַייכְט וֶועט אִיהר קוּמֶען קוֹרֶץ אִין הוֹצָאוֹת וֶועט מֶען אַייךְ אוֹיס לַייהֶען, נוּר אִיהר זָאלְט זִיךְ נִיט שֶׁעמֶען צוּ זָאגֶען, אוּנ מִיט דִיזֶע רַייד הָאט עֶר גִינוּמֶען אָבְשֵׁייד פוּן מִיר. פַארִין אַרוֹיס גֵיין דֶערְלַאנְגְט עֶר מִיר אַקְלֵיין סֵפֶר מִיט דִיזֶע וֶוערְטֶער, אִין דִיא רוּהִיגֶע צַייטִין, ד. ה. אַז מֶען וֶוערְט מִיד פוּן לֶערְנֶען אִיז גוּט אִין דֶעם אַרַיין צוּא קוּקֶען, דָאס אִיז גוּט פַאר אַלֶעמֶען, וּבִפְרָט פַאר אַייֶער גִישֶׁעפְט וָואס עֶס פָאדֶערְט יִרְאַת שָׁמַיִם, נִיט צוּא זָאגֶען אוֹיף טְרֵייף כָּשֵׁר, וְאַהֲבַת הַבְּרִיּוֹת, נִיט צוּא מַאכִין פוּן כָּשֵׁר טְרֵייף. — אִיךְ גֵייא אַרוֹיס גִיבּ אִיךְ אַבְּלִיק, אַז דָאס אִיז דֶער בַּארִיהמְטֶער סֵפֶר „מְסִלַּת יְשָׁרִים״.

אִיךְ בִּין מִיר אַוֶועק אוֹיף מַיין סְטַאנְצִיֶע, אוּנ הָאבּ מִיר אָבּ גִירוּהְט עֶטְוָואס פוּן גְרוֹיסֶע פַארְוואוּנְדֶערוּנְג אוֹיף דִיזֶען אַדֶעלְמַאן. אוּנ הָאבּ זִיךְ גִיזֶעצְט לֶערְנֶען. צְווֵייא מָאנַאטִין נָאךְ אַנַאנְד הָאבּ אִיךְ גִילֶערִינְט וִויא אַגְלָאק, אִיךְ הָאבּ זִיךְ שׁוֹין נִיט גִישֶׁעמְט מִיט דִיא דוּחָאוְנֶע, אִיךְ הָאבּ מִיר שׁוֹין גִידוּנְגֶען אַגוּטִין יוּנְגֶען מַאן צוּא לֶערְנֶען מִיט מִיר מַסֶּכֶת חוּלִּין מִיט יוֹרֶה דֵעָה, אוּנ בִּין אָבּ גִיזֶעסִין אַהַאלְבּ יָאהְר, גִילֶערִינְט בְּהַתְמָדָה, אוּנ פִיל מָאל אִין טָאג גִילֶערִינְט

מסלת

מְסִלַּת יְשָׁרִים, אָה, איך זָאג אייך וָואס פַּאר אַמִין אַדִילְקֵייט דָארְטִין לִיגְט, אַז איך בִּין אייך גָאר נִיט אִים-שְׁטַאנְד פָּאר צוּא שְׁטֶעלִין, עֶר עֶפִּינְט רִיכְטִיג דִיא אוֹיגִין צוּא וִויסִין צוּא וָואס פַּאר אַצִיעל דֶער מֶענְטְשׁ אִיז בַּאשַׁאפִין אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּם עֶר זָאל וִויסִין צוּ וָואס עֶר זָאל זִיךְ שְׁטְרֶעמֶען מִיט זַיין גַאנְצֶע יְגִיעָה אוֹיף דֶער וֶועלְט "למען לא יגע לריק ולא ילד לבהלה". אַלֶע שַׁבָּת פְּלֶעג אִיךְ גֵייןְ אִין דֶער שׁוּהְל וואו עֶר דַאוְוינְט אוּם צוּא זֶעהְן זַיין לִיכְטִיגֶע אַדֶעלֶע גִישְׁ-טַאלְט, אוּנ נִיט גִיסֶמְייעט צוּא צוּא-גֵיין צוּא אִיהם פוּן גְרוֹיס עֶהרֶענְפוּרְכְט, אוּנ אוּיס גִימַיידעט עֶר זָאל מִיר נִיט דֶער זֶעהֶען. אִיךְ הָאבּ בַּייא זִיךְ בַּאשְׁלָאסִין אִיךְ זָאל נִיט קוּמֶען צוּא אִיהם, וואו אִיךְ זָאל נִיט וִויסִין קְלָאהְר וִויא גִיהֶערִיג אִיז, עֶס מֶעג דוֹיעֶרִין אַיָאהְר אוּנ צְווֵייא, אוּנ מֶעג פַאְרלִירִין דִיא שְׁטֶעלֶע, מִיר אִיז שׁוֹין גָאר נִיט גִילֶעגִין דִיא שְׁטֶעלֶע אִין זִינֶען. מִיר אִיז גִילֶעגִין וִויכְטִיגֶערֶעס אִין זִינֶען, זִיךְ אוּיס צוּ בִּילְדִין אִיךְ זָאל הֵייסִין אַמֶענְטְשׁ, וַוייל וִויא אִיךְ פַארְשְׁטֵיי יֶעצְט בִּין אִיךְ פָארְהֶער גָאר גִיוֶועןְ אַיין בְּהֵמָה בְּצוּרַת אָדָם, נִיט קֵיין מֶענְטְשׁ. מַיין פְרוֹיא אִיז גִיזֶעסִין בַּייא אִיהְר פָאטֶער דֶערְוַוייל.

עֶנְדֶע 6 מָאנַאטִין בִּין אִיךְ גִיגַאנְגֶען אִין שׁוּהל וואו עֶר דַאוְוינְט, פְּלוּצְלוּנְג אִיז עֶר מִיר אָן גִיקוּמֶען אַנְטְקֶעגִין, אִיךְ הָאבּ זִיךְ שְׁטַארְק פַארְשֶׁעמְט. "וָואס מַאכְט אִיהְר מַיין פְרַיינְד — פְרֶעגְט עֶר מִיר זֵייעֶר פְרַיינְדְלִיךְ, וָוארוּם קוּמְט אִיהְר נִיט אַרוּף צוּא אוּנְז", אִיךְ בִּין מִיט אִיהם גִיגַאנְגֶען צוּא הוֹיז, עֶר הָאט מִיר עֶקְזַאמֶענִירְט, אוּנ אִיךְ הָאבּ אוּיס גִינוּמֶען, אִיךְ הָאבּ אִיהם דֶערְצֵיילְט מִיט וֶועמֶען אִיךְ הָאבּ גִילֶערְנְט דִיא גַאנְצֶע צַייט, אוּנ הָאבּ אִיהם אִיבֶּער גִיזָאגְט אֵיינִיגֶע רַעְיוֹנוֹת פוּן מְסִלַּת יְשָׁרִים, אִיךְ בִּין אִיהם טַאקֶע קְלָאהְר פוּן טָאוִויל בִּיז טָאוִויל. — זַיין אֵיידִים דֶער מוֹרֶה הוֹרָאָה הָאט מִיר גִיגֶעבִּין קַבָּלָה, אוּנ עֶר הָאט אוּנְטֶער גִישְׁרִיבִּין, דֶער פַּרְנָס הָאט דֶער זֶעהְן דִיא קַבָּלָה, אִיז עֶר עֶנְטְצִיקְט גִיוָוארִין — קוּרְץ גִיזָאגְט, אִיךְ הָאבּ מִיט אִיהְר, נוּר מִיט אִיהְר גִיקְרָאגִין דִיא גְרוֹיסֶע שְׁטָאט פ. אוּנ עֶס אִיז מִיר גוּט וִויא דִיא וֶועלְט, אִיךְ וֵייס וִויא צוּא שֶׁעצִין תּוֹרָה, אִיךְ שֶׁעץ דֶעם רַב, מִיט גְרוֹיס עֶהרֶעפוּרְכְט, אִיךְ בִּין חָרֵד אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר זָאגְט מִיר, וַוייל עֶר אִיז אוֹיךְ פוּן דֶעם רֶבִּי ר' יִשְׂרָאֵלְ'ס תַּלְמִידִים, אוּנ דַאדוּרְךְ בִּין אִיךְ לְחֵן וּלְחֶסֶד בַּיי אַלֶע נִכְבַּדֵי הָעִיר. אוּנ וִויא וַוייט אִיךְ הָאבּ גִיהַאסְט דֶענְסְטְמָאהְל אַיין בֶּן תּוֹרָה (כמ"ש ר"ע כשהייתי ע"ה אמרתי מי יתן לי ת"ח ואנשכנו כחמור) אַזוֹיא לִיבּ אִיךְ יֶעצְט פוּן גְרוּנְד הֶערְצִין אַיין בֶּן תּוֹרָה.

זֶעהְסְטוּ מַיין לִיבֶּער לֶעזֶער וִויא רִיכְטִיג עֶס אִיז. אַז תּוֹרָה לִשְׁמָהּ בִּילְדֶעט אוּיס דִיא הַארְץ פוּן מֶענְטְשִׁין, אַז עֶר וֶוערְט אַזַא אַדֶעל, גָאר אִיבֶּער נַאטִירְ-לִיךְ, אוּנ אַזוֹיא הָאט דִיא פָאלְק גִיהַאט הוּנְדֶערְטֶער מֶענֶער, וָואס זַיא הָאט זִיךְ

מִיט

מיט זייא געציערט אונ גערימט. — ליידער אבער זינט מיר האבין זיך ערווייטערט פון דער תורה, איז דיא יודישע ריינע הארץ זייער פארשטויבט געווארין דורך דעם גרויסין שטויב וואס דער רוח הזמן האט אויף איהר אן געטראגין, אז דעם ליכטיגען פסוק „לא תקום, ואהבת לרעך כמוך" האבין מיר פשוט פארגעסין אונ דיא נארישקייט פון ספרי כסילים גידיינקט זיך, עס גידיינקט זיך אונ עס טוט זיך. אונזער הארץ איז אזויא געווארין פארשטויבט, אז עס איז פשוט אגראבער טינק פון ליים אויף איהר באצויגין, אז עס קען ניט דורך שייגען איהר ליכטיגקייט (הן אמת (אשר) הפצת (ונטעת עמוק עמוק בלבנו) בטוחות (מכוסה בטיח טיט עב, ע"י „השקר" מהבלי הזמן אשר „ספלני" עליה). אונ ווען עס גיט אמאהל אשטראל פון דיא ריינע ליכטיגקייט וואס השי"ת האט פארפלאנצט אין אונזער הערץ (כמ"ש נצר מטעי, וחיי עולם נטע בתוכנו) וויל דער רוח הזמן דעם שטראל אויך פארטושעווען, וויא מיר הערין מאנכע מאהל ווען איינער טוט אדבר טוב זאגט ער „איך טוא עס ניט פון פרומקייט וועגין, נור מצד חאראקטער" איך פארשטייא עס גאר ניט, וואס איז די חרפה אז פון פרומקייט וועגין? וואס הייסט דען פרומקייט? פאלגין וואס השי"ת האט אונז גישריבין אין דער תורה „ועשית הישר והטוב", וואס מיר דארפין מיט דעם שטאלצירען, לסוף שעמען מיר זיך אונ ווילען עס פארלייקענען, אחכם האט גיזאגט זייער אגוט ווארט אויף דעם „מיר באהאלטין זיך אזוי לאנג, ביז וואנען מיר פארלירען זיך". — עס איז נור אחיטראסט פון יצה"ר, וויל ער ווייס גאנץ גוט, אז דיא גרעסטע ליכט קען איין ווינט פארלעשין, אבער דיא זוהן שיין איז קיין ווינט ניט אים-שטאנד צו פארלעשין, דרום שרעקט ער זיך אויב דוא טוהסט דאס, וויל דיא תורה (טאג ליכטינקיים, תורה אור) האט בלויכטין דיין סאוועסט, דאן וועט שוין קיין רוח תאוה וגאוה ניט קענען פארלעשין דיין גוטע הארץ, דרום סטאראיעט ער זיך אראפ נעמען דיא זוהן שיין פון איהר נור בלויז סאוועסט, אונ הגם סאוועסט איז אויך אגעטליכער שיין אין מענטשין*) וואס נייגט איהם צוא טאהן גוטעס אונ שטראפט אונ פלאגט איהם ווען ער טוט אפארברעך (כמ"ש (תהלים ע"ה) אמרתי להוללים אל תהולו כי' מלבי"ם), דאך אבער איז עס ניט זיכער, עס איז מעהר ניט וויא אליכט וואס באלייכטעט אפינסטערין זאל, אבער נור בעת עס איז רוהיג אן אווינט, וויא עס קומט אבער אגרויסער ווינט פארלעשט

---

*) אוואלף אז ער צוא רייסט אשטאדע שעפסין פלאגט איהם ניט זיין סאוועסט ווארום האב איך גיטאהן אזא פאדלאסט? אבער אמענטש ווען ער טוט אב איין מארדטהאט פלאגט איהם דער סאוועסט, וויא דיא פראקטיקע האט געוויזין אז פיל מערדער וואס פאליצייא האט זייא ניט דער גאנגען, האבין זיך אליין אין אצייט ארום איבער גיגעבין לבית המשפט (אגוטער בעוויז אז דיא נשמה איז אגעטליכער טהייל).

פארלעשט איהר, דאס גלייכען ווען עס קומט אגרויסער ווינט פון אגעלט גייץ, אדער אגרויסע תאוה אדער גאוה, דאן ווערט פינסטער דער סאוועסט, אונ דער מענטש קען אב טאהן דיא גרעסטע פארדארבענהייט*). דרום דארפין מיר זעהען וואס מעהר צוא נייגין אונזערע גידאנקען סייא אין סור מרע (אין אויס ווייכין פון שלעכטעס), אונ סייא ועשה טוב (אין טאהן גוטעס) אז מיר טוען עס אלעס, ווייל דער רצון התורה איז אזויא (כמ"ש בכל דרכיך דעהו, וכל מעשיך יהיו לשם שמים) אונ גראדע שטאלצירען מיט דעם (כמ"ש ויגבה לבו בדרכי ה').

יעצט לאמיר אבליק טאהן דעם נייםאדישען יצר הרע וויא ער שפילט זיין ראליע גאר וואונדערליך, ער גייט מיט ריכטיג מיט די וועלט, אמאהליגע צייטין איידער עס איז ארויס גיקומען מאשינען, איז גיוועזן נור האנד-ארבעט, עס האט גידויערט איידער אמייסטער האט אויס גיארבעט אזאך, היינטיגע קלוגע וועלט האט ערקלעהרט מאשינען ארבעט זיך הונדערטער שטיק אין אשטונדע, דאס זעלבע מיט דעם יצר הרע, אמאהליגע צייטין איז בייא איהם גיוועזן האנד-ארבעט, ווען ער האט גיוואלט מאכין איינעם פאר איין אפיקורוס האט ער גידארפט הארעווען אויף איהם יאהרין לאנג, דורך פיהרין איהם זיינע 7 קלאסין (שבע שמות יש לו ליצה"ר) דהיינו פריער פון אלע למודים האט ער איהם גיהייסין לערנען ספרי מחקר ישרים (כמו המורה נבוכים וכיוצא) הגם זייא זיינען משמח דעם שכל וויא אגוטע גלאז וויין, אבער ניט אויף אניכטערע הארץ וואס איז נאך ניט אונטער גילעהענט מיט לחם ובשר (ש"ס ופוסקים), נאכהער האט ער איהם אריין געפיהרט אין פרייע ספרי מחקר פון חכמי האומות (כמו דארווין וחביריו) עס איז אוועק יאהרין לאנג איידער ער האט אויס גיארבעט איין אפיקורוס, יעצט אין דיא קלוגע פאבריקאציע וועלט איז דער יצה"ר אויך קלוג גיווארין, ער האט אויך גישטעלט מאשינען, ער גיט אדרייא דיא מאשינע פליהען בייא איהם אפיקורסים צענדליגע הונדערטע אין איין נאכט (כפורות דשעים כמו עשב), דהיינו ער קומט צוא איונגען מענטשין אונ זאגט, וואצוא ברויכסטו לערנען, וואס ווייסטו האבין פון דעם, מען דארף נור האבין כאראקטער, אונ כאראקטער לערנען דארף מען לייענען ראמאנען אונ שפאצירין אויף בולווארין אונ גערטנער, דארטין זעהט ער איין

לעבין

---

*) כמ"ש רק אין יראת אלהים במקום הזה (אף שיש שם נמוסי ד"א ויושר בכ"ז אינני בטוח יען כי רוח תאוה ליפת תואר כאמנו שרה יוכל לכבות את הסאוועסט) והרגוני ע"ד אשתי, וי"ל כונת הכתיב (דברים ו' י"ח) ועשית הישר והטוב בעיני ה' אף כשהעשה דבר שהיושר (סאוועסט) מחיב לזה, לא תעשה מצד משפט לבך (סאוועסט) רק לפי שהוא ישר וטוב בעיני ה' שכן גזרה חכמתו ית"ש, וכן יש לכוין בזה לשון „אנכי" תכנתי עמודיה סלה (תהלים ע"ה) שהיושר שופט ומחליט כי אקח מועד, אם אני מישרים (סאוועסט) אקבל המעדה והתמוטטות אז נמוגים ארץ וכל יושביה כי רק אנכי מישרים (סאוועסט) תכנתי עמודיה העמדתי עמודיה על מכונם ובאו חז"ל והטעימו לנו מי הוא „אנכי" כלומר איזה סאוועסט הוא מעמיד העולם על כן ובפ"ס בטוח, היא אנכי שאמרתי נעשה ונשמע דבר ה' (אנכי ה"א) כלומר הסאוועסט המוא־ באיר התורה ואמונת אנכי ה"א היא המעמיד העולם, יען כי כל הרוחות שבעולם לא יוכלו לכבות את השמש, אף אם ינשאו עננים ויאפילוה כמעט רגע רוח בא ותטהרם.

לֶעבִּין מִיט רָאשְׁקָאס, זָאגְט עֶר אִיהְם בְּרוּדֶער, מַאךְ אוֹיךְ אַלֶעבִּין, עֶס אוּנ טְרִינְק, אוּנ טהוּא וָואס דַיין הַארְץ גִילוּסְט, אַיי וֶועגִין שְׁפֶּעטֶער (מֶען וֶועט דָאךְ דַארְפִין אָבּ גֶעבִּין דִין וְחֶשְׁבּוֹן פַאר דֶעם מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים), לַאךְ זִיךְ אוֹיס נָאכִין טוֹיט מֶעג מֶען מִיט דִיר פַארְשְׁפַּארִין אַפְּלַאנְקֶען׳, זֶעהֶסְטוּ וִויא אִין אַקוּרְצֶע צַייט הָאט עֶר שׁוֹין אַפַּארְטִיגֶען אַפִּיקוֹרוֹס, אַהוּלְטַייא וָואס קֶען נוּר גֶעבִּין, אוּנ אַחָכָם אוֹיךְ צוּ דֶעם (עֶר אִיז דָאךְ אוֹיס גִיגַאנְגֶען 8 גֶערְטְנֶער (ראי דרכך „בניא" אין גארטין „גאי") עֶר זָאגְט וִויא אַזוֹיא זָאל אִיךְ גְלוֹיבִּין אַזַאךְ וָואס מַיין שֵׂכֶל נֶעמְט דָאס נִיט, אַז מֶען לֵייגְט אַרַיין אִין דֶער עֶרְד אוּנ פוּן קֶערְפֶּער וֶוערְט פָּארְךְ, טוּא וֶועמֶען וֶועט מֶען נֶעמֶען צוּם מִשְׁפָּט? הַיינְט אִיז נִיט וָואס פַארְצַייטִין, הַיינְט אִיז אַקְלוּגֶע וֶועלְט וָואס מֶען פַארְשְׁטֵייט אַלֶעס מִיט שֵׂכֶל, אוּנ אִיהְם ווּאוּנְדֶערְט זֵייעֶר, וִויא הָאט מֶען זִיךְ דָאס פַארְצַייטִין גִילָאזְט אַיין רֵיידִין אַזֶעלְכֶע זַאכִין. יֶע מַיין טְהַייעֶרֶער דוּא ווּאוּנְדֶערְסְט זִיךְ שְׁטַארְק אוֹיף פַארְצַייטִיגֶע דוֹרוֹת, וֶועל אִיךְ דִיר וַוייזִין אִין דִיא נַייאָמָאדִישֶׁע וֶועלְט אַגְרֶעסֶערִין ווּאוּנְדֶער, עֶס שְׁטֵייט אַגְרוֹיסֶער אַשְׁטַארְקֶער בּוּפֶעל-אָקְס, אַז מֶען זָאל אִיהְם וֶועלִין שְׁלֶעפִּין אִין בּוּינֶע צוּם שְׁלַאכְט דַארְף מֶען הָאבִּין 10 גִבּוֹרִים, קוּמְט אַקְלֵיינֶער אִינְגִיל אוּנ זָאגְט „אִיךְ אַלֵיין וֶועל אִיהְם אַוֶועק שְׁלֶעפִּין אִין בּוּינֶע", וֶוערִין אַלֶע פַארְווּאוּנְדֶערְט, נֶעמְט עֶר אַהוּיפִין הֵייא אוּנ וַוייזְט דֶעם אָקְס, הָלֶעבִּין דֶער אָקְס הָאט אָן גִיהֵייבִּין צוּ גֵיין בִּיז וַואנֶען דֶער אִינְגִיל הָאט אִיהְם צוּ גֶעפִיהְרְט (דוּרְךְ דֶעם הוּיפִין הֵייא) אִין בּוּינֶע, נוּא וָואס זָאגְסְטוּ אוֹיף דֶעם? אַזַא גְרוֹיסֶער בּוּפֶעל-אָקְס הָאט זִיךְ גִילָאזְט פַארְפִיהְרִין פוּן אַקְלֵיינֶעם אִינְגִיל, אוּנ דוּרְךְ וָואס? דוּרְךְ אַהַייפִיל הֵייא, אִיז דָאס נִיט אַפֶּלֶא? וַוארְט דוּא וֶועסְט נָאךְ זֶעהֶען אַגְרֶעסֶערִין ווּאוּנְדֶער, אַז אַמֶענְטְשׁ מִיט מַארְךְ זָאל זִיךְ אַזוֹיא וַוייט לָאזִין פַארְפִיהְרִין פַאר אַהַייפִיל הֵייא, דָאס הֵייסְט פַאר אַקְלֵיינֶע הֲנָאָה וָואס עֶר וֶועט עֶסִין טְרֵפוֹת אָדֶער רוֹיכֶערִין אוּם שַׁבָּת, זָאל עֶר זִיךְ לָאזִין אַרַיין נַארִין אִין זַאק, גִיוָוארְפִין צוּא וֶוערִין אִין יַם הָאֲבַדוֹן. וִויא לָאזְט זִיךְ דָאס אַקָאפּ מִיט מַארְךְ אַיין רֵיידִין, אַז אַמֶענְטְשׁ וָואס עֶר אִיז דֶער קְרוֹין פוּן דִיא גַאנְצֶע בְּרִיאָה וָואס מִיט זַיין שֵׂכֶל (וואס השי"ת האט איהם חונן גיוועז) קֶען עֶר פָּשׁוּט אַרוּיף פְלִיהֶען אוֹיף דִיא זוּהְן אוּנ אוֹיס מֶעסְטִין אִיהְר רִיכְטִיג פִיל זִיא הַאלְט, זָאל נַאכְהֶער פוּן אִיהְם וֶוערִין גָאר נִיט, וִויא קֶענְסְטוּ דָאס גָאר אַרוֹיף בְּרֵיינְגֶען אוֹיף דַיין מוֹחַ. דִיא גַאנְצֶע וֶועלְט פְרִיזְנַייעֶן, אַז עֶס אִיז דָא הַשְׁאָרַת הַנֶפֶשׁ, אַז דִי זֶעלֶע פוּן מֶענְטְשִׁין פַאר בְּלַייבְּט אוֹיף אִימֶער אוּנ עֶוִויג, וִוילְסְטוּ פֶּתִי שׁוֹטֶה קוּמֶען אוּנ דָאס אָבּ לֵייקֶענֶען, אוּנ מִיט וָואס? וַוייל דוּא (מִיט דַיין עֶזֶעל קָאפּ) פַארְשְׁטֵייסְט נִיט. אִיךְ וֶועל דִיר פְרֶעגִין גָאר אַקְלֵיינִיגְקֵייט, וָוארוּם שְׁטָאלְצִירְסְטוּ אַזוֹיא מִיט דַיין „אִיךְ" וֶוען אֵיינֶער זָאל דִיר בַּאלֵיידִיגֶען וֶוערְסְטוּ

אנגיצונדין

אנגיצונדען, אז עס איז רעכט (אין מאנכע ערטער) ארוים רופין יענעם אויף אדועל (מלחמת הבינים), ווען אין אמינוט ארום קען ווערין פון דיר גאר גישט פון קערפער אונ פון דיא זעלע אויך (נאך דיינעם פאלשין מיינונג), טוא ווער איז דאס דיין „איך"? זעהע אליין וויא דיינע מעשים זיינען סותר דיינע גידאנקען. אונ וועגין דיין טענה אז דוא פארשטייסט ניט (וויא אזויא וועט מען נעמען די פארך צום משפט), זאג מיר דוא חכם (אדער בעסער זאגענדיג דוא פתי) אונ זיך אליין פארשטייסטו? וויא האסטו זיך ענטוויקעלט אין מוטער-לייב פון אקליינעם טראפפען צו אזא קערפער פון 248 גלידער אונ 365 אדערין, אונ נאך אמיינגע טהיילין, גערווען, מוסקולין, אונ דאס גלייכין*) אזא וואונדערליכע מאשינע וואס

*) ערקלעהר מיר דוא חכם! וואס דיין „איך" איז בייא דיר אזא גרויסער וועזען, וואס טהוט זיך בייא דיר אין דיין „איך"? אונד ווארום ווענן עס פאנגט דיר אן עטוואס צו שמערצין, עטוואס קיילע גיווארין אשרייפעלע אין איין קליינעם ערזאטץ-טהייל פון דיין מאשינע, גייסט דו זוכען ווער עס זאל דיר ערקלעהרין וואו דער פעהלער ליגט, אונד וויא צו פאפראווענען, שעמסטו זיך דאס גאר ניט דו גרויסער אויפגעקלער-טער פרייגעזאגענער נאך צוא שיקען בייא אזא ס׳-צייא גאך א רופא וועלכער איז נאך אפאנאטיקער פון אלטען דור, וואס ער האט נאך היינט נופא תפילין געליינט אונד געשריען „אחד" מיט כונה, אונד ער ווייזט דיר אן וואו איז דאס דער דעפעקט בייא דיר אין דיין פהילאזאפישען „איך"? זאג מיר מיין פהילאזאף! דיא מילבען וועלכע דוא האסט פארשלונגען לאבענדיג פון דיא בטלנים וואס זייא היטען דעם איסור פון מילבען, אט דיא קליינע מילבען, וועלכע דיין פהילאזאפישע אויגע, אונד דיין שארפער קריטי-שער בליק, וואס דו ריהמסט זיך דערמיט, זיינען ניט אים-שטאנדע זייער וועזען זייער פארמע צוא בעקוקען אונד בעטראכטען, די שאפפונג פון דיזע קליינע וועזען פאר-שטייסט דוא? זייא זיינען אויך זכר ונקבה, זייא זיינען זיך אויך מזדווג, זיינען פרים ורבים, אין זייערע קליינע קערפערלאך זיינען אויך געוואלטיגע ארגאנען צו פערשלינגען זייערע שפייזען, צום קאכען אונד פערדייען. ביים מענליכען כלי הולדה, ביים ווייבליכען כלי הקבול והגידול, אונד אין זייער ולד ליגענדיג נאך אים מוטער לייב איז שוין אויך גאנצע ארגאנען דארטין אין זייערע אינגערליכקייט, דוא פארשטייסט דאס אלעס וויא עס טהוט זיך זאלכעס אדער ביזט דוא וויניגסטען אים-שטאנדע צוא פערשטיין ווען אויסענדער וועט דיר דאס וועלין ערקלעהרין? — וויא אראפ צו נעמען אבארד שבת ווען דוא האסט צייט פארשטייסטו גאנץ גוט, אבער וויא וואקסט א וועלדיל אויף דיין פהילאזאפישע מארדע פארשטייסט דוא? [כמ"ש הקב"ה לאיוב (ב"ב פ"ז) הרבה נימין (שלום) בראתי באדם וכל נימא ונימא בראתי לה גומא בפני עצמה שלא יהיו שתים יונקות מגומא אחת שאלמלא שתים יונקות מגומא אחת מחשיכות מאור עיניו של אדם וע"ש עוד] עס וואקסט פראסט אוואלד אויף דיין נוף מען שניידט אונד עס וואקסט ווידער, אונד עס געפינען זיך אויך דארטין זיוואטנע וויא אין אלע וועלדער. ערקלעהר מיר אויך אביסעל מיין ליבער ברודער! מיין אויפ-געקלעהרטער! וויא שעמסטו זיך ניט אזויא דום צו זיין, אונד צו פארמאכין דיא אויגען אונד זאגין: „דאס וואס איך פארשטייא ניט גלויב איך ניט", זיך זעלבסט פאנגסטו גאר ניט אן צוא פארשטיין, היינט וויא אזויא גלויבסטו אין זיך זעלבסט? (ב-צא"צ).

וואס מיליאנען מענטשין שטודירען דארין טויזינדער יאהרען, אונ ווייסין נאך איהר ניט גרונטיג, דאס פארשטייסטו ? — וויא אזויא ליגסטו 9 מאנאטין אויף גידרייט וויא אקנויל בייא דיין מוטער, פארמאכט דיא מויל, דעם נאז, אונ דיא אויגין דאס פארשטייסטו ? פרובירט יעצט פארשטאפין דיא מויל מיטין נאז וועסטו זעהען אויב דוא קענסט לעבין 5 מינוט. אונ נאכהער וויא דוא גייסט ארויס פון מוטער לייב, ווערט אין איין מינוט איין פערעמען, דוא עפינסט גלייך דיא אויגין מיטין מויל, אונ שרייסט „גיט עסין" ! דאס פארשטייסטו ? אונ וויא אזויא דוא לעבסט ? וואס לעבט אין דיר, אונ וואס פעהלט אין דיר אז דוא שטארבסט ? דאכט זיך דער קערפער איז אין גאנצין, דאס פארשטייסטו ? אונ נאך פיל טויזינדער זאכין וואס לעבין דיין נאז איז פארשטייסטו ? וויא לעבט דיא קליינע מילב, אדער נאך קלענערע ברואים וואס קוים דיא אויג דער זעהט זייא, וויא פאמיעסצעט זיך בייא זייא אקאפ מיט אויגין, אמויל מיט פיס, וויא ארבעט זיך בייא זייא דיא שפייז, דאס פארשטייסטו ? אז דוא פארשטייסט ניט וואס לעבין דיין נאז איז ווילסטו פארשטיין אזא איידעלע זאך. — יעצט גלויב איך וועסטו שוין פארשטיין דיא קלוגע פראקטישע רייד פון פרקי אבות „הקנאה והתאוה והכבוד מוציאין את האדם מן העולם". תאוה מאכט אונגליקליך דעם מענטשין זיא פיהרט איהם גאר ארויס פון גדר מענטש לגדר בהמה. באטראכט גוט וויא חיטרע דיין יצר הרע איז, ער האט אבליק גיטאהן וויא ווייט די נארישע חכמים שטייען גיפעהרליך, אז פאר אביסיל הייא וואס ער ווייזט זיי לאזין זיי זיך פיהרין אין בוינע, אונ ווערין זוללים וסובאים אונ טרייפנאקעס, פארזארגט ער פיליכט וועט דער שוידער פון דעם פינסטערין נאמען „זולל וסובא" זייא אויפמערקזאם מאכין אז זייא בלאנדזען, האט ער זיך מישב גיוועזן, אונ גינומען אמנין ארימע לומדים (אין עני אלא בדעת) וואס לערנען גאנצע נעכט ביין גרינעם טישיל אונ האט זיי משנה השם גיוועזן פון „זוללים וסובאים" אויף חפשים „פרייא גיזאנגענע" אונ קומט מיט אשמחה צוא זיין גיפעהרליכען חולה וואס ליגט אויף זיין טויטע דול-בעט, אונ זאגט איהם מז"ט דיר מיין קינד שרעק זיך ניט פאר דיין פינסטערין נאמען „בעל תאוה", „הולטייא", „זולל וסובא", „אויסוואורף". מען רופט דיר שוין יעצט „פרייא גיזאנגענער", דער פתי איז זיך גאר מחיה מיט דעם נייעם נאמען, ער האפט שוין צוא קריגען כבוד אויך, ער איז דאך שוין גאר איין פהילאזאף „אפרייא גיזאנגענער", דא האט שוין דער יצר הרע צווייא נעצין וויא צו שלעפין זיין העכט „תאוה" אונ „כבוד". נאכהער זאגט ער צוא איהם, מיין קינד וויא באלד אז דוא בינסט שוין יוא אזא לייט „אפרייא גיזאנגענער" ווארום זאלכטו לעבין געדריקט אונ יענער מיט אזא ראשקאס ? (הא ! וואו איז „קנאה" אין דער

וועלט

וועלט)?, ווענדע אָן אַלע מיטלען וואס נור דוא קענסט, „מען טאר ניט“ איז גאר היינט ניטא, דוא בינסט דאך „אפרייא גיזאנגענער“, אט דא בינסטו שוין פארטיג, דער יצר הרע האט דיר שוין גיבונדין מיט דרייא קייטין „קנאה, תאוה, כבוד“, דא בינסטו שוין זיכער זיינער. דא וועט ער דיר שוין ארוים שלעפין ניט אזויא פון דיא אייביגע וועלט, אפילו פון דער וועלט אויך, דיין לעבין איז שוין קיין לעבין ניט, דוא האסט שוין 3 פיאווקעס „קנאה, תאוה, כבוד“ וואס זייא זייגין דיר דיין בלוט אן איין אויף הערונג, דוא ווערסט שוין צאהלין גוטע געלט אונ בלוט פאר דיין נייעם נאמען „פרייא גיזאנגענער“*).

דארום לערנען אונז אונזערע אמתע גוטע פריינד, ואל יבטיחך יצרך שהשאול בית מנוס לך, לאז זיך ניט פארפיהרין פון דיין בייזע תאוה, אז דוא ווערסט זיך רעטין אין גרוב ד. ה. אז נאכין טויט מעג מען מיט דיר פארשפארין אפלאנקען, ווייל דיין שכל נעמט דאס ניט, וויא אזויא וועט מען דיר נעמען צום משפט? שעל כרחך אתה נוצר כו׳, דיין באשאפן אונ דיין גיבארין אונ לעבין אונ שטארבין איז אויך ועל כרחך ד. ה. נגד דיין שכל, אזויא וועט זיין ועל כרחך אתה עתיד ליתן דין וחשבון לפני מלך מלכי המלכים הקב״ה, אז דוא וועסט דארפין אב געבין דין וחשבון פאר אלע דיינע בייזע טהאטין, הגם עס איז נגד דיין שכל, אונ דוא פארשטייסט עס ניט. — דערהויפט אונגליק איז נור וואס מען וויל ניט אריין קוקען אין איין אידעשין ספר, ווען מען וואלט לערנען ערינסט יעדער נאך זיין יכולת וואלט מען פון אלעם גירעטעט ווערין, ווייל די

תורה

*) אויף פראסט זארגאן רופט מען דאס „באד-יונג“ ווייל ער איז שטענדיג אויס ניטאהן פון בושה (בן בליעל, בלי-עול) אונ בלשון חכמים הייסט ער „מת“ (טויטער) (כיון שמת אדם) ווען עס שטארבין אב דיא מענטשליכע געפיהלען (נעשה חפשי מן התורה ומן המצות) דאן ווערט ער „פרייא-גיזאנגנען“, דוא פארשטייסט שוין אין וואס פאר אסקאמייקע דוא זיצט ביא אונזערע אמתע חכמים? זייא ווייסין גאנץ גוט דיין ערשטין נאמען „זולל וסובא“, „הולטייא“, „טוינעניכטס“, „רועה זונות“, אז ניט דיין גרויס חכמה אונ פהילאזאפיע האט דאס דיר מיט גיבראכט, נור דיין גרויסע קראנקהייט דיינע דרייא פיאווקעס, דיא פארפלוכטע „תאוה“, אונ דיא נארישע „כבוד“ אונ גרויס „קנאה“ דוא ווילסט אויך לעבין אנוטין טאג וויא יענער, דאדורך בינסטו גיווארין איין חכם. כמ״ש (ישעיה ס) „הוי מושכי העון“ (טענת השכל לכפור במצוה או במצוה עלי׳ בגמולו ובעונשו, שזה נקרא בשם „עון“ כי העוה דרכיו במזיד) „בחבלי השוא“ (וקורי עכביש כי אין ממש בטענותיהם) „וכעבות העגלה (מושכים) חטאה“ הוא בולמוס התאוה אל דברים האסורים, היינו שנתבונן על עקר הסבה אשר סבבה התפקרותם אם הי׳ זה מחקר השכל לבדו, אבל באמת לא כן הוא, כי עקר הסבה להתפקרותם הי׳ בולמוס התאוה אל דברים האסורים זה משך אותם בעבותות חזקים כעבות העגלה ולמען לא ייסרום כליותיהם כרשעים המלאים חרטות „משכי את העון“ (שהוא טענת השכל לכפור בגמול ובעונש כחבלים כקורי עכביש) לעזרת התאוה והחטא (מלבי״ם) ולחזק דבריו אומר להלן שם הוי (סס) חכמים בעיניהם (הגה) שכנגד פניהם עומדים נבונים (פסוק גדול מחכם) ומדרך המשכיל האמיתי ליבטל נגד שכל הגדול ממנו אלף אלפים פעמים (כנר לפני מדורה), והנמשל הוא שהרי בכל דור ודור יש לנו חכמים מחוכמים שגם מנד לי׳ חכמי האומות חרדו לקראתם ובכ״ז היו חרדים על כל קוץ וקוץ מתורה שבכתב ושבע״פ והחכמים בעיניהם לא לקחו מוסר, מזה נראה בעליל שלא מופתי העיון סבבו להם הכפירה כי אם בולמוס התאוה והעם מדרך השכל לעמקי שאול וכנ״ל.

תורה איז גיגליכען צוא פייער וואס זיא ברענט אויס אלע מיאוסע תאוות אונ מאכט ריין די ארץ*). אבער זינט מיר האבין זיך ערוויטערט פון תורה, אונ דיא מענטשליכע-עהרע (דאס איז דיא מויל וואס השי"ת האט באגאבט דעם מענטשין מעהר פון אלע בעלי חיים) פארברויכען מיר צוא באלעמוטשען אלע נארישקייט, אונ אנדערע קלעהרין נאך אויס שקרים אום צוא שטאלצירין מיט דעם, אז זייא ווייסין אלע נייעס בעפאהר קיינער ווייס נאך, אונ פיל האבין נאך זייערע שקרים אונ נבול-פה גידרוקט אין ביכער, אונ דאס באשאטין מיט ראמאן-צוקער (אזא זארט צוקער וואס שמעקט גוט דיא דרייסיג-יאהריגע אינגלאך) אום צו חלאראפארמירען אונזערע ארימע ברי-דער אונ שוועסטער אריין ווארפין זייא אין אהארטען שלאף, אז זייא זאל זיך חלומען, אז דער מענטש האט קיין העכערין ציעל ניט פאר אבהמה, נור צוא עסין אונ טרינקען אונ שפאצירען אונ באלעמוצענען וואו נור ער געפינט מיט וועמען, עס איז קיין אונטערשייד, סייא אפין מארק, אדער אין שוהל אפילו בעת חזרת הש"ץ ובעת קריאת התורה, אונ דורך די פיל באלאמוטצין איז גאר אויס גילאשין פון אונז דיא רגשי קודש (עי' הערה באבן שלמה ע"מ, צד 76) אז מיר זיינען גאר ניט מבחין פון מארק ביז אמקום קדוש, אונ מיר זיינען פארטויבט אונ הערין גאר ניט וואס מען איז מכריז „הכל הבו גודל לאלהינו ותנו כבוד לתורה" אשיינער כבוד התורה איז עס, אז בעת מען לייענט איהר זיצין מיר אונ שמועסין אז מיר זיינען מבטל דעם צווייטין אויך פון צוא הערין, אונ אנדערע זיינען אזויא פארטיפט אין שמועסין בעת קריאת התורה (דענסטמאל איז זייער גישמאק ווייל דיא עבירה איז זייער גרויס אין לשער) אז ווען מען רופט זייא אויף לתורה חאפין זייא זיך אויף וויא

פון

*) דיא חכמים אונזערע דריקען זיך אויס מיט זייער אשיינע מליצה אויף דעם פסוק ושמתם את דברי אלה על לבבכם, אז דער ווארט ושמ-תם האלט אין זיך איין נאך איין גידאנקען ושמ-תם (סם חיים) דיא תורה איז גיגליכין צוא איין הייל-זאלב, זיא היילט דיא הארץ פון מענטשין פון אלע בייזע תאוות, דריקען זייא זיך אויס „בראתי יצה"ר בראתי לו תורה תבלין", השי"ת זאגט איך האב טאקע בעשאפין אין מענטשין איצה"ר וואס דאדורך איז דער מענטש אצווייפיסיגע חיה וואס קען חרוב מאכין אוועלט, (עי' הערה תורה מן השמים לקמן צד 7), דער יצה"ר איז אמזיק ריכטיג וויא אשטיק רויהע הריין ווען איינער זאל אויף עסין וועט ער דער שטיקט ווערין, אבער איך האב פאר איהם באשאפין אתורה זיא איז פאר דעם יצה"ר איין תבלין, דיא מליצה פון „תבלין" איז מען זאל נעמען מיט דיא תורה וואס זיא איז גיגליכען צו האניג (ומתוקים מדבש), אונ מיט איהר איין פרעגלין די הריין (דעם יצה"ר) וועט דער יצה"ר גאר ווערין אמין קאנפעטור פשוט אמחיה נפשות, דארום איז דער מענטש וואס לערינט תורה העכער וויא איין מלאך, ווייל אמלאך האט קיין יצה"ר ניט, איז דאס נור האניג אליין וואס מען קען עס קיין סך ניט עסין, אבער אמענטש וואס לערינט תורה איז וויא הריין אין גיברעגעלט אין האניג. (ומרוייק היטב לשון „תבלין" אשר לפי המשל והניח לו „רטיה" על מכתו היה צריך לכיים בראתי לו תורה „רטיה").

פון שלאף. אונ נאך אגרעסערין וואונדער איז צוא זעהען, אז בעת ער איז עולה לתורה קען ער גאר דיא מויל ניט עפענען, ער זאגט אב דיא ברכה אז קוים ער אליין הערט, דאכט זיך אקערסט האט ער גירעדט אזויא גראמקע, אונ יעצט קען ער שוין ניט עפענען דיא מויל. אונ ווען ער נעמט עפעס שפייזין אונ דארף מאכין אברכה, דא ווערין שוין גאר זיינע ליפען פארקילט אז זייא קענען זיך גאר ניט באוועגין, אונ פאר נויט עסט ער אונ טרינקט גאר אן אברכה, אבוואהל נארישקייט וואס ניט גישטויגין אונ ניט גיפלויגין ווערט איהם ניט מיאוס צוא באלעמוטצין שטענדיג נאך אנאנד. אה! וויא דום מיר זיינען, אז מיר באמערקין גאר ניט אז דאדורך האבין מיר אויף זיך אגרויסען פראצעס פון אלע בעלי חיים, זייא האבין אגרויסע טענה צום רבש"ע, ווארום האט ער זייא ניט באשאנקען מיט דעם כח הדבור*).

*) מען ערציילט אז פיהע אונ טהירע האבין דערלאנגט אפראשעניע צום רבש"ע מיט דיזע ווארטין: „הער פון דער וועלט וואס דוא בינסט אטוב ומטיב לרעים ולטובים (ורחמיו על כל מעשיו), ווארום האסטו פון אונז פארמיטין דעם כח הדבור? וואס וואלט דיר ארין אז מיר חיות ובהמות וואלטין אויך קענען ריידין? וואלטין מיר ניט אזויא פיל סטראדייען אונ ליידין. מיר וואלטין קענען ערקלעהרין דעם מענטשין אונזער פאר-לאנג. אט האט נעבאך איינער פון אונז גיקראגין דעם טויט פאר זיינע טרייהייט, נור ווייל ער קען ניט ריידין. די געשיכטע וואהר אזוי. אפאצט ציגאווניק האט געפיהרט דיא סומקע ווינטער אין אגרויסין פראסט, וויא ער איז גיוועזן שטארק איין גענוויקעלט אין זיין פעלץ האט ער ניט גימערקט אז אצעמאדאן איז ארויס גיפאלין פון סליטין, זיין הונד האט עס דערזעהען, האט ער אנגיהייבין שטארק צו בילין, דער ציגאווניק האט עס ניט פארשטאנען, ער איז גילאפין אנטקעגין דיא פערד אונ גישפרונגען אונ זייא ניט גילאזין גיין, דער ציגאוניק האט אלעס ניט פארשטאנען, קורץ דערפון דער טרייער הונד איז גיפליינין דעם קוטשער אפין האלדז אונ איהם גיוואלט צוא רייסין פשוט, האט דער ציגאווניק גירעכינט אז ער איז גיווארין משוגע, האט ער איהם גישאסין, איז דער הונד גילאפין פון אינפעט צוא דיא סומקע, אונ איהר ארום גינומען מיט ביידע לאפעס אונ טויט גיבליבין אויף איהר ליגענדיג. דיא פאצט איז גיקומען צום סטאנציע ער באמערקט אז איהם פעלט אצעמאדאן, האט ער צוריק פארקערעוועט דיא פערד, ער געפינט זיין טרייער הונד ליגט טויט אויף דעם צעמאדאן. מיר קענען פארשטיין וויא וויי ער האט איהם באדויערט. נוא רבונו של עולם אז מיר וואלטין אבער קענען ריידין, וואלטין מיר דאן ניט קומען צוא אזעלכע אונגליקען. — אנטווארט פון רבש"ע: „אבוואהל מיינע רחמנות איז אויף אלע מיינע באשעפענעס, איך באזארג פאר אלעמען זייער שפייז אין דער צייט, אונ אלעס וואס זייא פאדערט, דאך דארפט איהר וויסין אז דער הע"ד פון מיין וועלט-געשיכטע איז נור דער מענטש, איהם האב איך גיגעבין דיא קרוין פון [illegible]ידע קראפט, אונ ווען איהר זאלט אויך קענען ריידין וואלט דער מענטש האבין אונערטר[illegible]ליכע נעפריאטנאסט, ווען למשל צווייא הינט אדער צווייא פערד וואלטין ריידין איינע מיט דיא אנדערע אין נאס, גיוואונליך וואלט דאך זיין אהינטישער אדער א פערדישער ראזגאוואר, וואלט דען אמענטש קענען דורך גיין

אה! מיינע טהייערע ברידער וואס איהר זייט ווייניג גילערינט אין אונזער ליכטיגע תורה אונ אין אונזער טויזינדער יאהריגע היסטאריע, אונ זייט צוא שפרייט אין אלע עקין וועלט, וויא ווייט דיא חלאראפארמירטע צוקערקעס (דיא נארישע ביכלאך) האבין אויף אייך ארופ גיווארפין איין הארטין שלאף, אונ אן גיטראגין אגרויסין שטויב אויף אייערע איידעלע הערצער, אזויא ווייט אז עס געפינט זיך צוא וויסין אייך אזעלכע וואס שטאלצירען גאר מיט זייער גרויסע חוצפה אראפ צו ווארפין עפינטליך פון זיך דעם איינציגען צירונג וואס אונז איז גיבליבין ירושה פון אברהם אבינו (דאס איז דיא מדה פון בושה) צו גיין אפין שבת אי־בערין גאס אונ רויכערין, אונ מאכין פארזאמלונגען אום פסח צוא עסין חמץ אונ מאכין בעלער יום כפור צוא כל נדרי, אונ נאך אזעלכע פאדלאסט וואס שוידערט הערינדיג, אה! מיינע ליבע אדעלע ברידער אונד שוועסטער וואס פון אייך איז גיווארין!

קוקענדיג אויף אייך ליבע ברידער אונ שוועסטער, שטעלט זיך מיר פאהר דיא טרויעריגע סצענע, פון איין געוויסען קופיעץ וואס האט באדויערט

דעם

אנאס? עס וואלט דאך איהם גיעקילט אונ געאיבילט הערענדיג. דיא קלוגע בעלי חיים האבין אן גינומען דעם אנטוואורט אונ גיבליבין צופרידין מיט זייער שיקזאל. היינט אבער אז אמענטש האט אוועק גילאזין זיין מויל אויף אלע נארישקייט אונ זלזולים אונ קללות אונ מסירות וואס עס שוידערט גאר הערענדיג. טייגען דיא בעלי חיים צום רבש״ע. אז אזויא ריידין וויא דיא פערדישע מענטשין, אדער וויא דיא איזיל קעפ וואלטין מיר אויך גיט ערגער ריידין. אויף דעם זאגט דער נביא (מלאכי ב) הונעתם ה׳ בדבריכם כביכול השי״ת האט ניט קיין אנטוואורט צו געבין די בעלי חיים, ער האט זייא נור פארגיטיגט מיט דעם רמז אין דער תורה (לכלב תשליכון אותו (וסמיך ליי) לא תשא שמע שוא) וויא חז״ל מערקען אונז אן, אז דער מספר לשון הרע (וואס דאס איז כולל אלע שענדליכע רייד), ראוי להשליכו לכלבים, ער איז ניט סטויעט איין הונד, אונ דער הונד האט איהם פאלגע פראוו צוא רייסין אונ בייסין. אונ דאס איזט דיא שארפזיניגע מליצה פון חכמי התלמוד (בלעם לא יכול לעמוד בפני תוכחתו של אתונו) בלעם האט ניט גיקאנט בייא שטיין בייא דיא פארווירפע וואס זיין עזעל האט איהם גימאכט, בעת ער האט איהר גישלאגין מיטין שטעקין, ווייל זיא האט ניט גיקענט ריידין אונ ערקלעהרין איהם דיא אורזאך וואס זיא וויל ניט גיין, אז השי״ת האט גיזעהען אז ער גייט דא באנוטצין זיין כח הדבור צוא שילטען אונ באליידיגען איין אונשולדיגען נארוד, האט ער איהר גי־עפינט דיא מויל, אונ זיא האט איהם פארווירפע גימאכט, ווארום האסטו מיר גישלאגין דרייא מאהל? ווייל דוא האסט ניט פארשטאנען מיין גוטין מיין, ווייל איך קען ניט ריידין, אזויא ריידין וויא דוא גייסט יעצט האב איך אויך גימעגט קענען ריידין. אונ דיזע קלוגע פארווירפע פון בלעם׳ס עזעל קען זיין אמוסטער פאר נאך אזעלכע בלעם׳ס וואס בילין אונ רייצין אויף דעם פראסטין נארוד מיט עלילות שקרים אויף דיא אונשולדיגע פאלק, אונ אויף דעם זארט בלעם׳ס וואס מאכין פלענער וויא צוא פארדארבין דעם פאלקס גייסט, אום עס זאל ווערין אויס גינאסין אויף איהם נאטעס צארין. (אמנם אנחנו נקוה להאל הטוב כאשר הצילנו מפי בלעם הראשון, כן יצילנו מתלמידיו ויוליכנו קוממיות לארצנו).

רעם קאמעדיאנט*) דוא אונגליקליכע ארימעס קינד וואס איך האב דיר אויף מיין שוים ערצויגין, אה! וואס פון דיר איז יעצט גיוואָרין, דוא ווייסט גאר ניט אז דוא בינסט איין זאהן פון אגרויסין מיניסטער, דוא מיינסט נעבאך אז דוא בינסט איין ציגיינער קינד, אונ דיין גליק שטעלסט דוא זיך פאהר באשטייט נור ווען דוא ברעכסט זיך אויף דער סצענע אונ קלעטערסט אפין שטריק, אונ נאכהער חאפסטו אפאר קערבלאך מבריע פון דעם קאטרינשציק דער ציגיינער, אה! ווען דוא וואלסט אבער ויסין ווער דוא בינסט, אז ניט דער ציגיינער איז דיין פאטער, דוא שטאמסט גאר פון מאנארכין וואס דיא וועלט שעצט זייא, נור דיין ביטערער שיקזאל האט דיר גיבראכט צוא אזא לאגע, וואלסטו פון צער ניט אויס האלטין, אונ וואלסט גיבעטין מיט בכיות דיא וואס קענען דיינע עלטערין זייא זאלין דיר ארויס חאפין פון דיין טרויעריגע לאגע, אונ וויא ווייט מעגליך בילדען אז עס זאל פאסין גירופין ווערין אויף דיר דער נאמען פון דיינע גרויסארטיגע עלטערין, אונ דאן וועסטו קענען פאהרין זיך זעהען מיט זייא.

דאס גלייכין מיין טהייערע צושפרייטע פאלק, וואס איהר שטאמט אזויא הויך, פון אזעלכע באריהמטע מענער אברהם יצחק ויעקב, וואס די גאנצע וועלט שעצט אונ ריהמט זייא, אונ אייער פינצטערער שיקזאל האט אייך צושפרייט אין אלע עקין וועלט, אונ איהר באגעגינט דארטין אזעלכע בעלי טובה׳ס ציגיינער קאטרינשציקעס וואס האדעווען אייך (אום צוא מעלקין אייך) אונ איהר גייט נעבאך נאך זייא נאך וויא דיא בלינדע שעפעלע. (אם לא תדעי לך היפה בנשים)

אויב דוא אידעלע, שיינע פאלק אויף דער וועלט (וואס איז באצירט מיט אסך

---

*) דיא היסטאריע איז גוט באקאנט וויא איין אגענט פון א קאטרינסציק (אציגיינער) וואס דארף האבין שיינע מאנארכישע קינדער פאר קאמעדיאנטין, האט אמאהל גינגבעט אקליין מיניסטערסע קינד, אונ האט איהם אוועק געפיהרט זאגראניצע אונ איהם אויס גילערינט זיך צוא ברעכין אויף דער סצענע. אין אמשך פון 15 יאהר ארום, איז איין גרויסער קופיעץ א שכן פון דעם מיניסטער (וואס דער קינד פלעגט זיך צוזאמען שפילין מיט זיינע קינדער) גיפאהרין אין אויסלאנד, האט ער גיזעהען וויא א יונגער קאמעדיאנט איין מאנארכישער געזיכט גייט אפין שטריק, נאכהער איז ער גינאנגען מיטין טאץ מאכין געלט, זיין געזיכט איז איהם פאר גיקומען זייער בעקאנט, ער האט זיך אבער ניט גיקענט דערמאנען ווער דאס איז, קומענדיג צוא זיך אין נומער ברייגגט איהם דער שווייצער וועס פון פראצעסנע איין געוויקעלט אין איין אלטע בלאט ציטונג, ער טוט אבליק דיא אמאהליגע געשיכטע וואס האט זיך דענסטמאהל געשריבין וויא דעם מיניסטערס קינד איז פלוצלונג פארפאלין גיוואָרין, פאלט איהם ארויף אפין גידאנקען, אז דאס מוז געוויס זיין דער קאמעדיאנט, ער איז איהם זייער פאדאבנע צוא יענעם קינד, קורץ דערפון ער איז מארגין ווידער גינאנגען, אונ האט איהם ריכטיג באטראכט אונ עס וואהר ריכטיג דער זעלבער, אונ האט איהם זא באדויערט, (אונ האט איהם דורך קלוגע מיטלען צוריק גיבראכט צוא זיין פאטער דעם מיניסטער).

אסך מדות טובות) אויב דוא קענסט זיך ניט ווער דוא בינסט (צאי לך בעקבי הצאן) גייא נאך דעם סלאד פון דיא טריט וואס דיינע עלטערין זיינען אין זייא גיגאנגען, דאס הייסט לעהרין גוט דורך דיין אלטע היסטאריע פון דיינע גרויס-ארטיגע עלטערין, דיא אבות הקדושים, נביאים, תנאים ואמוראים וועסטו ערסט וויסין ווער דוא בינסט, ווער האט נאך אזא יחוס בריף אונ אזא היילינגע היסטאריע וויא דוא אידעלע, אונ דאן וועסטו ערסט אן פאנגען צוא שטאלצירין מיט דיין נאמען יוד, (ורעי את גדיותיך) אונ ווידע דיינע יונגע ציגעלאך ד. ה. ערציהע דיין יוגינד, זייא מחנך דיינע קינדער, (על משכנות הרועים) בייא דיא גיצעלטין פון דיא הירטען, וואס האבין גיווידעט זייערע היילינגע שאף נאך דעם גישמאק פון יודענ-טהום, אונ האבין זייא באשיצט פון דיא ווילדע טהירע וואס האבין זייא גיוואלט פארצוקען (אונ פארדארבין זייער היילינגען געפיהל).

אלזא מיינע טהייערע שוועסטער אונד ברידער, אוים מיטלייד אויף אייער אריכזע גייסטליכע לאגע, האב איך מיר באשלאסין צוא מאכין איין פאבריקיל ארבעטין גוטע הערצענס-בערסט, מען זאל קענען אב ריינינגען מיט זיי דעם גרויסין שטויב וואס דער רוח הזמן האט אן גיטראגין אויף אייערע אידעלע הערצער. אונ איך גאראנטיר אייך, אז ווען איהר וועט שטענדיג היטין צו ציסצען מיט מיינע בערסט דיא ליים מיט דיא שטויב פון אויבין, וועט אייך ארוים שיינען אריינע ליכטינקייט פון טיפען הערצין, אז איהר וועט אן הייבין שפירין דעם ריינעם אמת אונ וועט שטאלצירען מיט דעם נאמען „עוויגער יוד", וואס ער טראגט אויף זיך אגאנץ לאנגע וואונדערליכע היסטאריע.

בייא מיין אב-שייד נעמען פון דיר ליבער לעזער, וויל איך דיר ענטדעקין דעם סעקרעט פון מיין פאבריקיל, וועלכע פראפיט איך דיינק צו האבין פון איהר, הגם, ווען דו וועסט וויסין מיינע סעקרעטין וועסטו מיר פיליכט קאנקורירען, נור מיין פריינדשאפט צוא דיר שטייגט אריבער מיינע אייגענע נוטצין. איין ארינטליכער סוחר איז צוא קורץ גיקומען אונ האט ניט גיקענט צאהלין אין מקום, זיין פאב-ריקאנט איז גיווען אגרויסער אדעל, אונ האט פון איהם ניט אב גיצויגין זיין קרעדיט, נור איהם גיגעבין ווייטער אונ ווייטער, דער סוחר האט זיך גוט אוים גירעכינט, אז עס איז איהם ניט מעגליך צו בלייבין בייא זיין עהרליכען נאמען, אונ זיין סאוועסט האט איהם זייער גיפלאגט, האט ער זיך באטראכט איין פלאן וויא זיין עהרליכען נאמען צוא ערהאלטין, אונ האט גישריבין צום פאבריקאנט מיט דיזע ווערטער: האבגישעצטער הער פאבריקאנט! אזויא וויא איך וויל בלייבין בייא מיין עהרליכען נאמען, אונ אזויא וויא מיין גישעפט אליין טראגט ניט אויף ביידע, דורך צוא לעבין מיט אגעזינד, אונ אויך צאהלין אזא גרויסין

חוב

חוב, אלזא דיינק איך אז צוא מיין שטענדיגען געשעפט וויל איך עטוואס נאך ארבעטין, היינו נארייגען איך קונדשאפט וועלכע זאלין אנהייבין צו האנדלען אין אייער פאבריק, מיינע קאמיסיאן וועל איך ניט אב נעמען, נור עס זאל זיך קלייבין ביא איך, פילייכט מיט דער צייט, אביסעלע וועל איך אליין צאהלין אונ אביסעלע פון דיא קאמיסיאן וועט גידעקט ווערין דער גרויסער שולד.

דאס גלייכין מיינע טהייערע, יעדער מענטש איז אגרויסער בעל חוב דעם בורא ית"ש, פאר דיא פיהל גוטעס זיינע, וויא מיר זאגין על חיינו המסורים בידך כו' ועל נפלאותיך וטובותיך שבכל עת ערב ובקר וצהרים כו', והמרחם כי לא תמו חסדיך כו', אונ אין נשמת כל חי זאגין מיר אלו פינו מלא שירה כים כו' אין אנו מספיקין כו'. אונ וויא מען איז אזויא איין גיטרונקען אין עמל הפרנסה, אונ מען קען זיך ווייניג אב געבין צוא דינען השי"ת וויא עס גיהער צוא זיין, בלייבט מען אגרויסער בעל חוב, אונ דער ערליכער סאוועסט פלאגט. מען וואלט וועלין צאהלין אונ בלייבין ביין ערליכען נאמען קעגין דעם גרויסין וועלט פאבריקאנט, אלזא קער איך זיך צום רבש"ע מיט דיא בקשה פון דוד המלך ע"ה, רבש"ע אלמדה פושעים דרכיך וחטאים אליך ישובו, איך וועל באקאנט מאכין דיינע ראייעלע סחורה אין דער וועלט, דיא ליכטיגקייט פון דיין תורה אונ פון דיינע מצות, וואס פאר ליכטיגע אונ הייליגע גידאנקען עס איז אן גיגאסין אין יעדער מצוה, זאגאר אפילו אין יעדער יודישען מנהג וואס איז נתיסד על פי התלמוד, אונ איך האף אז דיא וואס קענען מיר אביסיל פארערינט וועט ווירקען אויף זייא דיא גלייבע רייד, וועל איך דיר נארייען פיהל קונדשאפט וואס האבין גאר קיין מאהל ניט גיוואוסט (אדער ניט גיוואלט וויסין) פון דיא ראייעלע סחורה פון דיין פאבריק*), אונ דיא קאמיסיאן וועסטו רעכענען אויף מיין חוב. אונ ווען דיר מיין ליבער לעזער גיפעלט מיין פראיעקט מעגסטו מיר קאנקורירען, שרייב אויך גוטע גידאנקען אונ גיב דרוקען, אדער פארשפרייט מיין ווערק צוא וויסין אסך מענטשין אום צוא-צוא-ברייגען פיל סוחרים צוא אונזער גרויסין וועלט פאבריקאנט, וועלין מיר זיך ביידע טהיילין מיט דיא קאמיסיאן, זיין קאססע איז זייער ארייכע, עס וועט קלעקין פאר דיר, אונ אויך עטוואס פאר מיר

דער פערפאססער.

*) דער נביא (ישעיה נ"א) זאגט הביטו אל צור חוצבתם כו' הביטו אל אברהם אביכם, קוקט זיך צו, צו דעם שטארקען פעלזין פון וועמען איהר זייט אויס גיהאקט גיווארין, ד. ה. קוקט זיך צו צו אייער פאטער אברהם דער שטארקער פעלזין וואס ער האט געשטריטין (מיט זיינע קלוגע רייד) קעגין אגאנצע וועלט געצין דינער, אונ איז ארויס מיט אקרוין פון נצחון, אונ האט זיך ערווארבין איין עוויגען נאמען. פון דיא

תיהל

פיל וויכטיגע לעהרונג וואס מיר האבין צוא לערנען פון אונזער פאטער אברהם, מערקט אונז אן דער תנא אין אבות (פרק בעשרה מאמרות) אזאך וואס איז פאסינג צוא אונזער איינהאלט. עשרה דורות מנח עד אברהם להודיע כו׳ פון דעם וואס דיא תורה באשרייבט אונז דיא 10 דורות פון נח ביז אברהם לערנען מיר וויא נוויט דער בורא ית״ש איז אמאריך אף (גידולדיג) ער גיסט ניט אוים מיט אמאהל זיין צאהרין אויף די זינדיגע מענטשין, נור ער ווארט פיליכט וועלין זיי זיך בעסרין, אבער זיי האבין זיך ניט גיבעסערט ביז וואנען אברהם איז גיקומען, אונ האט מקבל גיוועזן דעם שכר פון אלע 10 דורות. מען קען זאגין די כונה „וקבל שכר כולם״, אז השי״ת האט מקבל גיוועזן דורך אברהם׳ן דעם שכר פון דיא אלע פאריגע דורות, צום ביישפיל, אשר האט אוים גיטרויעט אגרויסין פאבריק, ער האט אוים גישאטין אגרויסין קאפיטאל אויף מאשינען אונ מאטריאלין, אונ האט אוים גיארבעט פארשיידענע טייערע ארטיקלען, ער האט ארוים געשיקט וואיעזארין איבער דער וועלט באקאנט מאכין זיינע סחורה, ער האט אבער מיט זיי ניט גיטראפין, זייא האבין ניט געהיט זייער ציעל, זייא פלעגין קומען אין אשטאט האבין זייא דער עיקר גיקוקט אויף אגוטע סטאנציע אונ פארגעניגען, אזויא דער ערסטער אונ דער צווייטער ביז ניין וויעזארין, זייא האבין אוים גיבראכט אגרויסין קאפיטאל אונ נאר נישט אויף גיטאהן, עס האט גיהאלטין די פאבריק זאל זיך צו מאכין, דער פאבריקאנט האט געפרובירט, אונ ארוים געשיקט אצעהענטין וואיעזאר, אונ גראדע מיט איהם האט ער גיטראפין, ער איז גילעגין מיט לייב אונ לעבין אין זיין זאך, אונ מיט זיינע קלוגע רייד האט ער געוויזין יעדער סוחר די ראיעלקייט אונ די גוטקייט פון די סחורה, ביז וואנען זיא האט זיך זייער אן גינומען אין דער וועלט, אונ עס האבין אן גיהייבין צוא ניין זאקאזין אין פאבריק (פון יעדער שטאט וואס דער וואיעזאר איז נור דורך גיפאהרין), אונ דיא פאבריק איז אוועק מיט אגרויסין נאמען אין דער וועלט, אז דער פאבריקאנט האט איין גיקאסירט פון דעם צעהנטין וואיעזאר דיא אלע קאסטין וואס יענע האבין איהם אוים גיבראכט.—דער פאבריקאנט איז השי״ת, ער האט אוים גע- שטרויעט אוואונדערליכע וועלט מיט גרוים חכמה, דיא וואיעזארען זיינען דיא דורות וואס ביז אברהם, מיט זיי האט הקב״ה ניט גיטראפין, זייא האבין פארבראכט זייערע יאהרין אין תאוות הזמן, ביז וואנען עס האט גיהאלטין דיא וועלט זאל חרוב ווערין איבער זייערע בייזע מעשים וויא אין דור המבול, ביז וואנען אונזער פאטער אברהם איז גיקומען, ער איז גיוועזן דער קלוגער דער ערינסטער וואיעזאר, ער האט באטראכט זיין ציעל אויף וואס אמענטש איז באשאפין גיווארין אויף דער וועלט ניט צוא ליגען אין תאוות, נור צוא שטרעמען אויף וויכטיגע זאכין, באקאנט צוא מאכין דיא וויכטיגע סחורה פון דעם וועלט פאבריקאנט, (כמ״ש ויקרא שם אברם בשם ה׳), וואו ער איז נור גיקומען האט ער גידרשנת אונ מפרסם גיוועזן דיא ריינע אמונה, ביז וואנען ער האט ערווארבין אסך נפשות. ואת הנפש אשר עשו בחרן, פון איהם האט דער גרויסער וועלט-פאבריקאנט הקב״ה איין גיקאסירט דיא אלע אום קאסטין וואס דיא פאהריגע 9 דורות האבין אוים גיבראכט, אונ פון אברהם׳ן אן איז אוועק דיא גרויסע הימלישע פאבריק מיט אגרויסין נאמען אין דער וועלט, ביז היינטיגען טאג. אונ אזוי דארפין מיר איינקלאך פון אברהם זעהען צוא סטאראייענען זיך, באקאנט מאכין דיא ריינע אמונה, אונ דיא ליכטיגקייט פון אונזער תורה צוא אונזערע ברידער, מקרב זיין זייערע הערצער לאהבת השי״ת, ואהבת הבריות.

א. דער אבשייד.

ערבארעם זיך אויף מיר מיין ליבעם קינד, אונ לאז מיר ניט איבער אליין צוא מיינע עלטערע יאהרין, דוא בינסט דאך מיין שווארצאפעל פון אויג, אונ מיין לעצטער טרייסט, זא רעדט דער מחבר צוא זיין ווערק בעת ער דארף זיך מיט איהר שיידין, אונ איהר ארויס לאזין צוא מאכין איין רייזע אין דיא גרויסע אונ ברייטע וועלט.

יא מיין ליבער פאטער, עס איז מיר זייער שווער צוא שיידין זיך מיט דיר, מיין לעבין, מיין זעעלע, אבער אז איך עראינער זיך דיינע זיסע אונ קלוגע רייד, וואס דוא פלעגסט מיר שטענדיג טריפפען אויף מיינעם הערצין, וויא א גוטער טויא אויף בלומען, אז דער מענטש איז ניט בעשאפין צוא לעבין פאר זיך אליין, נור צוא בעמיהען זיך, זיין וואלטהעטיג פארין צווייטין, אזויא וויא דער וועלט בעשעפער האט באשאפין דיא גרויסע פראכטיגע וועלט, ניט פון זיינע נוצין וועגין, נור צוא טאן גינאדע אונ גוטעס זיינע ברואים, אונ דיינע זיסע רייד וואס זיינען ארויס פון דיין ריינע הארץ האבין ניט גיפעלט קיין מאל זייער ציעל, אונ זיינען אריין טיף אין מיין ווייכע הארץ, דארום וויא קאן איך יעצט גלייך גילטיג צוזעהן דעם גרויסין אונגליק פון דיא שיינע הינער וויא זייא ווערין איין אפפער צוא דיא פארפלוכטע שעסקע, ווען זייא דער שמעקין איהר ריח רע, וואס זיא לאזט ארויס פון זיך, פאר דרייען זייא גלייך זייערע שוואכע קעפלאך, אונ איך זאל ניט אן ווענדין מיינע אלע קרעפטין צוא רעטען זייא.

דיינע רייד איז מיר ארעטענעס, ערקלער מיר ווער זיינען דאס דיא שיינע הינער?

וואס פארשטייסטו ניט מיין ליבער פאטער! דאס זיינען אונזערע יונגע קינדער, וואס פארצאדען זייערע שוואכע קעפלאך, פון דעם ריח רע פון מאנכע זארגאנישע ראמאנען, וואס לבד זייערע שמוטציגע גידאנקען אונ נבול פה, האבין נאך איניגע פון זייערע מחברים אויס גימייקעט זייער גיפט אום אויס צוא לעשין דעם פונק פון דיא ריינע אמונה. אונ פון גרויס צד האבין נעבאך אונזערע יונגע קינדער אויס גיבראכין גרין אונ גאל, אונ אסך ברעכין נאך אויס דיא ריינע מילך וואס זייא האבין גיזויגין ביי זייער

מוטער

מוּטֶער, דָאס אִיז דִיא הֵיילִיגֶע אֶמוּנָה וָואס זִיא אִיז דֶער לֶעבִּין פוּן דֶעם נֶפֶשׁ הַיִשְׂרְאֵלִי. *)

דוּא בִּינְסְט אֲפִילוּ גִירֶעכְט מַיין טַייעֶרֶע טָאכְטֶער, אָבֶּער אִיךְ פַארְשְׁטֵייא נָאךְ נִיט וָואס הָאסְטוּ זִיךְ אַזוֹיא צוּקָאכְט אוֹיף דֶעם? וָואס אִיז דָאס אַזַא רַעַשׁ, אַז אַמֵיידִיל לֵייעֶנְט אַיין רָאמַאן, אוּנ פַארְצַאדֶעט אַבִּיסִיל דִיא קָאפּ! אַז צוּלִיבּ דֶעם אִיז בַּיי דִיר רֶעכְט צוּ פַארְוָואגֶעלְט וֶוערִין אִין דִיא גְרוֹיסֶע אוּנ בְּרֵייטֶע וֶועלְט.

בַּאטְרַאכְט גוּט וָואס דוּא רֶעדְסְט לִיבֶּער פָאטֶער! וָואס הֵייסְט דָאס אַיין מֵיידִיל לֵייעֶנְט אַיין רָאמַאן? דִיא מֵיידִיל וֶוערְט דָאךְ נַאכְהֶער אַפְרוֹי צוּ אַיין מַאן, זִיא פִיהְרְט דָאךְ אַשְׁטוּבּ, אוּנ עֶרְצִיהֶעט דָאךְ קִינְדֶער, אוּנ וֶוען זִיא אַלֵיין הָאט אִין אִיהר יוּגֶענְד פוּן צַד אוֹיס גִיבְּרָאכִין אִיהְר אֶמוּנָה וָואס אִיז גִיוֶוען אַיינְגִישְׁטֶעמְפִּילְט אִין אִיהְר בְּלוּט פוּן אִיהְרֶע עֶלְטֶערְן, טוּא וָואס פַאר אַיין קְרֶעפְט קֶען הָאבִּין אִיהְרֶע מִילְךְ וָואס זִיא זֵייגְט ד. ה. וָואס זִיא אִיז מַדְרִיךְ אִיהְרֶע קִינְדֶער. זִיא אִיז דָאךְ מַדְרִיךְ אַיין דוֹר אָן אֶמוּנָה. אוּנ זָא וַוייטֶער אוּנ וַוייטֶער, אוּנ בְּמֶשֶׁךְ הַזְמַן וֶוערְט פוּן דִיא אֵיין מֵיידִיל אַ גַאנְצֶע שְׁטָאט **).

מִיט דַיינֶע רֵייד מַיין לִיבֶּע טָאכְטֶער, אִיז מִיר עֶרְקְלֶערְט גִיוָוארִין דִיא גְרוֹיסֶע וואוּנְדֶערְבַּארֶע נַייעֶס, וָואס גַאנְץ אָפְט הֶערְט מֶען לֵייעֶנֶענְדִיג אִין דִיא בְּלֶעטֶער, אַז דֶער אוּנ דֶער יוּנְגֶער מֶענְטְשׁ הָאט זִיךְ דֶערְטְרוּנְקֶען אִין יַם, אָדֶער זִיךְ גִישָׁאסִין, וָואס אַגְרוֹיסֶער טְהֵייל פוּן זֵייא זַיינֶען אוּנְזֶערֶע יוּדִישֶׁע בְּרִידֶער (הָגַם עֶס שְׁרַייבְּט זִיךְ סֶערְגֵיי אִיוַואנָאוִויץ, מְבִינִים פַאר שְׁטֵייעֶן אָבֶּער אַז דָאס אִיז יִשְׂרָאֵל בֶּן יוֹנָה), וָואס פַארְצַייטִין פְלֶעגְט מֶען דָאס קַיין מָאל נִיט הֶערִין בַּיי אוּנְזֶערֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער, וַוייל זֵייא הָאבִּין עֶרְצוֹיגֶען זֵייעֶרֶע קִינְדֶער עַל בִּרְכֵּי הָאֱמוּנָה הַטְהוֹרָה. אוּנ בֶּעפָאר מֶען הָאט זֵייא גִילֶערִינְט אַיין טַאלַאנְט, אַיין הַאנְד וֶוערְק אָדֶער בִּילְדוּנְג הָאט מען

---

*) פִיל פוּן יֶעצְטִיגֶע זַארְגַאנִישֶׁע רָאמַאנֶען שְׁרַייבֶּער הָאבִּין אָן גִיטְרוּנְקֶען דָאס פָאלְק „מַיִם הַמְאָרְרִים״ פוּן ווִילְד פְרֶעמְדֶע חַארַאקְטֶערִין אוּנ אִינְטְרִיגֶען פוּן בַּאנְדִיטֶען אוּנ רָאמַאנִשֶׁען פוּן שַׁארְלַאטַאנֶען אוּנ קָאמֶעדִיעֶס פוּן לֵצִים, אוּנ אִין דִיא תַּלְמִידִים פוּן דִיזִין שְׁמַאטָאוִוין לִיטֶערַאטוּר קֶען מִיט דֶער צַייט נִיט זַיין צוּא עֶרְקֶענֶען קֵיין שְׁפוּר פוּן דִיא זִיטְלִיכְקַייט וָואס אוּנְזֶערֶע עֶרְסְטֶע פִילַאנְטְרָאפִּין הָאבִּין בַּיי אוּנְז פַארְפְלַאנְצְט, אוּנ דִי אַנְזִיכְט פוּן יוּדֶענְטְהוּם קֶען בַּאקוּמֶען אַצוּרָה פוּן חַלָשׁוּת, ה׳ יְרַחֵם. (צנ״ג).

**) וּבִפְרַט בְּדוֹר הַזֶה אַז פְרוֹיעֶן שְׁפִּילִין אַזַא גְרוֹיסֶע רָאלְיֶע, אוּנ זֵייא הָאבִּין בְּכֹּחַ אִיבֶּער צוּ וָועקְסְלִין דִיא גַאנְצֶע הַנְהָגָה פוּן מַאן אִין גוּטִין זַייט, אָדֶער חָלִילָה לְהֵיפֶךְ, וּבִפְרַט אִין הַנְהָגַת הַבַּיִת, צבּ״ש, אַ כְּשֵׁרָה קִיךְ, אוּנ עֶרְצִיהֶען קִינְדֶער

נאכיז

מען זייא גוט איין גילערינט דעם יודענטהום, איז ווען דער עוויגער האט באגליקט זייערע קינדער מיט עשירות וגדולה, האבין זייא געוויס גילעבט מיט פערגעניגען, אונ אים גילויבט אונ גידאנקט פאר דיא פיל טובות וואס ער האט אויף זייא משפיע גיוועו. דאס גלייכין האט זייא דיא אמונה*) גילערינט

נאכין יודישין גישמאק, אונ נאך פיל וויכטיגע ענינים, ווען דיא פרויא איז איין ארינטליכע אונ אפרומע, גייט דיא גאנצע שטוב אוועק אין גוטען וועג, ווען אפילו דער מאן איז גאר שוואך אין אידישקייט מאכט זיא איהם איבער מקצה אל הקצה. אבער ווען דיא פרויא איז חלילה אוים גילאזין. גייט אוועק דיא גאנצע שטוב אין דער העל, סייא אין כשרות, אונ סייא אין הנהגת הבנים, אפילו ווען דער מאן איז גוט גיזאנען, ווייל עס איז זייער שווער צוא האבין איין מלחמה פנימית. וויא דער שפריכוואָרט זאגט „פון אהויז גנב איז זיך שווער צו היטין" דרום מוזין מיר זייער זארגין וועגין דיא גיזאנענהייט פון דיא פריילינס וואס נאנץ גיך ווערין זייא פרויען, אונ מיר מוזין זיך באמיהען צו געבין זייער גייסט גוטע אונ גיזונטע שפייז.

*) „אמונה" ריכטיג צו לערנען אונ וויסין אין מוח אונ אין הארצין איז אגרויסע סטודיום וואס מען ברויכט יאהרען לאנג סטודירען, נור אין קורצען באשטייט זיא אין דרייא יסודות (עלעמענטין) — א) „מציאות השם" (אז עס איז דא א גאט), ד. ה. דעם גרויסין פאלאטץ וואס מיר זעהען פאר אונזערע אויגין, וואס ער איז גיסטרויעט מיט פיל חכמה. דיא אלע חלקים וועלט, מיט דיא גרויסע ימים. מיט אלע מאט-ריאלין אונ באשעפענעס וואס אין זייא געפינט זיך. דיא הימיל מיט אלע פלאנעטין, האט דאס גיסטרויעט אגרויסער אינזעגער. דאס איז דער וועלט באשעפער. אונ ער איז דיא נשמה פון אלע זאכין, אונ אלע טאג איז ער אין זייא משפיע איין קראפט אז זייא זאלין ניט איספארצעט ווערין, נור שטיין אויף זייער באשטאנד, וויא ער האט זייא גישטעלט, אונ ווען ער זאל חלילה צוא נעמען איין רגע זיין השפעה פון דער וועלט, וועט זיא קריגעז אזא צורה וויא איין קערפער בעת דיא נשמה גייט פון איהם ארויס, אונ ביי איהם אין האנד איז זייא צו ענדערין וויא זיין רצון איז, אזויא וויא מיר האבין גיזעהען אין מצרים האט ער גיענדערט דיא גאנצע סדרי בראשית (נאטור) וועגין דיא רעטונג אונ עהרע פון זרע אברהם. ב) „תורה מן השמים" (אז דיא תורה איז גיגעבין פון הימיל), משה רבינו ע"ה האט פון זיך אליין ניט געשריבין איין וואָרט אין דער תורה, נור השי"ת האט איהם פאר גילעזין יעדעס וואָרט, אונ ער האט גישריבין, פון בראשית ביז לעיני כל ישראל. ווייל אזויא וויא מיר זעהען אז דער מענטש איז דער קרוין פון דיא גאנצע בריאה, אונטער זיין האנד איז דיא גאנצע שעפפונג, צוא מאכין פאסאנען אויף דיא אלע מאטריאלין וואס דער וועלט באשעפער האט באשאפין, אונ ראס-פראזאיען זיך איבער אלע באשעפענעס, אונ וויא מיר זעהען אז דער מענטש ווערט גיבוירין מיט פיל תאוות וויא כעס, קנאה, תאוה, גאוה, אונ ד. ג. וואס מיט יעדער איינציגע תאוה איז ער אים-שטאנד אן צוא טאהן שאדין מעהר וויא איין ווילדע טהיר. וויא איין חכם האט גיזאגט „דיא צווייא פיסיגע חיה בעת דער גיפט פון כעס, גאוה, תאוה, קומט איהר אויף, קען זיא צורייסין מעהר וויפיל אלע פירפיסיגע חיות צוא זאמען", מיט זיין לאפע קען ער צוא דראפען טויזינדער געזיכטער

גילערנט אז דער מענטש איז ניט געבארין נור צוא עסין אונ טרינקען וויא איין בהמה, נור צוא טאן גוטעס זיך אונ דעם צווייטין מיט וואס נור ער קען. דאדורך זיינען זיי אריין אין די פאלאזעניע פון אלע אונגליקליכע אונד עלינטע אוים צו העלפין זיי, סייא מיט איין עצה, מיט גוטע טרייסטונג אונ מיט געלט, פיל נור זייערע מעגליכקייט איז, אונ פון דעם האבין זייא אויך גיהאט גרויס פארגניגען, אונ גילויבט דעם עוויגען וואס ער האט איין גיטיילט דעם ארימאנס טהייל צוא זייא אין האנט א). אום דאמיט זייא מזכה צוא זיין פאר זייער גוטע הארץ, אונ ווען אפילו זייער הימעל איז אמאל גיווארין פארוואלקינט, ד. ה. עס האט זיך אב גיקערט פון זייא דיא הצלחה, האבין זייא דאס מקבל גיוועזן באהבה, ווייל זייא האבין גיגלויבט אז עס איז

גזעיכטער, מיט איין טראפין טינט קען ער פארפלייצין גאנצע שטעט, מיט איין בלאז מיט זיין צינגיל קען ער פארברענגען פיל מענטשין, מעהר וויא דער גיפטיגער שלאנג. אונ אום צוא מאכין דיא צווייפוסיגע חיה פאר איין בן תרבות. וואס דאס איז קיינער ניט אים-שטאנד מעהר ניט ווי זיין באשעפער אליין, נור ער ווייס זיין גאנצע פארהעלטעניס פון זיין יצר, אונ נור ער קען באשאפען איין תרופה צוא דעם. (ווייל וועד ווייס נאך אזוי גוט דיא מאטריאל וויא דער פאבריקאנט אליין וואס ער האט איהר גישפונגען אונ גיוועבט. ווייס ער מיט וואס ווייך צוא מאכין איהרע הארטקייט). אלזא האט ער אליין ערשיינט אויף דעם בארג סיני, אונ גיגעבין (צוא דיא קינדער פון זיין גיליבטען אברהם) איין תורה, דאס איז דיא געטליכע פראג-ראמע וויא זיך אויף צוא פיהרין אין לעבין. אויף יעדער שריט אונ טריט. זיא איז איין גיטהיילט אין צווייא טהייל. 1) סור מרע (אויס ווייכען פון שלעכטעס), אויס צו ראטין פון הערצען אלע בייזע תאוות אונ זיטין, אונ אלע שלעכטע גידאנקען, מען זאל ניט זיין וויא דיא ווילדע טהירע. אונ 2) ועשה טוב (טאהן גוטעס) איין גיוואונען דעם קערפער צו טאהן מצות אונ מעשים טובים, סיי בין אדם למקום אונ סייא בין אדם לחבירו, איין צוא פליסין אין זיך גוטע גידאנקען אונ זיטין, ווערין אלעס נעהענטער אונ נעהענטער צו איידעלע געפיהלען צו ערקענען דעם באשעפער פון הימיל. אונ צו ליבין יעדער מענטשין וויא זיך, בכדי זיך גליקליך צו מאכין דורך דעם גוטען אויפפיהרונג אויף דיזע וועלט, אונ פאר עוויגען זיך אז זיין זעעלע זאל ניט אב שטארבין מיטין קערפער צוא זאמען, נור צו לעבין בתענוג הרוחני אין דיא עוויגע וועלט אשר עין לא ראתה. — ג) „שכר ועונש". אז דער עוויגער ווייס אלע מעשים פון מענטשין זאגאר אלע זיינע גידאנקען. אונ ער ניט, אונ וועט געבין אגוטין לאהן פאר אלע זיינע גוטע טהאטין אונ גידאנקען וואס זייא שטימען נאך דיא געטליכע פראגראמע (תורה) אונ ער שטראפירט, אונ וועט שטראפירען אויף אלע בייזע טהאטען אונ גידאנקען וואס זיינען געגען דיא געטליכע תורה. (זיהע אין ספר אבן שלמה ע"ט צד 80 וועט דיר רעכט ווערין דיא פראגין אויף דיא הנהגה פון דעם עוויגען).

א) כמ"ש האלשיך ע"פ אם כסף תלוה את עמי (ר"ל אם תרצה להנצל מהתנגדות היצר למאה זו, תחשוב בלבך) את העני עמך (שהק' העני הפקיד הש"י את עמך. ואתה תתן לו משלו).

איז אלעס מיט דיא השגחה פון דעם ערבארימיגען פאטער פון הימעל, וואס ער ווייס בעסער וואס פאר דעם מענטשין איז גוט, וויא דער מענטש אליין. אונ זיינען צופרידין גיוועזן וויא השי"ת מאכט*) אונ ווען דיא צייט האט זייא אמאל שטארק צוא געדריקט, האבין זייא גיהאט פארוועמען אויס צוא גיסען זייער ביטער הארץ, פאר זייער פאטער פון הימיל וואס אין זיין היינט איז דיא רייכטהום אונ עהרע. אונ דאס גופא האט זייא שוין ערלייכטערט זייערע שמערצין אונ דיא האפענונג האט פעסט גימאכט זייער מוטה. אונ דאדורך זיינען זייא גיבליבין מענטשין אויפין פלאץ, ביז וואנען דיא זון פון הצלחה האט ווייטער זייא אשיין גיטאן. וויא דער שפריך ווארט זאגט „אלעס פארלארין אבער דעם מוטה ניט פארלארין" א) — ליידער אבער ווען מען איז גיהאדעוועט אן אמונה, איז בעת דער הימעל איז לויטער ד. ה.

דיא

*) וויא דיא חכמי התלמוד ערציילין פון דעם בערימטען תנא ר' עקיבא אז ער איז שטענדיג גיוויינט גיוועזן (אויף אלעס וואס איהם האט פאסירט) צוא זאגין „כל מה דעביד רחמנא לטב עביד", וואס דער עוויגער טהוט איז אלעס צוא א גוטין ציעל. דיא לעהרע איז איהם גיקומען פון פיל פראקטיקע, אונ איינע פון זייא איז דיא געשיכטע וואס איהם האט פאסירט, אמאהל איז ער גיגאנגען אין וועג מיט זיינע תלמידים, קומענדיג אין אשטאט האט איהם קיינער ניט אריין גילאזין נעכטיגען, איז ער גיגאנגען נעכטיגען אין וואלד. ער האט מיט זיך גיהאט איין אייזיל (צום רייטין) איין לינטערנע (צום באלייכטין) אונ איין האן (אויף צוא וועקין בייא נאכט לערנען) איז גיקומען אלייב אונ צו ריסין דעם אייזיל. אונ אווינט האט פאר-לאשין דעם פאנאר, אונ אקאץ האט צוריסין דעם האן. זייא האבין נעבאך איבער גינעכטיגט אין פינצטערנעס אונ שמערץ, האט ער זייא גיטרייסט מיט זיינע זיסע ווערטער „אז אלעס וואס דער עוויגער מאכט איז לטובה", אין דער פריה האט ער דערהערט אז דיזע נאכט זיינען רויבער-באנדעס בעפאלין דיא שטאט אונ זייא גיפאנגען פאר שקלאווין, זאגט ער צוא דיא תלמידים זעט איהר וויא ריכטיג עס איז מיינע ווערטער, „אז וואס דער עוויגער טהוט איז אלעס לטובה". ווען מען וואלט אונז אריין גילאזין נעכטיגען וואלט מען אונז אויך גיפאנגען, אונ ווען זייא זיינען דורך גיגאנגען דעם וואלד אונ וואלטין זעהען פון ווייטין דיא פאנאר ברענט אדער דער האן קרייט, אדער דער אייזיל שרייט, וואלט מען אונז אויך גיפאנגען, האט השי"ת גימאכט אונזער מכה פאר איין רפואה. אונ אזויא קען יעדער איידעלער מענטש שפירען כמ"ש ושם דרך (מי שמשים לבו על דרכיו) אראנו בישע אלהים איז ער זוכה צוא זעהען שיינבאר דיא ישועה פון דעם עוויגען, וואס ער פיהרט אלעס לטובה.

א) ויש להעמיס רעיון נכבד זה במשכיות דברי התנא באבות שאחד מעשרה נסים שנעשו לאבותינו בבהמ"ק הוא „עומדים צפופים ומשתחוים רוחים", היינו שמעלת קדושת האמונה הוא כל כך רם ונשגב שאף שהאדם עומד במצבו הגופני „צפוף" היינו שצר לו מאד עד שאין לו דרך לנטות ימין ושמאל בכ"ז כאשר „משתחוה" ומוסר לבו לחשו לפני אביו שבשמים ורווח לו, ע"ד מן המצר קראתי יה ענני במרחב, וזהו רעיון נשגב להמתבונן בו.

דִיא צַייט גְלִיקְט אִיהְם, אַז לֶעבְּט זִיךְ וִויא עֶס אִיז (מֶען פַּאשְׁעט דֶעם קֶערְפֶּער וִויא אַיין בְּהֵמָה), אָבֶּער חָלִילָה וֶוען דֶער הִימֶעל וֶוערְט פַּארְוָואלְקִינְט, אוּנ עֶס הֵייבְּט אָן דוּנֶערְין אוּנ בְּלִיצִין וֶוערִין זֵייא פַּארְטוּיבְּט אוּנ פַּארְבְּלֶענְדֶעט, אוּנ פוּן גְרוֹיס פַּארְצְוֶוייפְלוּנְג דאכְט זִיךְ זֵייא צוּא גֶעפִינֶען זֵייעֶר רוּהֶע אִין שְׁוַוארְצִין יַם אָדֶער אוֹיפִין גַאלְגֶען (תְּלִיָה).

יַא יַא מַיין לִיבֶּער פָּאטֶער, דִיזֶער מָארְדְטְהַאט (פוּן מְאַבֵּד עַצְמוֹ לָדַעַת) קֶען נוּר פַּארְהִיט וֶוערִין דוּרְךְ אֱמוּנָה. וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ גְלוֹיבְּט אַז עֶס וֶועט אוֹיף גִיפָאדֶערְט וֶוערִין פוּן אִיהְם זַיין אֵייגֶענֶע בְּלוּט וָואס עֶר הָאט פַּארְגָאסִין, וִויא דִיא הֵיילִיגֶע תּוֹרָה פַּארְזָאגְט אוּנְז וְאַךְ אֶת דִּמְכֶם לְנַפְשׁוֹתֵיכֶם אֶדְרוֹשׁ א). וַוייל דִיא רֶעגִירוּנְג קֶען נוּר אוֹיף הִיטִין דָאס וָואס אֵיינֶער זִיל דֶעם צְוֵוייטִין עֶרְמָארְדֶען, אָבֶּער נִיט וֶוען אֵיינֶער זִיךְ זֶעלְבְּסְט וִויל עֶרְמָארְדֶען.

יֶעצְט מַיין לִיבֶּער פָּאטֶער אַז אִיךְ נֶעם זִיךְ בַּאטְרַאכְטִין דֶעם אוֹיפְפִיהְרוּנְג פוּן דֶעם יוּנְגִין דוֹר, וִויא דִיא עֶלְטֶערִין פַּאסִין נִיט אוֹיף זֵייעֶרֶע קִינְדֶער וָואס פַּאר בִּיכְלַאךְ זֵייא לֶעזִין, אוּנ וֶוער עֶס בֶּעטְרַאכְט נוּר דֶעם בֶּעפַאל וָואס עֶס אִיז פְרַייטָאג פַּארְנַאכְט בַּייא דִיא יוּדִישֶׁע בּוּךְ קְרָאמֶען, יֶעדֶער אָרִימֶע קִינְד שְׁפָּארְט אָפּ פוּן עֶסִין אוּם צוּא גֶעמֶען אוֹיף פְּרָאַקְאט לְכָבוֹד שַׁבָּת אַיין רָאמַאן בִּיכִיל, אָדֶער בֶּעסֶער זָאגֶענְדִיג אַיין גִיסַאמְטִין טָארְט, אוּנ ווינְטֶערְדִייגֶען פְּרַייטִיג צוּ נַאכְט זֶעצְט מֶען זִיךְ דָאס אַרוּם טִישׁ, אוּנ מֶען לֵייעֶנְט מִיט אַזַא הַתְמָדָה אוּנ חֵשֶׁק, אוּנ אִין מַאנְכֶע עֶרְטֶער הָאבִּין נָאךְ דִיא עֶלְטֶערִין אוֹיךְ פַּארְגֶענִיגֶען צוּא הֶערִין דִיא גֶעשִׁיכְטֶען מִיט דִיא גִיפְּטִיגֶע דִבְרֵי נְבָלָה וּמִינוּת. אוּנ אַזוֹיא בְּלַייבִּין נֶעבַּאךְ אִין אוּנְמַאכְט אַגַאנְצֶע פַאמִילְיֶע פוּן צַד.

וֶוער עֶס הָאט נוּר אַיין מֶענְשֶׁענְפְרַיינְדְלִיכֶע הַארְץ מוּז צוּא גָאסִין וֶוערִין, זֶעהֶענְדִיג דֶעם עֶלִינְד פוּן אוּנְזֶערֶע טַייעֶרֶע שְׁוֶועסְטֶער אוּנ בְּרִידֶער, וָואס זֵייא בְּרֵיינְגֶען אוֹיס זֵייעֶרֶע בֶּעסְטֶע רוּהִיגֶע צַייטִין *) אִין דִיא בֶּעסְטֶע יאהרין

א) גם האדם מתואר בכתבי הקדש בחמשה תארים, נפש, רוח, נשמה, חיה, יחידה כו', ונקראת חיה לפי שהיא נבדה דבקה בעוה"ז בחיים עליונים באור החכמה. ואחרי הפרדה מן הגוף היא חיה תמיד, והוא עצמו ההשארות הנפשי המורגל בפי קדמונים. ולכן בכל המקרא לא תמצא התאר הזה לנשמה זולתי כשידברו על הדבקות האלהי כשתדבק באור החיים, וזהו פי' הכתוב ואך את דמכם לנפשותיכם אדרוש, שהוא על ההורג עצמו, וממי ידרוש דמו? משיב מיד כל חיה אדרשנו ובזה גלה הסוד, שאין הכונה בחיים האלו תחת השמש, אלא מיד כל (אפילו הוא גדול בתורה ובמעש"מ) חיה, אחרי הפרדה מן הגוף אפרע ממנה על עונה, ולכן קראה חיה לפי שמדבר על הזמן שהיתה עוד בגוף. (עיין לבנון אבות פ"ג מי"ח ע"ש בארוכה).

*) וִויא צוּב"שׁ שַׁבָּת אוּנ יו"ט, וָואס זֵייא זֵיינֶען גִישְׁטֶעלְט גִיוָוארִין צוּ לֶערְנֶען

ווִיא

יאהרין, אין גיפעהרליכע אונ גיפטיגע געזעלשאפטין, אונ גיפט דארף דאך קיין סך ניט האבין, נור וויא עס פארמישט זיך אין דיא בלוט אפילו פון קליינעם פינגער, גידויערט עס ניט לאנג, אונ עס גרייפט אן דיא הארץ אונ דעם מוח, אז מען קען איהם שוין ניט ראטירען, אונ ער איז שוין גיפערליך פאר זיין קאמפאניע אויך, ער קען זאראזען פיל מענטשין.

אה!! איהר טייערע מוטערס, איך פרעג אייך, ווער האט אייך ערלויבט אוועק צוא רויבין פון אייערע איידעלע אונ ליבע קינדער דעם הייליגען באלזאם, דאס איז דיא ליכט פון אמונה, וואס זיא בעלייכט דעם מענטשין, איבערהויפט אין זיינע פינסטערע צייטין, אונ פערלייכטערט איהם דעם שמערץ פון זיינע וואונדין, וויא דער נביא זאגט "וצדיק באמונתו יחיה", ד.ה. דער פרומער איז זיך מחיה מיט זיין פעסטין גלויבין, ווער האט אייך גאראנטירט אז אייערע קינדער וועלין עוויג גיזונד אונ רייך זיין, אז שטענדיג וועט זייא דיא זון פון גליק שיינען אין זייערע פענסטער, אז שטענדיג וועט זייער שיפעלע רוהיג גיין אויף דעם גרויסין שטורמישען ים פון לעבין. (אונ ווען אפילו דער גליק זאל זייא באגלייטין אויף אלע זייערע טריט,

איז

וויא צוא זיין איין עובד השם, וויא דיא תורה לערינט אונז*). אונ אם ענדע בריינגען זייא אויס דיא הייליגע צייטין אין לצנות ודברי עגבים ומינות (ולא רחוק לשער שרמזה תורה ע"ז בסוף המקרא (המובא בהערה) ושם אלהים אחרים לא תזכירו, לא ישמע על פיך). אונ בלייבין אזויא אונוויסענד פון זיטענלעהרע אונ מכש"כ פון צו טאן אמצוה וויא גיהער צוא זיין, אונ ווייל זייא ווייסין ניט קיין שום דין, איז ווען זייא ווילין טאהן איין מצוה פאלין זייא אריין אין דיא גרעסטע עבירה, וויא צוב"ש, דאס רוב יודישע פרויען זיינען זריז אין דיא מצוה פון ליכט בענצין לכבוד שבת, אונ ווען עס טרעפט אמאהל אז זיא פארשפעטיגט, אונ דער מאן איהרער צינט ליכט אין דער צייט, פאלט זיא אריין פון גאס מיט איין כעס, שטייטיש מיינע ליכט האסטו אן גיצונדין!! אונ האפט אונ פארלעשט, אונ צינט אן מיט אברכה לכבוד שבת. אונ ווען זיא זאל לערנען ריכטיג דעם דין וועט זיא זעהן אז איהר אנצינדען איז ניט גיוועזן לכבוד שבת, נור לחלול שבת, הרחמן יצילנו.

---

*) כמ"ש ויקהל משה כו' שלמדם שבשבת יקהילו קהלות לעסוק בתורה בכדי לידע איך להיות עבדים נאמנים למלכותא דרקיעא ולמלכותא דארעא. וכתוב עוד בפ' משפטים ששת ימים תעשה מעשיך וביום השביעי תשבות (מכל מעשה, אם קל ואם כבד, ופן יאמר עבודה קשה אסורה אבל המשמש בעבדי ובבהמתי למעשים קלים, לכך לא אמר כאן תעשה מלאכה כי אם תעשה מעשיך כו' למען ינוח עבדך ואמתך, מנוחת נפש ומרגוע מכל מעשה (הרכסים לבקעה). וסיים הכתוב לאיזה מטרה צויתיך על שביתת השבת בכדי "ובכל אשר אמרתי אליכם תשמרו" כמ"ש בספר חרדים שהחיוב על כל אדם להיות בקי בתרי"ג מצות דרך כלל בעל פה ממש, כי איך אפשר להיות עבד למלך אם לא ידע כל חקיו וגזרותיו, לזאת צויתך על שביתת השבת מכל מעשה, למען יהי לבך פנוי ללמוד ולזכור את כל מצותי לעשותם ובזה יהיה שביתתך שבת שבתון קדש לה' (שמות ל"א ט"ו) שמירת קדושתה לשמי ובמצותי (רש"י).

אִיז אַלֶעבִּין אָן אַיין אֱמוּנָה נִיט בֶּעסֶער וִויא אַיין אֵייזִיל לֶעבִּין), וָוארוּם רֶעכִינְט אִיהְר נִיט אוֹיס, טָאמֶער וֶועט זֵייעֶר הִימִיל אַמָאהְל פַּארְוָואלְקִינְט וֶוערִין מִיט אַפִינְצְטֶערִין וָואלְקִין, אוּנ זֵייעֶר שִׁיפֶעלֶע וֶועט זִיךְ אַרוּם וַוארְפִין אִין שְׁטוּרְמִישֶׁען יַם אִין גְרוֹיסִין טוּמַאן אוּנ פִינְצְטֶערְנֶעס, אוּנ וֶוען זֵייא וֶועלִין נִיט הָאבִּין דֶעם שַׁיין פוּן אֱמוּנָה, קֶענֶען זֵייא פוּן גְרוֹיס פִינְצְטֶערְנֶעס פַּארְקְרִיכִין אִין שְׁוַוארְצִין יַם, אוּנ רֶעכֶענֶען דָארְטִין צוּא גֶעפִינֶען זֵייעֶר רוּהֶע (נָאךְ זֵייעֶר פַאלְשֶׁע אִידֶעעֶ, אָבֶּער אִין דֶער וַוארְהַייט וֶועט מֶען זֵייא פוּן דָארְטִין אוֹיךְ וַוארְפִין אִין כַּף הַקֶלַע, וִויא טִיטוּס הָרָשָׁע הָאט זִיךְ גִיקְלִיגְט אַנְטְלוֹיפִין פוּן אִידִישֶׁען גָאט, הָאט עֶר גִיהֵייסִין פַּארְבְּרֶענֶען אִיהְם נָאכִין טוֹיט אוּנ צוּשְׁפְּרֵייטִין זַיינֶע אַשׁ אוֹיף שִׁבְעָה יַמִים, בִּכְדֵי גָאט זָאל אִיהְם נִיט גֶעפִינֶען נֶעמֶען צוּם מִשְׁפָּט אוֹיף זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע טְהַאטֶען, נוּר וָואס אִיז זַיין סוֹף, מֶען מִשְׁפָּט אִיהְם אַזוֹי, אַלֶע טָאג קְלַייבְּט מֶען צוּזַאמֶען זַיינֶע אַשׁ, אוּנ מֶען שְׁטֶעלְט אִיהְם אוֹיף צוּרִיק אִין לֶעבִּין אוּנ מֶען פַּארְבְּרֶענְט אִיהְם וִוידֶער, וִויא עֶר הָאט אַלֵיין דֶערְצֵיילְט צוּ זַיין פְּלִימֶענִיק אוּנְקְלוֹס הַגֵר) 1).

אוֹיבּ אַזוֹיא מַיין לִיבֶּע טָאכְטֶער, אַז פוּן רֵיינֶע לִיבְּשַׁאפְט צוּא דַיינֶע טַייעֶרֶע שְׁוֶועסְטֶער אוּנ בְּרִידֶער, בִּינְסְטוּ גְרֵייט צוּ שְׁטֶערִין זִיךְ דַיין רוּהֶע, אוּנ פַּארְוָואגִילְט וֶוערִין אִין דִיא גְרוֹיסֶע אוּנ בְּרֵייטֶע וֶועלְט, דוּרְךְ צוּ רֵיידִין זִיךְ מִיט זֵייא, עֶפֶענֶען זֵייא דִיא אוֹיגִין, זֵייא זָאלִין זֶעהֶען אַז זֵיי בְּלָאנְדְזֶען, אוּנ אוּם קֶערִין זֵייא צוּרִיק אִין דִיא וֶועג פוּן לֶעבִּין, הָאסְטוּ פָּאלְקָאם רֶעכְט, אוּנ מִיט גְרוֹיס גִידוּלְד בִּין אִיךְ גְרֵייט צוּא זִיצִין אֵיינְזַאם גִישֵׁיידֶעט פוּן דִיר מַיין זֶעלֶע.

נוּר דוּא דַארְפְסְט נִיט פַּארְגֶעסִין מַיין טָאכְטֶער אַז אַצוּא שְׁוֶוערֶע עֲבוֹדָה הָאסְטוּ זִיךְ אוּנְטֶער גִינוּמֶען, גֶעוִוים וֵוייסְטוּ אוֹיךְ אַז אַגְרוֹיסֶע טְהֵייל וֶועלְט, אוּנ אִין דֶעם אַסַךְ אֵיידֶעלֶע מֶענְטְשִׁין זַיינֶען פַּארְפִיהְרְט אוּנ פַּארְקָאכְט אִין דִיא רָאמַאנֶען בִּיכְלַאךְ, אוּנ אִיךְ צְווייפִיל אוֹיבּ דוּא וֶועסְט מִיט דַיין שְׁוַואכֶע פֶעדֶער עֶטְוָואס ווִירְקֶען אוֹיף זֵייא.

יַא מַיין לִיבֶּער פָּאטֶער! שׁוֹין צַייט צֶעהְן יָאהְר אַז דֶער גִידַאנְק שְׁטֶערְט מִיר פוּן מַיין רַייזֶע, אוּנ אִיךְ זִיץ רוּהִיג בַּייא דִיר אִין שׁוּים. נוּר פוּן רוּהִיג זִיצִין קֶען קַיין וָואלְטְהַאט נִיט אַרוֹיס, אוּנ פוּן טָאהְן קֶען דָאךְ עֶטְוָואס זַיין. אִיךְ שְׁטֶעל זִיךְ נִיט פָּאר קַיין גְדוּלוֹת, אִיךְ בִּין אַמִסְתַּפֵּק

במועט

1) בִּינוּ נָא זֹאת שׁוֹכְחֵי אֱלוֹהַּ „פֶּן אֶטְרוֹף” וְאֵין מַצִיל, הַיְינוּ וֶוען אֲפִילוּ דוּא בִּינְסְט נָאךְ נִיט פֶעסְט אִין דֶעם אֲנִי מַאֲמִין פוּן שָׂכָר וָעוֹנֶשׁ. אָבֶּער שְׁרֶעקִין מֶעגְסְטוּ זִיךְ פַאר דֶעם סָפֵק, וַוייל דָאס אִיז זֵייעֶר אַיין גִיפֶעהְרְלִיכֶער סָפֵק.

במועט, ווען איך זאל נור ווירקען אויף איינעם אין מיין גאנצע רייזע, בין איך העכסט צופרידין א), אונ דער האפפענונג ערפרייט מיר, אז אויף מיר קוקענדיג, וועלין זיך ערוועקען גרויס-ארטיגע מענטשין מיט ליכטיגע פעדער, אונ וועלין אן הייבין צוא פלייצין טייכין באלזאם אין דיא זארגאנישע שפראך, צוא באלעבין אונזער ארימע פאלק, אום זייא זאלין שוין מעהר ניט וועלין טרינקען דיא גיפטיגע שמוטציגע וואסער פון דיא קוועלע פון מאנכע ראמאנען שרייבער. אונ ווען אפילו מיין ווערק זאל קיינע אנדערע נוטצין ניט ברייניגען, מעהר ניט, וויא אין דיא צייט, וואס אייניגע מענטשין וועלין איהר לעזין, וועלין זייא דערוויל ניט פארשמוטצין זייער מוח מיט איין ראמאן, דאס אליין האט אויך פיל צו בעדייטען, אונ עס איז כדאי אלע שווירינגקייט זיך אונטער צוא נעמען.

אויב אזויא מיין טאכטער! אז דוא בינסט אזויא באגייסטערט, וויל איך דיר ניט שטערין פון דיין גוטין געפיהל, אונ עס קען זיין אז דוא וועסט פיל נוטצין ברייננען, וויא מיר זעהן, אז דיא שיין פון אקליינע ליכטיל פארשטויסט אויך אסך פינצטערנעס, נור זאג מיר מיין טאכטער, מיט וואס פאר איין מעטהאדע דיינקסט דוא צוא היילין דיא גרויסע וואונדין פון דיינע ברידער, וואס זייא זיינען אזויא פארבלענדעט, אונ יאגין זיך נאך דיא חיה רעה, דאס איז דער לוקסוס אונ דיא מאדע, וואס מיט איהרע גיפטיגע נעגיל האט זיא מזיק גיוועזן כמעט דעם גרעסטין טהייל פון אונזערע ברידער, ועל כולם דיא פארדארבענע זארגאנישע ראמאנען, זייא האבין גיקאנצעט דיא איבעריגע וואס דיא חיה רעה (די מאדע) האט איבער גילאזט, מיט וואס פאר איין אבפיהרונג וועסטו אציסצענען זייער מאגין פון אלע שמוטץ, וואס זייא האבין זיך אן גיזופט פון זייא.

איך וועל באנוצין דיא מעטאדע וואס דוא האסט מיר גילערינט ב) אז רפואת הנפש איז עהנליך צוא רפואת הגוף ג), צוא דיא פארדארבונג פון

קערפערליכען

א) ואף שמאות מגידי ואלף מימיני, יקילוני, ורק מתי מספר לא ידעתי איפה הם יברכוני, אך המעטים אביט, ולדברי זולתם לא אחוש (רנה"ו).

ב) בספר אבן שלמה ע"ש ד' כ"ם.

ג) חלי הנפש הוא כחלי הגויה, בשניהם לא תולד הרעה פעם אחת, כי אם תצמח ותשגה לאט לאט, ובמשך ימים ירגישוה, אם נאכל למשל דבר משחית לנו, לא נרגיש בראשונה כל מכאוב, ואחרי שעות אחדות או למחרתו נרגיש כאב הבטן או הראש, ואם לא נבקש כרגע את הדברים הנכונים לעצור בעד הרעה. ואם נסכל עוד לאכול שנית מן המאכל המשחית הזה. ורבתה בנו הרעה מיום אל יום, עד כי באחרונה אין מזור למחלתינו, כן דרך אדם עושה רע, בראשונה נפשו לא תדע עצב, אך אם

ברגע

קערפערליכען מאגין איז דער בעסטער מיטיל ריצין אייל, דאס אציסצעט גלייך אונ עס הייט דעם מאגין, נור פאר דעם וואס קען אבער ניט נעמען הייטע ריצין, האט חכמת הרפואה ערפונדין איין מיטיל, אריין געבין דיא ריצין אין קאפסולקעס, אז אין מויל שפירט מען ניט קיין איביל פון ריצין, נור אינעווייניג טהוט זיא איהר ווירקונג, דאס גלייכין אין רפואת הנפש, פארדעם וואס האט פארדארבין זיין גייסטליכין מאגין מיט שעדליכע שפייז (ודעות כוזבות) איז דיא בעסטע רפואה לערנען מוסר השכל מספר המלהיב חובת הלבבות ומסילת ישרים, זייא זיינען גוטע אפ־פיהרונגען צו טמטום הלב (הערצענס פארשטאפונג), נור אבער דער וואס פארשטייט ניט וויא גיפערליך ער איז, אונ וויל זיך ניט אן שטריינגען צוא לערנען איינפאכע מוסר השכל, פון דעם שטראף וואס עס גרייכט דעם מענטשין פאר זיינע בייזע טהאטען, אונ אלע דינים וואס אויף איהם גייען איבער פון יום המיתה עד אחר כף הקלע א)... פאר איהם האט חכמת המוסר ערפונדין ריצין אין קאפסולקעס, היינו פארשטעלין איין ספור המעשה וואס איז אנגינעהם צום לעזין, אונ איין וויקלען אין איהר איין מוסר השכל, וויא נארעש עס זיינען דיא שלעכטע וועגין פון לוקסוס אונ דיא הבלי הזמן, אז אנשטאט וואס דעם נארישען מענטשין דאכט זיך צוא באקומען כבוד באקומט ער שאנד אויף דיזע וועלט, לבד דעם גרויסין שאנד אונ חרפה וואס וועט איהם גרייכין אויף דיא צוויגע וועלט, וואס אויף דעם בעטין מיר אלע טאג "ולא נבוש לעולם ועד", מיר זאלין אין דיא עוויגע וועלט ניט פארשעמט ווערין ב). אונ ווען ער וועט דאס לעזין מיט א געפיהל, וועט דאס איהם שטארק ווירקען, דורך צו טרייבין אלע שמוטץ פון דיא שלעכטע אויפפיהרונג, אונ באנייען אויף איהם אריינעם געפיל, אז ער זאל קענען געניסין נאכהער דיא גיזונטע שפייז פון דיא תורה אונ גאטעס פארכט.

גוט מיין טאכטער, דיין מעטאדע גיפעלט מיר, נור זאג מיר וואס וועסטו אבער טאהן מיט דיא נארישע קינדער, וואס וויא זייא דער שפירין אז אין דיא קאפסולקעס איז ריצין, הערין זייא אויף צוא נעמען, ד. ה. וויא דער לעזער וועט שפירין אז אין דיינע ספורים איז גיפאסט מוסר השכל וועט ער אויף הערין צוא לעזין.

ברגע התחמץ לבבו ע"ז לא ינחם על חטאתו בכל נפשו. או אם יעשה עוד אולת לשנות בדבר הרע, והיתה אחריתו רק תוגה ועצב לנפשו ומחלתה תגבר מיום אל יום, ואולי אין עוד ארוכה לה, והבן (אב לבנים צד 24).

א) אבן שלמה ע"ש דף מ"ג. — ב) עי' אבן שלמה המשל מרבנו מלבי"ם צד 80.

צוא דֶעם מוז מֶען זִיךְ בַּאמִיהֶען צוּא צִיהֶען זַייא מִיט גוּטֶע רֵייד, וְויא אַיין צֶערְטְלִיכֶע מוּטֶער בַּאגֵייט זִיךְ מִיט אִיהר קִינְד, בֵּעת זִיא דַארְף אִיהְם אַיין גֶעבִּין אַלֶעפִּיל מֶעדִיצִין, אוּנ פָּארְשְׁטֶעלִין זַייא וֶועגִין דֶעם גוּפָא אַיין סִפּוּר, וָואס וֶועט אִיהְם אַרוּיס וַוייזִין וְויא דוּרְךְ אַלִיכְטִיגֶען שְׁפִּיגֶעל דִיא אוּרְזַאךְ, וָואס אִיהְם גִילוּסְט זִיךְ נִיט צוּא שְׁפְּרֶעכִין מִיט מִיר, אוּנ דַאן וֶועט עֶר פַארְשְׁטֵיין זַיין קְרַאנְקַייט, וָואס עֶר יָאגְט זִיךְ נָאךְ הֲבָלִים, וְויא דִיא קְרֵיינְקְלִיכֶע שְׁוַואנְגֶערֶע פְּרוּיא יָאגְט זִיךְ נָאךְ קַאלְךְ, אוּנ פַארְהַאסְט גִיזוּנְטֶע שְׁפַּייז. אוּנ נָאךְ דִיא גוּטֶע עֶרְקְלֶערוּנְג אִיז צוּא הָאפִין אַז עֶר וֶועט קְרִיגִין אַיין גְרֶעסֶערִין צוּבוּנְד צוּא מִיר.

עֶרְקְלֶער מִיר אַיין בַּיישְׁפִּיעל פוּן דֶעם! זָאגְט דֶער פָּאטֶער.

אִיךְ בִּין גְרֵייט צוּא עֶרְפִּילֶען דַיין וואוּנְשׁ לִיבֶּער פָּאטֶער, דוּא הָאסְט פִילַייכְט גִיהֶערְט דִיא גֶעשִׁיכְטֶע פוּן דֶעם גְרוֹיסִין גְבִיר פוּן שְׁטָאט פ. וָואס עֶר הָאט גִיוָואלְט גֶעמֶען פַאר זַיין בַּת יְחִידָה אַחָתָן אַיין אוֹיסְנַאם אִין דֶער וֶועלְט, אוּנ גֶעבִּין אִיהם אַיין הַאלְבִּין מִילְיָאן נְדַן, צוּם אוּנְגְלִיק אִיז דִיא טָאכְטֶער גִיוֶוען זֵייעֶר אַהֶעסְלִיכֶע, אַיין נִידֶערִיגֶע אַיין גִישְׁטוּפֶּעלְטֶע, קוּרְץ גִיזָאגְט עֶס אִיז נִיט גִיוֶוען אַיין פֶּעלֶער אִין דֶער נַאטוּר, וָואס עֶס אִיז אִין אִיהר נִיט גִיוֶוען, דֶער גְבִיר הָאט קַיין מִיטִיל גִיפוּנֶען צוּ עֶרְרֵייכֶען זַיין צִיעֶל, וַוייל וָואס מֶעהְר גֶעלְט עֶר וֶועט גֶעבִּין נְדַן, אוּנ זַיין אֵיידִים וֶועט זַיין רַייכֶער, וֶועט עֶר אַלְס אִיהר מֶעהְר הַאסִין.

וַיְהִי הַיּוֹם הָאט דֶער גְבִיר גִימֶעלְדֶעט דִיא לַאנְד שַׁדְכָנִים, אַז וֶוער עֶס וֶועט שְׁלִיסִין אַיין פַּארְטֵייא נָאךְ זַיין וואוּנְשׁ, וֶועט בֶּעקוּמֶען אַהוּן רַב שַׁדְכָנוּת. דִיא שַׁדְכָנִים הָאבִּין גִינוּמֶען קְלֶערִין אוּנ זוּכִין. אוּנ אַז מֶען זוּכְט גֶעפִינְט מֶען׳ זָאגְט אַיין אַלְטֶער שְׁפְּרִיכְוָוארְט, אֶקְלוּגֶער לַאנְד שַׁדְכָן הָאט פָּארְגִישְׁטֶעלְט אַחָתָן אַצַאצְקֶע, אַקְרַאסַאווִיץ, בְּלָאנְדֶע הָאר, אוֹיגִין וְויא קִירְסֶען, אַוואוִיל לֶערְנֶער, אַשְׁרֵייבֶּער, אַקְלוּגֶער, אַמְיוּחָס, מִיט אַיין וָוארְט אַשְׁלֵם בְּכָל הַמַּעֲלוֹת, אַז עֶר אִיז פַאר אַגִירָאטֶענֶע כַּלָּה אוֹיךְ וֶוערְט אַסַךְ נְדַן. דֶער מְחוּתָּן אוּנ דִיא כַּלָּה קְוֶועלִין פָּשׁוּט הֶערֶענְדִיג.

נוּא! נוּא! וָואס וֶועט אָבֶּער זַיין מִכַּח? ···· זָאגְט אַצְווייטֶער שַׁדְכָן.

וָואס הֵייסְט דָאס מִכַּח? עֶנְטְפֶּערְט דֶער פָּארְשְׁטֶעלֶער פוּן שִׁידוּךְ —.

דָאס הֵייסְט דֶער זֶעהֶען זִיךְ וֶועט גָאר נִיט שְׁטֶערִין אִין דֶעם..?

גַיין עֶס וֶועט גָאר נִיט שְׁטֶערִין! עֶנְטְפֶּערְט דֶער פָּארְשְׁטֶעלֶער, — אַלֶע זַיינֶען פֶּערְוואוּנְדֶערְט גִיוָוארִין אוּנ וָואלְטִין שׁוֹין וֶועלִין הֶערִין, וָואס אִיז דָאס פַאר אַזָארְט גִירָאטֶענֶער חָתָן. —

וואס

וָואס וואונדערט איהר זיך אויף מיר! דוכט זיך איהר ווייסט אַלע, אַז וָואס מיר נור גיפעלט, גיפעלט על פּי רוב דיא מחותנים אויך. —

דָאס איז טאקע אונזער גרויסער וואונדער! וויא איז דאס מעגליך אַז אַזא גיראטענער חתן וויא איהר שטעלט פאהר, זאל איין שטימען צו אזא פּארטייא, געוויס מוז ער האבּין אגאנץ גרויסין פעהלער.

ניין ער איז זייער א שיינער מיט שיינע קירשין אויגין, נור אקליינעם חסרון, עס איז כמעט ניט צוא דערקענען, ער האט דיא ליכטיגע שטאהר, זיא וועט געוויס זיין צופרידין פון איהם, אונ ער וועט אויך זיין צופרידין, ווייל ער וועט ניט זעהן זיין בּראך, וועלין זייא לעבּין צווישין זיך וויא א פּאר טויבּין.

בּראווא! בּראווא! האבּין אלע אויס גישריען, עס איז גוט וואס גוט הייסט! עס איז מיט מזל גיווען תנאים אונ חתונה. דער מחותן מיט דיא כּלה האבּין זיך בּעסער ניט גיוואונשין. עס איז אזויא אוועק איינגע יאהר אונ עס איז אלעבּין וויא אלעקאך, ער זעהט דאך ניט זיין בּראך.

ויהי היום איז דארטין דורך גיפאהרין אגרויסער אויגין דאקטער, ער האט פיל בּלינדע זעהענדיג גימאכט, מען האט זיינע וואונדער דערציילט אין אלע הייזער, אונזער יונגער גביר וויא ער האט ערהערט וועגין דעם פּריפעסאר, רופט ער זיך אב צוא זיין פרויא, מיין טהייערע! איך פאר־לאנג מען זאל רופין דעם פּראפעסאר צוא אונז, פּילייכט וועט ער מיר אויס קורירען דיא אויגין, אז איך זאל קענען זעהען דיא ליכטיגע שיין, וועל איך דאן זיין העכסט גליקליך.

וויא איהר וואהר אויפין הארצין הערענדיג זיינע ווערטער, פארשטייען מיר אלע, עס איז איהר פּשוט פינצטער אונ ביטער גיווארין, זיא ווייס דאך גוט איהר אונגליק, אז וויא נור ער וועט עפענען זיינע אויגין, איז שוין איין ענדע פון איהר זיסין לעבּין. ער וועט אנטלויפין פון איהר אין הרי חשך, עס איז לייכט צוא פארשטיין אז זיא האט אנגיווענדעט אלע מיטלען צוא פארשלאגין דעם ראזגאווער, יעדער מאל ווען ער איז פאר גיקומען, בּכדי ער זאל בּלייבּין בּלינד, אונ זיך עלטערין מיט איהר.

אך! וויא שארפזיניג דער משל איז! זאגט דער פאטער — דאס איז דיא וואהרע ליכטיגע רייד פון דעם היילעגען נביא ישעיה (השמן לב העם הזה ועיניו השע, פן יראה בעיניו כו׳ ושב ורפא לו), דער נביא האט אונז ערקלערט, אז דיא גאנצע אורזאך וואס מיר היינגען זיך אויפין יצר הרע מיט אלע הבלים איז, ווייל מיר זיינען בּלינד, היינט אז עס קומט איין אויגין

אויגין דָאקְטֶער ד. ה. אַיין חָכָם (מעיני העדה), אוּנ וויל שְׁרִיפְטְלִיךְ אָדֶער מוּנְדְלִיךְ עֶרְקְלֶערִין אוּנְזֶער בְּלִינְדְהַייט, אוּנ עֶפְּעֶנְעֶן אוּנְז דִיא אויגִין, דֶער שְׁרֶעקְט זִיךְ דֶער יֵצֶר הָרַע, עֶר ווייס דָאךְ גַאנְץ גוּט, אַז וִויא בַּאלְד מִיר וֶועלִין עֶטְוָואס עֶפְּעֶנְעֶן דִיא אויגִין, וֶועלִין מִיר זֶעהְן אויף וָואסֶערְע הֲבָלִים אוּנ שִׁגְעוֹנוֹת מִיר הַיינְגֶען זִיךְ, אוּנ פַארְבְּרֵיינְגֶען דִיא בֶּעסְטֶע יָאהְרִין, אוּנ דַאן וֶועלִין מִיר אַנְטְלוֹיפִין פוּן אִיהְם וואו פֶּעפֶּער וַואקְסְט. וֶועט עֶר דָאךְ אַרָאפּ פוּן זַיין גַאנְצֶע גְדוּלָה. דְרוּם וֶוענְדֶעט עֶר אָן אַלֶע מִיטְלֶען צוּ פַארְדְרֵייעֶן אוּנְז דִיא קֶעפּ, אוּנ נִיט צוּא לָאזִין צוּא אַזֶעלְכֶע רַאזְנַאווָארִין, אוּנ פַארְנַאנְדֶער שְׁלָאגִין פוּן אוּנְזֶער רַעְיוֹן אַלֶע אֵיידֶעלֶע הִתְבּוֹנְנוּת, בִּכְדֵי מִיר זָאלִין בְּלַייבִּין עֲווִיגֶע בְּלִינְדֶע, וֶועלִין מִיר זִיךְ שְׁטֶענְדִיג הֵיינֶגֶען אויף אִיהְם *), וִויא יֶענֶער יוּנְגֶער מַאן אויף זַיין שְׁטִיק בְּרָאךְ. — אוּנ אִיךְ דֵיינְק אַז וֶוער עֶס וֶועט נוּר הֶערִין דֶעם מָשָׁל מִיט אַגֶעפִּיל, אִיז לֹא דַי וָואס עֶר וֶועט נִיט אויף הֶערִין צוּא לֶעזִין דַיינֶע קְלוּגֶע רִיכְטִיגֶע רֵייד, אִין גֶעגֶען טְהֵייל עֶר וֶועט נָאךְ אִיבֶּער לֶעזִין אַצְוֵוייטִין מָאהְל אוּם גוּט אַרַיין צוּא נֶעמֶען אִין גִידַאנֶקֶען, אוּנ עֶס אִיז צוּא הָאפִּין אַז עֶס וֶועט אויף אַסַךְ אָרִינְטְלִיכֶע מֶענְטְשִׁין פִּיל ווירְקוּנְג מַאכִין.

דְרוּם מַיין לִיבֶּע טַאכְטֶער, גֵייא מִיט דַיין מֶענְשֶׁענְפְּרֵיינְדְלִיכֶען גַייסְט, אִין דֶעם עֲווִיגֶענְס נָאמֶען, אוּנ מַאךְ אַגְלִיקְלִיכֶע רַייזֶע, גֵייא אִין דִיא וֶועג וָואס אוּנְזֶער אַלְטֶער פַּאטְרִיאַט הִלֵל הַנָשִׂיא הָאט אוּיס גִיטְרָאטִין, (הוי מתלמידיו של אהרן אוהב שלום ורודף שלום אוהב את הבריות ומקרבן לתורה) ד. ה. זַייא פוּן אַהֲרֹנ'ס תַּלְמִידִים, וָואס עֶר לִיבְּט דֶעם פְרִידִין, אוּנ יָאגְט נָאךְ צוּא עֶרְהַאלְטִין צְווִישֶׁען אַנְדֶערֶע דֶעם פְרִידֶען, עֶר אִיזְט אַיין מֶענְשֶׁענְפְרֵיינְד, אוּנ פִיהְרְט זֵייא נָאהֶענְט צוּא דֶער תּוֹרָה.

אוּנ וֶוען דוּא וֶועסְט דַארְפִין מַאכִין אֵיינֶעם אַיין אַפֶּערַאצִיָאן, זָאלְסְטוּ אויךְ שְׁנַיידִין מִיט גְרוֹיס עֶרְבַּארִימוּנְג, וִויא אַ צֶערְטְלִיכֶער פָאטֶער מַאכְט אַיין אַפֶּערַאצִיָאן זַיין בֵּן יָחִיד. מִיטִין הַאנְד שְׁנַיידִין אוּנ מִיט דֶעם מוֹיל בְּלָאזִין צוּא עֶרְלַייכְטֶערִין אִיהְם דִיא שְׁמֶערְצִין. וואו מֶען דַארְף שְׁנַיידִין אָדֶער בְּרֶענֶען ווילְדְפְלֵייש ד. ה. דֶעם פַארְפָלוּכְטֶען לוּקְסוּס אוּנ מָאדֶעס זָאלְסְטוּ נִיט שׁוֹינֶען, נוּר קְרִיטִיקִירֶען אוּנ בְּרֶענֶען מִיט זוֹד, גֶעבִּין אַגוּטִין אָבְפִיהְרוּנְג עֶס זָאל דוּרְךְ טְרַייבִּין אַלֶע שְׁמוּטְץ, נַאכְהֶער אַז דוּא הָאסְט שׁוֹין אוּיס גִי־בְּרֶענְט דִיא ווילְדְפְלֵייש זָאלְסְטוּ הֵיילִין מִיט גוּטֶע אוּנ ווייכֶע רֵייד, צוּא צִיהֶען

דיא

---

*) כמ״ש בס׳ מסלת ישרים שעצת היצר הוא מעין עצת פרעה שאמר תכבד העבודה על האנשים כו׳ ואל ישעו כו׳ ע״ש בדבריו הנעימים.

דיא הערצער פון דיינע ברידער אונ שוועסטער לאהבת התורה ומדות ישרות, אונ דער עוויגער וואס ליבט אמת, זאל דיר פיהרין בדרך אמת.

אונ איך פארשווער דיר מיט אלעס וואס הייליג איזט, אז דוא זאלסט מיר שרייבין גאנץ אפט בריף וואס מיט דיר האט זיך פאסירט. אונ וואס פאר ווירקונג דוא האסט גימאכט מיט דיינע קלוגע ראזגאווארין, אונ דאס וועט זיין דיא איינע ערקוויקונג פאר דיין שוואכין פאטער, וואס זיין זעעלע איז אן געקניפט אן דיין זעעלע.

זייא רוהיג מיין ליבער פאטער, דיינע ווערטער זיינען בייא מיר הייליג, איך וועל דיר שרייבין פון יעדער האר ביז גאר, מיט דיזע ווערטער האבין זייא זיך אב גיזעגינט, אונ ער האט איהר באגלייטעט צום וואגזאל.

גייענדיג מיט איהר האט ער איהר באמערקט וואס דיא חכמי המשנה לערנען אונז (ברכות נ"ד והובא באו"ח סר"ל) אז דער מענטש דארף שטענדיג זיין דאנקבאר השי"ת פאר דיא פארגאנגענהייט, אונ בעטין בייא איהם אויף דעם צוקונפט. איין פרט פון דעם כלל איזט, ווען מען פארט ארויס פון אשטאט דארף מען זאגין דיא תפלה, יהי רצון מלפניך ה"א שתוציאני מכרך זה לשלום, ד. ה. עס זאל זיין דיין גוטער ווילין דוא זאלסט מיך ארויס פיהרין פון דיזע שטאט מיט פרידין, עס זאל מיר גיט טרעפין קיינע געפריאטנאסטין ביי מיינעם אב רייזין.

איך דאנק דיר זייער ליבער פאטער פאר דיזע באמערקונג, ווייל פיל מענטשין אפילו גילערינטע פארגעסין מחמת טרדה אונ פשיטא דיא אונגילערינטע ערזינערין זיך גאר ניט, אז אלע זייערע צייטין איז ביי דעם עוויגען אין האנד.

אז יע אזויא מיין ליבע טאכטער! זאלסטו שוין גידיינקען אלעס וואס שטייט דארטין אין דער משנה, אז ווען דוא וועסט זיך זעצין לשלום אויפין באן, אונ דער צוג וועט אב גיין, זאלסטו געבין איין שבח והודאה צו השי"ת מיט דעם נוסח: מודה אני לפניך ה"א שהוצאתני מכרך זה לשלום ד. ה. איך בין דיר דאנקבאר מיין גאט אונ גאט פון מיינע עלטערין וואס דו האסט מיר ארויס געפירט פון דיזער שטאט לשלום וכשם שהוצאתני לשלום כו', אונ אזויא וויא דוא האסט מיר ארויס געפיהרט לשלום, אזויא זאלסטו מיר ווייטער פיהרין לשלום, אונ ברייגגען צוא דעם ארט וואו איך באגער לשלום, אונ ווען דוא וועסט וועלין אראפ גיין אין אשטאט זאלסטו פריער מתפלל זיין יהי רצון שתכניסני לכרך זה לשלום ד. ה. עס זאל זיין אגוטער ווילין פאר דיר מיין גאט, אונ גאט פון מיינע עלטערין, אז דוא זאלסט מיר אריין פיהרין אין דיזע שטאט לשלום, אונ אז דוא וועסט ארין גיין מיט פרידין

זאלסטו

זאָלסטו געבּין איין שֶׁבַח וְהוֹדָאָה צום בּוֹרֵא ית״ש וואס ער האט דיר אַריין געפיהרט אין שטאט לשלום. דיא הייליגע חכמים לערנען אונז מיט דעם אַז דער מענטש זאל שטענדיג וויסין, אַז ער מיט זיין האָב אונ גאָב איז אימער אונטער דיא השגחה פון בּוֹרֵא ית״ש, וויא דוד המע״ה זאָגט מה׳ מִצְעֲדֵי גֶבֶר כּוֹנָנוּ. פון השי״ת איז דיא טריט פון מענטשין באַשטימט, אונ דער מענטש קען גאר ניט וויסין וואו זיינע פיס פיהרין איהם, צום גליק, אָדער חלילה צוא וואס אַנדערס, דרום מוז דער מענטש שטענדיג זיך ווענדין צום עוויגען, דאַנקען איהם אויף עבר, אונ בעטין אויף הַצְלָחָה אין צוקונפט.

דוא האסט מיר דערמאנט ליבּער פאטער וואס איך האב גיהערט ערציילענדיג אויף אַגרויסין חכם, אַז איין שר האט איהם באַגעגינט אונ גיפרעגט וואוהין גייסטו? ענטפערט ער אדוני השר איך ווייס ניט. דער שר איז ברוגז גיוואָרין אויף דעם אַנטוואָרט, אונ איהם גיהייסין איין זעצין, נאַכהער וויא ער האט איהם בעפרייט האט ער איהם פאר גיהאַלטין: דוא האסט דאך געוויס גיוואוסט וואוהין דוא גייסט, טוא וויא אזויא זאגסטו מיר דוא ווייסט ניט? ענטפערט דער חכם, אדוני השר! זעהסטו דאך איך האב גירעכינט צוא גיין דאַרטין אונ דאַרטין, אַם ענדע האסטו מיר גיהייסין פיהרין אין פעסטונג, נוא ווייס שוין אַמענטש וואוהין ער גייט? דרום שפירט מיין הערץ אַריינע ליבּשאַפט צוא אונזערע חכמי המשנה והתלמוד וואס האבין איינגעפליסט אין אונזערע גידאַנקען ליבע צוא השי״ת אונ צוא זיין תורה וואס זיא שטעלט אונזער פוס אין אַליכטיגען טריט כמ״ש נֵר לְרַגְלִי דְבָרֶךָ, דיא רייד פון דער תורה איז אַליכט צוא מיין טריט, אונ מיט דיזע הייליגע וואַרימע ליבשאַפט זעגין איך זיך מיט דיר ליבּער פאטער אונ ווינש דיר אַגוטין עלטער. אונ בּיי דיא ווערטער האט זיא באַשאָטין זיין האַנט (כמ״ש ברכות ח: כשנושקין אין נושקין אלא ע״ג היד), מיט ליבּליכע קושין. אַדיע.

ב. דער ערשטער בּריעף פון איהר רייזע.

לאבי יקירי, חמדת לבבי, מורי ומדריכי שלום.

מיט גרויס פערגעניגען נעם איך מיין פעדער אין האַנט, אָב שילדערין פאר דיר מיין ערשטע רייזע, אום דיר צוא פאַרשאַפין פערגעניגען פאַר דיין מיהע, מיר צוא ערציהען אין גוטין וועג, אונ איבּער הויפט צו פלאַנצין אין מיר דיא זיטטע פון מענטשין פריינדשאַפט, אבוואָהל דיא מדה פאַר
שאפט

שאפט מיר פיל מאל גרויס ליידונג, ווען איך זעהע אז יענער טוט אונרעכט, און איך האב ניט קיין גוטע געלעגענהייט וויא איהם צוא ערקלערען אז ער גרייזט, אז דיא רייד זאל זיין מיט נוטץ, קריינקט דאס מיר זייער, אזויא וויא למשל ווען איך זעהע יענער רויכט אציגאר, און עס פאלט איין פונק אויף זיין קלייד, עס ברענט דורך זיין קלייד, און עס קען גרייכען צום לייב און איך קען איהם ניט זאגען ווייל ער איז טויב און הערט ניט, ווער איז אימשטאנד זיך פאר צוא שטעלען, דיא קריינקונג וואס דער מענשענפריינד האט פון דיזע סצענע.

אזא געשיכטע האט מיר גיטראפין גלייך ביי מיין ארויס פאהרין פון דיר מיין ליבער פאטער. וויא דער צוג איז אב גיגאנגען, און איך האב זיך גישטעלט צוא געבין איין שבח והודאה צוא מיין באשעפער שהוציאני מכרך זה לשלום, וויא דיא היילינע משנה (ברכות פ"ם) לערינט אונז, און נאכהער האב איך מסדר גיוועהן מיין גיבעט (תפלת הדרך) אז השי"ת זאל מיר פיהרין לשלום, און זאל מיך אויס היטין פון אלע אומשטאנדין וואס קען חלילה פאסירען אין וועג, (ווען אפילו יעצט איז דא באהן, זאל אויך השי"ת אונז אויס היטין פון דיא אונגליקען וואס האט שוין פאסירט), אייניגע דאמען אונד הערין יודישע וואס זיינען גיוועהן אין וואגאן, האבין מיר אן גיקוקט מיט פארוואונדערונג, זייא האבין מיר באטראכט פאר איין אונוויסענדע, שטייטש וויא אזויא ווייס איך דאס ניט פון נייעם שזורנאל! ד. ה. דעם נייעמאדישען תפלת הדרך, וויא זייא האבין גיטאן, באלד וויא דער צוג האט זיך געריהרט פון סטאנציאן, האבין זייא ארונטער גיווארפין דיא שלייאפע פון קאפ, און ארויס גינומען בולקעס מיט ווארסט, און אריין גיווארפין אין זיך אום גיוואשין און אהן המוציא, און ווער רעדט שוין ארום ברכת המזון, נור בעת טרינקען האבין זייא באריהרט אגלעזיל אן אגלעזיל, און גיזאגט איינע צוא דיא אנדערע "לאמיר זיין גיזונד" פונקט וויא דאס וואלט זיך ווענדין אן זייא זעלבסט. נוא וויא גיפעלט דיר ליבער פאטער דער פינצטערער נייער שזורנאל?!

דוא קענסט זיך פארשטעלין מיין ליבער פאטער דיא קריינקונגען וואס איך האב גיהאט צוא זעהן דיא סצענע, — וויא דוא קענסט מיין נאטור אז איך בין יעדער מענטשין אפריינד מיט לייב און לעבין, און דא זעהע איך אזעלכע גראבהייט פון מיינע ברידער, וואו איז דיא דאנקבארקייט צו השי"ת פאר דיא שפייז וואס ער האט באשאפין? (דיא ברכה איז דאך בלויז דרך ארץ והכרת טובה, וויא ווייטער וועט ערקלערט ווערין). עס האט מיר גיפלאמט

מיינע אויגן, עס זיצין קריסטין ארום, אונ וויא איך האב גוט באטראכט, איז דאס ביא זייא אויך זייער שפיל אויס גיקומען, זייא האבין אויך זייער מאליטווא ביא דעם צוג אבציהונג, אונ בעת געמען עסין מאכין זייא אויך זייערע צייכין פון דאנקבארקייט צום עוויגען, אונ אונזערע ברידער זיינען פרייא פון אלעם (פורקי עול מלכות שמים). —

נור וואס זאל איך פאריביל האבין אויף דיא יונגע מענטשין, אז עס איז מיט גיפאהרין מיט זייא זייער פאטער, אמאן פון איאהר 50, אונ האט מיט גישפייזט מיט זיינע קינדער, אן איין אידישען ווארט, אונ גראדע איין איינפאכער מענטש, קאנטיג ניט קיין גרויסער אריסטאקראט, דיא גאנצע אריסטאקראטיע פון איהם איז נור גיוועזן צוא זעהן וואס ער עסט אן אהיטיל אונ אן אברכה. שא נאך עפעס האב איך גיזעהן פון איהם אריסטאקראטיע, עס איז אריין זיינע אבעקאנטע דאמע אין אונזער וואגאן האט ער זיך אנידער גישטעלט פאר איהר, אונ איהר גירייכט דיא האנט, אונ זיך אזא ביינ גיטאן להבדיל וויא צוא מודים. פון דעם ביינ איז גיוועזן צוא ערקענען אז ער וויל געבאך מיט אלע מעגליכקייט נאך טאנצין דיא אריסטאקראטיע, עס איז אבער דאך צוא דערקענען פונקט וויא אגר רעדט אידעס. אנדערע קריסטען האבין דאביי אשמייכיל גיטאהן. מיר האט אבער מיין הערץ גיוויטאגט, איך טראכט ביא זיך, מיין גאט! וואס איז דאס פאר איין אונגליק אויף אונזערע ברידער, וואס זייא זעהען נור נאך צוא טאהן אין אלע נארעשקייט דער מאדע (אונ קוקען ניט וואס דאס איז פארבאטין על פי תורתינו). — קען מען דען ניט פריינדליך גערין יענעמס פרויא, אונ ניט רייכען איהר דיא האנד *), אונ אין ארעכטע זאך טוען זייא ניט נאך דעם קריסט א), דער קריסט דאכט זיך גיט אויך אדאנק דעם עוויגין פאר זיין עסין, אונ נאכהער אונ אונזערע ברידער עסין וויא בהמות, אונ האבין אפילו קיין בושה ניט פאר מענטשין.

איך זיץ אין גרויסע שמערצין אונ ווייס זיך ניט צוא געבין קיין ראטה, זאגין קען איך ניט, ווייל איך בין חס אויף זייער כבוד גיט צוא פארשעמען זייא, פאר דיא אנדערע מענטשין וואס זיצין ארום, אונ אויף איינגע צווייפיל איך, אויב עס וועט גאר העלפין דער זאגין, ווייל זייא זעהען מיר אוים וויא

---

*) איין קלוגער דוחאוונער האט אמאהל גיענטפערט איינע פרעמדע פרויא וואס זיא האט איהם גירייכט דיא האנד (נאך היינטיגע נארישע מאדע), „איין דוחאוונעם קען מען טרויען אויפין ווארט, מען ברויכט ניט צוא נעמען ביא איהם אהאנד".

א) וכמשפטי הגויים (כמתוקנים שבהם) לא עשיתם, (כמקולקלין שבהם עשיתם).

וויא דער העלד פון שיירה*), ניט זאגין טוט מיר וייא מיין הארץ, איך האב פשוט רחמנות אויף זייא, וויא דער ביישפיל פון פונק פון ציגאר כו׳. אונ אום צוא ערלייכטערין מיינע פארדרוס, האב איך גינומען אספר, אונ האב פארטיפט מיין רעיון ביז וואגען איך האב גאר פארגעסין וואס ארום מיר טוהט זיך, עס איז נאכט גיווארין האב איך מיר ארויס גינומען מיין סידוריל, אונ האב גידאווינט מעריב ווארט אין ווארט, ווארום ווער קען מיר שטערין מיין רעליגיאן, וואס היינט בחסדי ה׳ זיינען מיר אונטער מלכי חסד, וואס עס איז אונז פרייא צוא היטין אונזער דת אויפין בעסטין אופן, אויף מיר קוקענדיג האבין נאך אייניגע יודין וואס פריער ווייזט אויס האבין זייא זיך גישעמט, האבין זייא יעצט אויך גידאווינט, נאכהער האב איך ארויס גינומען איין אייער בייגיל אונ גימאכט אברכה בורא מיני מזונות, אז דער צווייטער וואס זיצט לעבין מיר זאל הערין, אונ זאל ניט מיינען אז דאס איז איין פשוטער בייגיל, וועט ער רעכענען אז איך עס אן גיוואשין, אונ אויף אשלעכטע זאך אז מען טוט, ווערט מען גאנץ לייכט איין לעהרער, אונ מען באקומט אסך תלמידים, יענער קוקט גאר ניט ווער איך בין, צוא בין איך ווערט אז מען זאל זיך לערנען פון מיר אדער ניין, נור מען זאגט גלייך אז יענער הייסט הענדיל מעג איך עסין פון זיין פענדיל״. הגם דאס איז זייער ניט פראקטיש, איין הענדיל טרעפט אויך אז ער ווערט טרייף. נור דאס איז שוין איין אלטער פעהלער בייא דעם וואס וויל פרייא זיין אראפ ווארפין פון זיך דעם עול מלכות שמים, נור אמאהל האלט איהם אב דיא בושה צוא טאהן אזא זאך וואס קיינער טוט ניט, איז נור וויא ער דערזעהט, אדער איהם דוכט זיך אז אצווייטער טוט דאס אויך, ווען אפילו יענער טוט אומ-גערין האפט ער דאס צוא וויא איין אבן טוב, אונ בויט שוין אויף דעם נאך פיל לייכטזיניגע זאכין, מיט דעם אויסדריק אז יענער וואס איז אפיינער מענטש

טוט

*) אשיירה (קאראוואניע) איז גיגאנגען אין דער מדבר. האבין זייא דערהערט אגישרייא פון אלייב, זיינען אלע פארציטערט גיווארין, אייגער פון זייא איז גיגאנגען אזויא סמיעלע וויא איין העלד. עס איז קאנטיג גיוועזן אז עס האט איהם גאר ניט באריהרט דיא שרעק, אלע האבין זיך פארוואונדערט אויף זיין העלדענמוטה. ארויס גייענדיג פון סכנה האבין זייא איהם גינומען באטראכטין, אין וואס באשטייט זיין העלדינשאפט? האבין זייא גיפונען, אז דאס איז נור ווייל ער איז טויב וויא דיא וואנט. אונ הערט ניט, דרום בעטין מיר להבין ולהשכיל לשמוע אז מיר זאלין דער הערין, מיר זאלין ניט זיין חלילה פון דיא העלדין וואס ואזניו הכבד. אונ זיינען גיפלאגט מיט דיא קללה פון דער תוכחה ובתמהון לבב, וואס ער דער הערט ניט, ווען מ׳איז רעדט צוא איהם אגלייכע זאך.

טוּט דָאס, מֶעג אִיךְ שׁוֹין טָאהְן נָאךְ מֶעהְר, אוּי וִויא דוּם דָאס אִיז, צוּא
דֶען אַז יֶענֶער גְרַייזְט דַארְף אִיךְ אוֹיךְ גְרַייזִין?

אוֹיף דִיא צְווייטֶע סְטַאנְצְיֶע הָאבּ אִיךְ גִינוּמֶען טְהֵייא, אוּנ הָאבּ אוֹיךְ
טְרַאקְטִירְט פִיל מֶענְטְשִׁין מִיט טְהֵייא אוּנ צוּקֶער, וִויא דוּא וֵוייסְט דָאךְ, אַז
דֶער הוֹיפְּט פַארְגֶענִיגֶען פוּן מַיין עֶסִין אִיז, וֶוען דֶער צְווייטֶער גֶעגִיסְט אוֹיךְ
מִיט מִיר, נַאכְהֶער צִינְד אִיךְ מִיר אָן אַלִיכְט, אוּנ גֶעם וַוייטֶער קוּקִין אַסֵפֶר,
אִיךְ זֶעה פוּן וַוייטִין זִיצִין אַקוּמְפַּאנְיֶע אִידִין, אוּנ צִינְדִין אוֹיךְ אָן אַלִיכְט, אִיךְ
רֶעכִין גֶעווִיס וֶועלִין זֵייא אוֹיךְ קוּקֶען אַסֵפֶר, וִויא עֶרְשְׁטְווינְט בִּין אִיךְ אָבֶּער
גִיוָוארִין, אַז זֵייא הָאבִּין זִיךְ צוּזַאמֶען גִיזֶעצְט לֶערְנֶען ש״ס, מֵיינְסְטוּ אֶפְשַׁר
תַּלְמוּד בַּבְלִי? נֵיין נִיט פַאר אוּנְז גִידַאכְט קְלֵיין ש״ס, וִויא קְלֵיינֶע שָׁאפֶּעלֶע
מֶענְטְשִׁין, אִיךְ וֶועל וַוייטֶער צוּרוּדֶערְט וִויא דוּא קֶענְסְט מַיין נַאטוּר, וִויא
קוּמֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּא אַזַא נִידֶערִיגֶע זַאךְ וִויא קָארְטִין? אוּנ מִיט אַזַא
הַכָנָה צוּא דֶעם, מִיט גֶעמֶען אַלִיכְט פוּן צוּא הוֹיז. נַאכְהֶער זֶעהֶע אִיךְ, וִויא
מַיין פָארִיגֶער אַרִיסְטָאקְרַאט וִויל זִיךְ גֶעמֶען צוּם עֶסִין אָבֶענְד בְּרוֹיט, דָא
טְרַאכְט אִיךְ וֶועט שׁוֹין זַיין מַיין מָאס פוּן שְׁמֶערְץ אִין גַאנְצִין פוּל, פוּן דֶעם
זַייט שְׁפִּילְט מֶען אִין קָארְטִין, אוּנ פוּן דֶעם אַנְדֶערִין זַייט עֶסְט מֶען אָן אַבְּרָכָה,
אִיךְ בִּין אַזוֹיא צוּרוּדֶערְט גִיוָוארִין, אִיךְ הָאבּ גָאר נִיט גִיוואוּסְט פוּן צַער
וואוּ צוּא פַאלִין, אִיךְ חַאפּ מַיין צֶעמָאדַאן אוּנ רֶעכִין אִיבֶּער צוּא גֵיין אִין
אַנְדֶערִין וַואגָאן, אוּם מַיינֶע אוֹיגִין זָאלִין דִיא שְׁפָלֶה אוֹיפְפִיהְרוּנְג נִיט זֶעהְן.

קוּים הַאלְט אִיךְ שׁוֹין דִיא קְלַאמֶקֶע אִין הַאנְט, עֶרְאִינֶער אִיךְ זִיךְ
וָואס טוּא אִיךְ דָא, הַה!? וָואס אִיז דֶער צְוֶועק פוּן מַיין רַייזֶע? וֶוען צוּא
זִיצִין רוּהִיג אָהְנֶע שְׁמֶערְץ, וָואס הָאט מִיר גִיפֶעלְט צוּא הוֹיז בַּיי דִיר מַיין
טְהַייעֶרֶער פָאטֶער, אִיךְ הָאבּ זִיךְ דָאךְ סָאגְלַאסֶעט אַלֶע שְׁווִירִיגְקֵייט פוּן דִיא
רַייזֶע, נוּר צוּא פַארְשַׁאפִין נוּצִין מַיינֶע פַארְבְּלָאנְדְזֶעטֶע בְּרִידֶער, הַיינְט אַז
עֶס קוּמְט מִיר צוּא דֶער הַאנְט אַזַא פַאקְט, אַנְטְלוֹיף אִיךְ צוּא זוּכִין רוּהֶע
פַאר מַיין הַארְץ, נֵיין! אִיךְ מוּז זִיךְ צוּרִיק זֶעצִין אוֹיף מַיין פְּלַאץ, אוּנ
בַּאטְרַאכְטִין עֶטְוָואס אַמִיטִיל, וִויא זֵייא צוּא עֶרְלַייכְטִין דִיא אוֹיגִין.

אִיךְ שְׁטֶעל צוּרִיק אַוֶועק מַיין צֶעמָאדַאן, אוּנ גֶעם אַרוֹיס אַלִיכְט מִיט
אַלַייכְטֶערִיל, אוּנ טְרָאג זֵייא צוּא מִיט דִיזֶע וֶוערְטֶער ״מַיינֶע טְהַייעֶרֶע! וִויא
אִיךְ בַּאמֶערְק אַז אִיהְר ווילְט יֶעצְט שְׁפַּייזִין, וַויל אִיךְ הָאבִּין דִיא עֶהְרֶע אַייךְ
צוּא בֶּעלַייכְטִין אַייעֶר אַבֶענְד בְּרוֹיט״. דִיא הַצְלָחָה הָאט מִיר גֶעגְלִיקְט, אוּנ
זֵייא הָאבִּין צוּא גִינוּמֶען.

— וואוּהִין פָאהְרִין זֵייא מַיין פְרַיינְד? פְרֶעגְט דֶער פָאטֶער בַּייא מִיר.

נאךְ

נָאךְ פ. וַואהְר מַיין אַנְטְוָוארְט.

אַזאַזויא פָאהְרִין מִיר גְלַייךְ, מִיר פָאהְרִין אויךְ אַהִין, זָאגְט דֶער פָּאטֶער.

אִיךְ ווִיל אַייךְ עֶפֶּעס פְרֶעגִין מַיינֶע טְהַייעֶרֶע, זָאג אִיךְ צוּא זֵייא, ווִיא עֶס אִיז בַּאוואוּסְט, אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זֶעהְן אַיין צוּא שַׁאפִין זִיךְ גוּטֶע פְרַיינְד, ווִיא דֶער שְׁפְּרִיכְוָוארְט זָאגְט „בֶּעסֶער צֶעהְן גוּטֶע פְרַיינְד אֵיידֶער אֵיין שׂוֹנֵא" אוּנ בִּפְרַט אִין אַפְרֶעמְדֶע שְׁטָאט, דְרוּם פְרַאגֶע אִיךְ, מִיט וָואס בִּין אִיךְ אִימְשְׁטַאנְדֶע צוּא עֶרְוֶוערְבִּין אַייךְ פַאר אֶמֶתֶע גוּטֶע פְרַיינְד?

מִיר זַיינֶען שׁוֹין אַייךְ גוּטֶע פְרַיינְד פַאר אַייעֶר גוּט הַארְץ, אוּנְז לִיכְטִיג צוּא מַאכִין בַּיין שְׁפַּייזִין.

יַא דָאס אִיז וַואהְר, דָאס אִיז אָבֶּער נוּר אַקְלֵיינִיגְקֵייט, וָואס דֶער חַא־רַאקְטֶער בְּרֵיינְגְט מִיט. נוּר אַיין צוּא פְלִיסִין אַיין אֶמֶתֶע פְרַיינְדְשַׁאפְט, וָואס זָאל זִיךְ נִימַאלְס טְרֶענֶען, אִיז דִיזֶער וָואהְלְטְהַאט נָאךְ צוּא שְׁוַואךְ, מֶען בְּרוּיכְט צוּא דֶעם פִיל ווִיכְטִיגֶערֶע. — אַלֶע שְׁווַייגִין שְׁטִיל, אוּנ ווֵייסִין מִיר נִיט וָואס צוּא אַנְטְוָוארְטִין.

וֶוען זֵייא זַיינֶען עֶס נַייגֶערִיג צוּא ווִיסִין, קָאן אִיךְ זֵייא זָאגִין, דָאס אִיז אַיין רַאטְה פוּן דֶעם גְרוֹיסִין וֶועלְט חָכָם שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ ע"ה, נוּר אִיךְ פַארְלַאנְג דָאס צוּא זָאגִין פְרִיעֶר דֶעם פַּאטֶער אַלֵיין.

דֶער בַּאהְן אִיז גִיקוּמֶען צוּא אַסְטַאנְצְיֶע, דֶער פָאטֶער אִיז אַרָאפּ אוֹיפִין פְּלַאץ פָארְמֶע, אִיךְ בִּין אויךְ אַרָאפּ.

דָא קָאנְט אִיהְר מִיר זָאגִין וָואס אִיהְר פַארְלַאנְגְט, שְׁפְּרִיכְט עֶר צוּ מִיר.

יַא מַיין טְהַייעֶרֶער פְרַיינְד, אַנְטְוָוארְטֶע אִיךְ, שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט, וֶוען דוּא ווִילְסְט קְרִיגֶען אַקְלוּגִין מֶענְטְשִׁין פַאר אַפְרַיינְד (הוֹכַח לְחָכָם וְיֶאֱהָבֶךָּ), ד. ה. מֶערְק אִיהְם אָן אויף דֶעם אִירְטְהוּם וָואס עֶר הָאט גִיטָאהְן, אוּנ פִיהְר אִיהְם אַרוּף אויף דִיא אֶמֶתֶע וֶועג, וֶועט עֶר דִיר בְּלַייבִּין אַיין עֶווִיגֶער גוּטֶער פְרַיינְד.*)

וָואס פַאר אַיין פַארְזֶעהוּנְג הָאט אִיהְר גִיזֶעהֶען אויף מִיר? זָאגְט יֶענֶער.

גֶעגִין מַיין ווִילִין הָאט זִיךְ מִיר אַרוֹיס גִיחַאפְּט אַשְׁטַארְקֶער זִיפְץ פוּן מַיין טִיפִין הֶערְצִין אויף זַיין פְרַאגֶע, אִיךְ טְרַאכְט בַּייא זִיךְ, אוֹי ווִיא נִידֶערִיג דָאס אִיז, אַז עֶר שְׁפִּירְט גָאר נִיט זַיין פַארְבְּרֶעךְ, אוּנ מִיט אַרָאפּ גִילָאזֶענֶע אוֹיגִין (אוּם נִיט צוּא פַארְשֶׁעמֶען אִיהְם) זָאג אִיךְ, אַייעֶר פַארְזֶעהוּנְג אִיז מַיין טְהַייעֶרֶער, וָואס אִיהְר הָאט זִיךְ גִישֶׁעמְט צוּא מַאכִין אַבְּרָכָה, אוּנ בֶּענְטְשִׁין

פאר

*) וכמ"ש במדרש ע"פ והוכיח אברהם את אבימלך כו' ריב"ח אמר כל אהבה שאין עמה תוכחה אינה אהבה. ובמס' ת"ד כל זמן שתוכחה בעולם טובה וברכה בעולם שנאמר ולמוכיחים ינעם כו'.

פאר דיא קריסטין, געוויס ביא איך צוא הויז מאכט איהר יוא אברכה, אונ בענטשט, נור דער שעמען זיך איז אגרויסער אירטהום, ווייל אקריסט פארשטייט אויך וויא ארינטליך איז דער מכיר טובה (דער דאנקבארער מענטש), אונ אברכה איז נור בלויז דאנקבארקייט צום עוויגען, פאר דיא שפייז וואס ער האט באשאפין.

וואס איז דארטין אין וואגזאל אזא גירודער? הער איך איין פאסאזירער פרעגט דעם צווייטין.

מיר זעהען אז דער זאנדאר פיהרט איונגען מענטשין, אונ דער בופעטציג שרייט ·דוא זוליק! אונפארשעמטער יונג! האסט זיך אן גיפרעסין אונ אן גיזויפין, אונ ווילסט ניט באצאלין!

ער האט פאלקאם רעכט! — זאגט מיין אריסטאקראט. — הערענדיג דיזע ווערטער פון איהם בין איך מונטער גיווארין, אונ שפרעך צוא איהם, יא מיין טהייערער, איהר באמערקט וויא שענדליך דאס איז, צוא נעמען פון בופעט אונ ניט צאלין, אונ דאס פארשטייט יעדער מינדעס קינד, היינט ווארום זאלין מיר ניט באמערקען, אז דיא גרויסע וועלט מיט אלע איהרע שפייזין איז דער געטליכער בופעט, וויא דער הייליגער משורר זאגט (לה' הארץ ומלואה) צו גאט גיהער דיא וועלט, אונ אלעס וואס אין איהר איזט, איז דאך דיא וועלט דער געריכמטער געטליכער בופעט, אונ מיר האבין קיינע מאנעטע ניט, מיט וואס איין צוא צאהלין דעם בורא פאר זיינע שפייז, נור השי"ת ברוב רחמיו איז מקבל דעם דאנק (דיא ברכה) פאר איין בעלאהנונג*), אונ ווען מען עסט אן אברכה, האט מען אפנים וויא דער וואס האט גיחאפט פון בופעט. אונ אזויא ריידענדיג זיינען מיר אריין אין בופעט 2-טע קלאס, מיר זעהען אז רייכע לייט צאהלין אב רעכטע מטבעות פאר איין מיטאג, ענדיג איך מיין ראזגאוואר מיט דיזע ווארטין: — עס איז צוא בעדויערין אונזער פארדארבענהייט, אז דעם בופעטציג איז אונז רעכט צוא צאהלין פיל נור ער הייסט, אונ דעם בורא וואס ער איז דער אמתער ווירטה פון וועלט בופעט, איז אונז שווער צו געבין אברכה, אוי וויא אונפארשעמט מיר זיינען!!

מיין אריסטאקראט האט גוט פארשטאנען אז איך האב רעכט, דער צופאל פון דעם וואס האט גיחאפט פון בופעט, האט עפעס גימאכט אויף איהם איין התפעלות, נור אום עפעס ניט צוא פארשעמט ווערין זאגט ער, איך האב חלילה ניט גיחאפט פון געטליכען בופעט, איך האב גיטראכט אדאנק אין הארצין.

דא

*) ועפ"ד נחות נאמר שהמטבע האחת שבה יוכל לשלם לבורא עולם היא „מטבע" שטבעו חכמים בברכות

דָא הָאבּ אִיךְ זִיךְ שׁוֹין נִיט גֶיקֶענְט אַיינְהַאלְטִין, אִיךְ ווייס דָאךְ אַז דָאס אִיז אַיין שֶׁקֶר מוּחְלָט, וַוייל דֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶרלוֹיבְּט זִיךְ צוּא טָאהְן גֶעגִין דִיא הֵיילִיגֶע תּוֹרָה וָואס זִיא שְׁרַייבְּט דַייטְלִיךְ וְאָכַלְתָּ וְשָׂבָעְתָּ וּבֵרַכְתָּ כו׳, וִויא אִיךְ הָאבּ אַלֵיין צוּא גִיזֶעהֶען, אַז עֶר הָאט נִיט גִיבֶּענְטְשְׁט, אוּנ נִיט גִימַאכְט קַיין בְּרָכָה, דֶער אִיז שׁוֹין זֵייעֶר ווייט פַארְגַאנְגֶען, דֶער פַייעֶר פוּן אַהֲבַת ה׳ אִיז שׁוֹין קַאלְט אִין זַיין הַארְצִין, עֶר דֵיינְקְט שׁוֹין וֵיינִיג וֶועגִין אִיהְם צוּא טְרַאכְטִין פַארִין עֶסִין, אִיךְ גִיבּ אַיין שֶׁבַח וְהוֹדָאָה צוּם בּוֹרֵא, פַאר דִיא שְׁפַּייז וָואס עֶר הָאט בַּאשַׁאפִין, אוּנ אוּם נִיט צוּא מַאכִין קַיין גְרוֹיסִין דִיכְפּוּט וֶועגִין דֶעם, אוֹיף וַוייזִין אַז מִיטִין טְרַאכְטִין אִין הַארְצִין אִיז מֶען נִיט יוֹצֵא עַל פִּי דִין תּוֹרָתֵנוּ (וִויא עֶס וֶוערְט גִיפַּאסְקֶענְט אִין שו״ע או״ח סי׳ קפ״ה וסי׳ ר״ו) גִיבּ אִיךְ אַשְׁמֵייכִיל פוּן פַּיין מִיט דִיזֶע וֶוערְטֶער, דֶעם סֶערְפֶער וִוילֶען מִיר נִיט פַּטְרִין מִיטִין טְרַאכְטִין, מֶען צָאלְט אָבּ גוּטֶע גֶעלְט פַאר אַיין מִיטָאג, אוּנ הָארֶעוֶוען מִיט שְׁוֵוייס אֵייֶדער מֶען פַארְדִינְט, אוּנ נָאכְהֶער לַיידִין פוּן קֶערְפֶּער טִרְחָה, פִּיהְרִין אִיהְם אָבּ רֵיינִיגֶען זַיין שְׁמוּטְץ, אוּנ פַאר דִיא נְשָׁמָה זַאלֶעוֶוען מִיר אֵיינִיגֶע וָוארְטִין, הֲגַם אִין עֶסִין וָואס דֶענְסְטְמָאהְל אִיז גִיפֶעהְרְלִיךְ דֶער רֵיידִין, עֶס זָאל נִיט אַרַיין הַאפִּין זִיךְ אִין לִינְקֶען קֶעלֶער, דֶענְסְטְמָאל גְרַאד פְלַאפִּילְט מֶען גָאר אָן אַשִׁיעוּר, אוּנ דִיא עֶטְלִיכֶע וֶוערְטֶער פוּן בִּרְכַּת הַמּוֹצִיא וּבִרְכַּת הַמָּזוֹן אִיז אוּנְז צוּא שְׁוֶוער צוּא זָאגִין, גְוַואלְד! וואוּ אִיז מַיין אִיד׳!?

דִיזֶע וֶוערְטֶער וָואס אִיךְ הָאבּ גִירֶעדְט מִיט אַזַא עֶנֶערְגִיֶע, אוּנ מִיט רֵיינֶע מֶענְטְשֶׁענְפְרַיינְדְשַׁאפְט, הָאבִּין נִיט גִיפֶעלְט זֵייעֶר צִיעל, וּבִפְרַט וִויא עֶר בַּייא זִיךְ ווייסְט, אַז עֶר הָאט גָאר אִין זַיין לִינְקֶע פֵּאָה נִיט גִיהַאלְטִין קַיין מַחֲשָׁבָה פוּן דַאנְקְבַּארְקֵייט צוּא השי״ת.

אִיהְר זַייט גִירֶעכְט! — וַואהְר זַיין אַנְטְוָוארְט, — אַייעֶרֶע אַדֶעלֶע וֶוערְטֶער הָאבִּין אוֹיף מִיר אַיין שְׁטַארְקֶען אַיינְפְלוּס גִימַאכְט, אִיךְ וֶועל אַייךְ מוֹדֶה זַיין, אַז דִיזֶע פַארְדָארְבֶּענְהַייט קוּמְט פוּן גִיזֶעלְשַׁאפְט מִיט לַייכְטְזִינִיגֶע מֶענְטְשִׁין, אָבֶּער בֶּאֱמֶת אִיז דָאס אַגְרוֹיסֶער פַארְבְּרֶעךְ גֶעגִין דִיא תּוֹרָה, אוּנ גֶעגִין דֶעם רֵיינֶעם גֶעוִויסֶען, אוּנ אִיךְ פַארְזִיכֶער אַייךְ, אַז אַייעֶרֶע וֶוערְטֶער וֶועלִין נִיט גֵיין אִין ווִינְט, אִיהְר הָאט גִירֶעדְט אוֹיף אַיין גִיהָארְכְזַאמֶען אוֹיעֶר.

אִין דֶעם הָאט מֶען גִיקְלוּנְגֶען דֶעם דְרִיטֶען זְוַואנָאק, אוּנ מִיר זַיינֶען אַרַיין אִין וַואגָאן, דֶער פָאטֶער הָאט זִיךְ גִיזֶעצְט לֶעבִין זַיין פַאמִילְיֶע, אוּנ הָאט מִיט זֵייא גִירֶעדְט, וָואס הָאבּ אִיךְ נִיט גִיהֶערְט, נוּר פַארְשְׁטַאנֶען הָאבּ אִיךְ, אַז מַיינֶע רֵייד הָאט פִיל גֶעווירְקְט אוֹיף אִיהְם, צוּם צֵייכִין אוֹיף צוּ-

פרידענהייט

פריידענהייט האט ער מיר געגעבען נעמען איין פלאץ לעבען איהם, אונ וויא איך האב באמערקט איז זיין ציעל געוועזען. איך זאל מאכען אויפמערקזאם זיינע קינדער. — איך האב זיך ניט געלאזט שטארק בעטען, אונ גענומען איין פלאץ לעבען זייא. — איך נעם ארויס פון מיין צעמאדאן גוטע עפיל, אונ טראקטיר איהם מיט זיינע קינדער, אונ מאך איין הויכע ברכה בורא פרי העץ, ווארט אין ווארט. דער פאטער האט געענטפערט אמן, נור דיא קינדער ניט. געוואונליך וויל זייא זיינען ניט געוואוינט. וויא בעונינו הרבים בייא יעצטיגע פינצטערע פיהרונגען.

וואס קאסטען אזעלכע פיינע עפיל? פרעגט אפאסאזירער ביי מיר. — בייא מיר קאסטען זייא טייער, — איך פארלאנג 10 גילדען פאר איין עפיל. — דיא ארומיגע קוקען מיר אן — אייער בופעט איז נאך טייערער וויא אין פערווא קלאס — זאגט איינער מיט אשמייכיל. — יא בייא מיר איז טאקע טייערער, דאפיר איז אבער זייער לייכט צוא האנדלען בייא מיר — איך פארלאנג נור, בעת איהר וועט מאכען איין ברכה אויף דעם עפיל, זאלט איהר אזויא גוט זיין מאכען הויך, בכדי איך זאל קענען ענטפערן אמן, „אונ אמן איז 10 גילדען אזויא זאגט דיא וועלט*).

זייער גוט האט איהר געזאגט — רופט זיך אב דער פאטער. — איך האב פארשטאנען, אז איך האב צוא געטראפען זיין פארלאנג.

איהר האט מיך ערענערט איין וואונדערליכע סצענע, — אונ אויב איהר וועט מיר ערלויבען וועל איך אייך זיא דערציילין, — רופט זיך אב איין אלטער אנגעשטאנדיגער קויפמאן, וואס איז געזעסען ניט ווייט פון אונז. — גאר

*) איך האב אמאהל געזעהען וויא אקלוגער ערליכער איד האט אן געמערקט זיינעם אגאסט. וואס ער האט געוואוסט, אז ער מאכט ניט קיין ברכה, (אונ על פי דין ווען יענער מאכט ניט קיין ברכה טאר איך איהם גאר ניט געבען, ווייל איך בין איהם מכשיל אין אהארבע עבירה. אונ זאגען יענעם בולט ער זאל מאכען אברכה איז אויך ניט לאוקע, ווייל ער וועט זיך געפינען באליידיגט), האט ער צוא גערופען זיינע אקינד וואס זיא איז געוועזען געלערנט צו מאכען אברכה, אונ געגעבען איין פרוכט, אונ געזאגט צוא איהר שרה'לע מיין קינד, מאך הויך דיא ברכה, דוא ווייסט דאך אז איך האב ליב אז מען מאכט אברכה הויך. דוא אליין זאלסט הערין וואס דוא רעדסט „אז דוא גיסט דאס אדאנק דעם באשעפער פאר דיא שפייז“, אונ איך זאל אויך הארכין וועל איך ענטפערין אמן. אמן, איז טייטש אמת, „עס איז ווארהר דיינע רייד, אז דער עוויגער האט באשאפען דיא שפייז, אונ מען דארף איהם דאנקבאר זיין פאר דעם“, שרה'לע דאס געמאכט אברכה הויך אונ ער האט געענטפערט אמן, אונ אזויא האט שוין אויך דער גאסט געטאן. דאס איז מיר שרעקליך געפעלין, דאס איז וויא דיא וועלט זאגט „דיא טאכטער זאגט מען, אונ דיא שנור מיינט מען“.

גאר גערין האבין זיך אלע אבגירופין. — דיזע סצענע — זאגט דער קויפמאן — איז באקאנט מיט דעם נאמען ״חיים׳קע דער קלוגער ישיבה׳מאן״.

דיזער חיים וואהר איין העכסט קלוגער אונ אדעלער קינד, אונ דער בעסטער תלמיד אין דער ישיבה, זיין רבי האט זייער אויפגיפאסט דיא תלמידים זייא זאלין פלייסיג לערנען, אונ זיך שיין אויפפיהרען נאך דיא אדעלע זיטין פון תלמוד. איבערהויפט האט ער גיפליסט אין זייא דיא ח בטיגע מדה פון ״הכרת טובה״ שטענדיג דאנקבאר צוא זיין יעדערין וואס האט מיר גיטאן דיא מינדעסטע גיפעליגקייט (דאס איז דער אשענס פון דער תורה), דיזער חיים וואהר איין מאהל גילאדין אויף איין האכצייט, נאך דער חופה האט דער מחותן גיבעטין דיא געסט צוא גענעסין פון בופעט, וואס ער פאר זייא צוא גיגרייט האט. — דיא אדעלע קלאס מחותנים, זיינען צוא גיגאנגען צום בופעט אונ האבין אליין עטוואס גינאסין, אונ האבין אויך געוויזין גאסט-פריינדליכקייט צוא די איבעריגע געסט, וואס האבין זיך גישעמט צוא גענעסין, בכדי יעדער זאל אוועק צופרידין, אבער דיא נידעריגע קלאס מענטשין וואס קוקען נור אויף זיך, זייא זיינען צוא גיפאלין צום בופעט וויא דיא הייששעריגען, גיגעסין גיטרונקען, אונ מאנכע האבין נאך אין דיא קעשענעס גילייגט, אן דרך ארץ, אונ אויך אן אברכה ראשונה ואחרונה, אונ גראדע אזעלכע וואס בלאזין זיך אונ מיינען, אז זייא זיינען וואהרע אריסטאקראטין.

חיימקע שטייט פון ווייטין אונ באטראכט דעם אויפפיהרונג פון היינ-טיגע וואס רופין זיך געבילדעטע. אונ טראכט ביא זיך, מיין גאט! וואו איז דאס דיא ריינע איידילקייט, זעהען צוא ערפרייהען דעם ווירטה פון דעם בופעט, זעהען אז אלע זיינע געסט זאלין צופרידין זיין. אונ איבערהויפט טאהן אצופרידענהייט דעם גרויסין ווירטה, וואס דיא גאנצע וועלט איז זיין בופעט, דורך איין ברכה וואס זיא איז זיין דאנק.

וויא זאל איך זייא אבער אויפמערקזאם מאכין זייער אירטהום! אונ ארופ פיהרין זייא אויף דיא גראדע איידעלע וועג, זאגט חיימקע צוא זיך אליין שטילערהייט מיט אגרויסע ענערגיע. אה! וויא קען מען דאס צוזעהען אזא שפלות אין חאראקטער, ובפרט ביא דעם ניינצענטין יאהר הונדערט, וואס דיא בילדונג האט גיגרייכט צוא דיא העכסטע שפיצע, אונ דיא קאפ-לימענטין מיט דיא עטיקעטע איז אויפין האר, אונ אזא וויכטיגע זאך זאל מען ניט דער זעהען? *)

דיא

*) אשוטה איז אמאהל גיקומען פון מוזעאום אונ האט דערציילט, אז ער האט

דיא יונגע מענטשין זיינען זיך צופלויגין אין טאנץ זאל, יעדער מיט זיין פריילין, חיימקע געפינט זיך קיין עצה ניט. מען האט אב גיטאנצט, מען האט גיבעטין צום טיש, גיוויינליך ארינטליכע מענטשין האבין זיך גיוואשין גיזעצט צום טיש גימאכט המוציא, וויא איין ארינטליכער מענטש באדארף צוא זיין. דיא טענצער זיינען אויף גיגאנגען צום טיש, נור ווער רעדט מכח וואשין אונ המוציא, דאס איז ניט זייער זאך, מיין חיימקע זיצט אצוקאכטער, ער קען זיך קיין ראטה ניט געבין, מיט וואס פאר איין אופן זאל ער זייא אן מערקען זייער אירטהום, אז עס זאל ברייננגען נוטצען, ניט גלאט זאגין וויא איין נאר, וואס חברה לצים זאלין מאכין איין גרויסין הוררא! ער האט קיין ראטה ניט גיפונען, אונ פון צער האט ער גאר ניט גינאסין ביין טיש, לבד דעם כזית המוציא, אונ האט זיך אזויא פארטיפט אין גידאנקען ביז ענדע חופה וועצערע, ער טראכט ביא זיך, לאמיר זעהען וואס וועט זיין מיט ברכת המזון.

צוא זיין גרויסין פארדרוס זעהט ער וויא אלע זיינען צופלויגין, אז עס איז קיין מנין ניט גיבליבין, אונ אלע גימיינטע אריסטאקראטין זיינען שוין אין טאנץ זאל, אונ מען טאנצט שוין, וואו בענטשין אונ וועז בענטשין, דא האט ער שוין ניט גיקאנט איבער טראגין זיין צער. אונ טרערין איז איהם ארויס פון דיא אויגין קוקענדיג, דיא שפלות וואס גייט צוא ביא אונזערע האכצייטין, וואס דאס איז דער ערשטער שריט פון דעם עוויגען בנין, אונ הייבט אויף דיא אויגין צום הימיל, אונ זאגט שטילערהייט, גוטער גאט! פאר דיר איז אנטדעקט מיין ריינע הארץ, אז איך מיין נור בלויז דיא ליבע צוא מיינע פאראיהרטע ברידער, שיק מיר ארייז אגוטין גידאנק וויא איך זאל קענען ערלייכטין זייערע אויגין, זייא זאלין ערקענען דעם אמת, אונ זאל דא פארשאפין פריידע אלע מחותנים.

אין דיזע מינוט פאלט איהם איין אגידאנקען, אונ איידער מען האט

דער

גיזעהען אלערלייא חיות אונ פייגלאך, זאגאר אלע זארטין פליגין וואס קוים צוא דער זעהען מיטין אויג — האסטו גוט באטראכט דעם גרויסין העלפאנד וואס דארטין איז? — פרעגט איהם איינער — דעם העלפאנד האב איך גראדע ניט באמערקט — וואר זיין אנטוואורט. צוא דעם דוראק זיינען גלייך אונזערע פינסטערע אריסטאקראטין, וואס אלע קליינינקייטין האבין זייא דערזעהען פאר דעם שיין פון נייעצענטען יאהר הונדערט, צום ביא שפיעל ווען איין בארישנע ווארפט אראפ איהר טיכיל, בייגט ער זיך איין אין דרייען, אונ הייבט אויף, אונ זאגט אייניגע מאל ווינעוואט, אונ נאך אזעלכע חניפות. אונ אזא וויכטיגקייט וויא צוא דאנקען דעם גרויסין ווירטה, פון וועלט וואונדערליכען בופעט, צוא דעם איז ער בלינד אונ באמערקט ניט.

דערלאנגט מים אחרונים און ווין צום בענטשין, גייט ער צוא איינעם ר׳ יעקב
וואס האט גיהאלטין דארטין אין זאל איין צאסטנעם בופעט, און רופט איהם
אב אן אזייט מיט דיזע ווערטער — „נאט איך 10 קאפייקען פאר איין עפיל
פון אייער בופעט, מיט דעם באדינג אז איהר זאלט שווייגין, וואס איך וועל
דא טאהן, איהר זאלט אייער פרויא ניט אויס זאגין, אז איך האב אייך
באצאלט״. דיזער ר׳ יעקב האט איהם פארשפראכין צוא שווייגין אויף אלעס.

וואס קאסט ביי איך דיזער גוטער עפיל? פרעגט חיימקע ביי ר׳
יעקב׳ס פרויא, וואס זיצט ביי איהר בופעט.

10 קאפייקען — וואהר איהר אנטווארט — חיימקע לייגט צוריק אוועק
דעם עפיל. דערוויל קומט אצווייטער דינגען איין עפילסין, וויא די ווירטהין
זאט זיך פאר קוקט אויף יענעם, דערוויל האט מיין חיימקע שטילערהייט
דעם עפיל אריין גירוקט אין ארביל. און אוועק שטילערהייט אויף אבאנק
און גימאכט הויך אברכה בורא פרי העץ, און עסט דעם עפיל.

די פרויא האט זיך ארום גיזעהען אז דער גוטער עפיל וואס חיימקע
האט גידונגען איז ניטא. זיא גיט אקוק פון ווייטין אז חיימקע עסט דעם
עפיל ניט באצאלטערהייד, טוז זיא גיט זיך אשוס צוא איהם מיט דיזע ווערטער.

דוא ישיבה בחור! שיין אזויא, גיגאנבעט אטייערין עפיל, דוא שלעפער
ביזט קליין צו עסין איין עפיל פאר 1 קאפייקע! גילוסט זיך דיר דוא טרייפע
האלדז צו גנבענען איין עפיל פון 10 קאפייקען! און האט זיך שטארק צו-
קאכט אויף איהם מיט זלזולים, אז עס איז גיווארין איין קאך. גלייך האבין
זיך אלאז גיטאהן אלע טענצער פון זאל צוא זעהען דיזע סצענע, אז איין
ישיבה בחור האט גיגנב׳ת, חברה האבין דא גיפונען אגוטע סצענע וויא זיך
לוסטיג צוא מאכין, ובפרט ווענין איין ישיבה בחור א גנב, אויך האבין
דא אנדערע גיהאט זייער אגוטע גילעגענהייט ארוים צוא געבין זייער גאנצע
הארץ וואס איז פון לאנג אן אנגישטויסין אויף די תורה, און אויף איהרע
לעהרנער.

זעהט גאספאדא! — רופט זיך אב איינער, — „די באנק קוועצער
וואס פאר א צבויאקעס זייא זיינען, דאכט זיך אויפין גיזיכט גאר איין
מזוזעלע, אם ענדע גיט אקלאפ אין רוקען גייט ארוים אגנב. דער צווייטער
האט זיך אויס געדריקט מיט איין אנדער אויסדריק, מען האט איהם ניט
גיזאלעוועט קיין כבודים, וועלכע ער האט דאס אין זיין לעבין ניט גיהערט,
און איבערהויפט דעם נאמען „באנק קוועצער״ מיט דעם האבין זיך אלע
גילאבט.

חיים׳קע

חַיִּים׳קֶע הֶערְט אַלֶעמֶען אִין טְרַאק, אוּנ עֶסְט דֶעם עֶפִּיל מִיט גוּטִין אַפֶּעטִיט. — זֶעהְט אַבִּיסִיל וָואס פַאר פַארְשְׁטָאכֶעגֶע אוֹיגִין עֶר הָאט נָאךְ!! — רוּפְט זִיךְ אוֹיס אֵיינֶער, — דָאס קֶען מֶעהְר נִיט וִויא אַ־בַּאנְק קְוֶועצֶער׳.

חַיִּים׳קֶע גִיט אַהוֹיב דִיא קָאפּ, אוּנ טוּט אַקוּק מִיט זַיין קְלוּגִין בְּלִיק אוֹיף יֶענֶעם, אוּנ זָאגְט זִיךְ אַזוֹיא בִּנְעִימוּת: — אִיךְ פַארְשְׁטֵייא דָאס גָאר נִיט מַיין פְרַיינְד, וֶועמֶען טוּעֶן מִיר יְשִׁיבָה־לַייט שְׁלֶעכְטֶעס, מִיט אוּנְזֶער בַּאנְק קְוֶועצִין, זָאלִין דִיא בַּעֲלֵי בָּתִּים מַאכִין וַוייכֶע זָאפֶּעס אִין שׁוּהְל, אוּנ וֶוען נִיט הָאבִין מִיר צוּא זֵייא אוֹיךְ נִיט, אַז מִיר קְוֶועצִין דִיא בַּאנְק אִיז אוּנְז הַארְט, אָבֶער קֵיינֶער שְׁפִּירְט קֵיין מַאנְגִיל פוּן דֶעם. בַּאטְרַאכְט אָבֶער וֶוען דִיא אַרִיסְטָאקְרַאטִין הָאבִין אַקְוֶועץ גִיטָאהְן דִיא בַּאנְק*) הָאבִין זֵייא צוּא גִיקְוֶועצְט הוּנְדֶערְטֶער פַאמִילְיֶען, וָואס קֶענֶען נָאךְ עַד הַיּוֹם נִיט קוּמֶען צוּ זִיךְ.

דִיזֶער קְלוּגֶער אַנְטְוָוארְט הָאט גִימַאכְט פִיל פַארְגֶעניגֶען דִיא מְחוּתָּנִים וָואס זַיינֶען טְרֵייא צוּא דִיא תּוֹרָה מִיט אִיהְרֶע לֶערְנֶער, אוּנ דִיא שׁוֹטִים הָאבִין אַרָאבּ גִילָאזִין דִיא נֶעזֶער.

וָואס אִיז אָבֶער מְכֹּחַ דֶעם גִינַנְבְ׳טִין עֶפִּיל! חַאפְּט זִיךְ אַרוֹיס אַנֵייעֶר הַאן, אוּנ חֶבְרָה טֶענְצֶער הָאבִין זִיךְ וַוייטֶער גִינוּמֶען לוּסְטִיג מַאכִין וֶועגִין דֶעם.

אִיךְ פַארְשְׁטֵייא דָאס גָאר נִיט! — רוּפְט זִיךְ אָב חַיִּים — וָואס אִיהְר פְרִיוָוייַאזֶעוֶועט זִיךְ צוּא מִיר, וִויא דֶער רַבִּי הָאט מִיר גִילֶערִינְט אִין תְּהִלִּים לַה׳ הָאָרֶץ וּמְלוֹאָה, אַז צוּא גָאט גִיהֶערְט דִיא וֶועלְט, אוּנ אַלֶעס וָואס גֶע־פִינְט זִיךְ אִין אִיהר, ד. ה. אַז דִיא גְרוֹיסֶע וֶועלְט אִיז דֶער גֶעטְלִיכֶער בּוּפֶעט, אוּנ מִיט וָואס בַּאצָאהְלְט מֶען אִיהם, נוּר מִיט אַיין בְּרָכָה. נוּא גָאסְפָּאדַא, אִיהְר הָאט גִיהֶערְט וִויא אִיךְ הָאבּ גִימַאכְט הוֹיךְ אַבְּרָכָה בּוֹרֵא פְּרִי הָעֵץ? מִיט דֶעם אִיז דָאס גָאר מַיינֶע, נִיט אַייעֶרֶע.

חַא, חַא, חַא! הָאט אַרוֹיס גִיפְּלַאצְט פוּן אַפוּלֶע טֶענְצֶער, אַט זֶעהְט דִיא גוּטֶע קֶעפְּלַאךְ, זֵייא קֶענֶען צוּזַאמֶען בְּרֵיינְגֶען אַוַואנְט מִיט אַוַואנְט, אוּנ עֶס אִיז שׁוֹין רֶעכְט צוּ גַנְבֶענֶען אוּנ גַזְלֶענֶען, אַבִּי עֶר הָאט גִימַאכְט אַבְּרָכָה, קוּמְט אַהֶער גָאסְפָּאדַא! אוּנ הֶערְט וֶוערְטֶער פוּן אַגְמָרָא לַמְדָן, קוּרְץ דֶער פוּן דֶער טַאנְצְזַאל אִיז גִיוָוארִין פוּסְט, אוּנ דִיא גַאנְצֶע פּוּבְּלִיקֶע דַאמֶען

מִיט

*) דָאס וַואהְר אִין דִיא צַייט וָואס פֶּערְוָוא וְזַאִימְנֶע בַּאנְק אִין שְׁטָאט וו. הָאט בַּאנְקְרָאטִירְט, וָואס דֶער דִירֶעקְטֶער מִיט פִיל אַנְפִיהְרֶער זַיינֶען גִיוֶועזֶען יוּדִישֶׁע אַרִיסְטָאקְרַאטִין, וִויא עֶס אִיז בֶּעוואוּסְט אַז זֵייא הָאבִּין אַגוּטִין קְוֶועץ גִיטָאן דִיא בַּאנְק, אוּנ אִיהְר בְּדַלּוּת גִישְׁטֶעלְט.

מיט פרייליכס און קאוואלערין זיינען ארום גיפאלין, זיך לוסטיג מאכין מיט חיים׳קען, אזויא וויא ביגען ארום האניג.

דוא מכה למהן! – חאפט זיך ארויס איינער אהאלבער אריסטאק־ראט, – פון גמרא ברייננגסטו אראיה אז דוא טיסט רעכט? איך גלויב אז דוא פארשטייסט גאר ניט וואס דיא גמרא זאגט. איך גידיינק איך האב אמאהל גילערינט (ב״ק צ״ד) הרי שגזל סאה חטים כו׳, אז מען גנב׳ת און מען מאכט אברכה ערצארינט מען מיט דעם גאט, דער בורא ית״ש האסט זייער גזלה אדער איין עולה, אפילו איין קרבן עולה וואס איז אין גאנצין אויפין מזבח צוא גאט, ווען זיא איז גזלה איז זיא אונווירדיג ביי גאט, דיא תורה ליבט נור ערליכקייט, ער מעג געבין דיא גרעסטע צדקו׳ת, אויב דיא געלט איז דורך עולות איז דאס אונווירדיג, הייגט קאמסטו און גנב׳עסט און ווילסט זיין אפיינער מענטש וואס דוא מאכסט אברכה, ווען דוא וואלסט פריער באצאהלין פאר איהם, דא ביזטו אפיינער מענטש, אז דוא מאכסט אברכה.

חיים׳קע זיצט שטיל און ענטפערט גאר ניט, ער טוט נור זיין זאך, קיין דעם עפיל, נור קאנטיג איז עפעס וויא ער האט זיך פארשעמט אויף דיא גלייכע רייד וואס דער האט איהם גיזאגט, און ער האט ניט וואס אב צוא ווענדין.

גוט אזויא רבי?! וואס אייער חיים׳קע האט גיטאהן – האט זיך איי־נער אב גירופין צום ראש ישיבה, וואס איז גראדע אין דעם מאמענט גיקומען – אייער חיים׳קע האט גינגב׳ת איין עפיל, און זאגט אז איהר האט איהם גילערינט, אז וויא באלד ער האט גימאכט אברכה, איז דאס זיינע.

מיין חיים האט גינגב׳ת איין עפיל?, דאס איז ניכט וואהר, דא מוז עפעס זיין איין סצענע, משמח זיין חתן וכלה, מיין חיים איז אפרומער און אקלוגער.

עס איז טאקע אמת חיים? וואס מען זאגט אז דוא האסט גינגב׳ת דעם עפיל? שפריכט דער רבי צוא חיים׳קען.

רבי, איך עס ניט קיין גינגב׳טין עפיל, איך האב גימאכט אברכה, און וויא איהר האט מיר גילערינט, איז מיט דיא ברכה גיצאהלט דעם גרויסין ווירטה וואס דיא גרויסע וועלט איז זיין בופעט, אזויא ענטפערט זיך חיים גאר בתמימות, וויא ער וואלט גאר מעהר ניט פארשטיין.

שטייטש עס שטייט דאך ובוצע ברך כו׳, אז מען גנב׳ת און מען

מאכט

מַאכְט אַבְּרָכָה, עֶרְצַארִנְט מֶען גָאט, — פַּאלְט אַרוֹיס יֶענֶער הַאלְבֶּער אַרִיסְטָאקְרַאט. —

רוּהִיג גָאסְפָּאדַא! אִיךְ וֶועל אַייךְ עֶרְקְלֶעהְרִין דִיא לֶעהֶרֶע פוּן אוּנְזֶער תַּלְמוּד, — רוּפְט זִיךְ אָפּ דֶער רַבִּי, — אִיהְר הָאט מִיר דֶערְמָאנְט וָואס אִיךְ הָאבּ אַמָאהְל גִיזֶעהְן, אִין אַמַייסְטֶערְסְקַייֶע (וָואס מֶען נֵייט קְלֵיידֶער פַאר מַאגַאזִינֶען) אִיז אַרַיין אַ יוּנְגֶער מֶענְטְשׁ, אוּנ אִיהְם אִיז גִיפֶעלִין אַיין רָאק, עֶר פַּאסְט אִיהְם אָן, אוּנ עֶר וַואהְר רִיכְטִיג אוֹיף זַיין מָאס.

פִיל נֶעמְט אִיהְר פַאר דִיזֶען רָאק? פְרֶעגְט עֶר דֶעם מַייסְטֶער. — 5 רוּבִּיל עֶנְטְפֶערְט דֶער מַייסְטֶער. — דֶער יוּנְגֶער מֶענְטְשׁ נֶעמְט אַרוֹיס 5 רוּ״כּ אוּנ גִיט אָפּ דֶעם מַייסְטֶער מִיט דִיא וָוארְטִין: „דָאס הָאט אִיהְר פַאר דֶעם רָאק״, אוּנ מִיט דִיא וֶוערְטֶער גֵייט עֶר אַרוֹיס. — דֶער מַייסְטֶער הָאט גִימֵיינְט עֶר אִיז אַ וַוילֶע אַרוֹיס מֶענְטְשְׁלִיכְקֵייט בְּרוֹיכִין — עֶר טוּט אַבְּלִיק דוּרְכִין פֶענְצְ-טֶער, אַז דֶער יוּנְגֶער מַאן גֵייט אַוֶועק דוּרְכִין טוֹיֶער, עֶר שִׁיקְט גֶעשְׁווִינְד אִיהְם אַרוּף טָאהְן אוּנ פְרֶעגְט אִיהְם, וָוארוּם הָאט אִיהְר גִינוּמֶען דֶעם רָאק, אוּנ נִיט בַּאצָאהְלְט?

הַא! אִיךְ הָאבּ נִיט בַּאצָאהְלְט?, אִיךְ הָאבּ דָאךְ אַייךְ גִיגֶעבִּין 5 רוּבִּיל פַארִין רָאק.

חַא, חַא, חַא! רוּפְט זִיךְ אָפּ דֶער מַייסְטֶער, דִיא 5 רוּבִּיל אִיז דָאךְ נוּר פַאר פַאסָאן (גִינַייא), אָבֶּער פַאר דִיא מַאטֶרְיַאל 10 רוּבִּיל הָאט אִיהְר נָאךְ נִיט בַּאצָאהְלְט, דָאס בְּרוֹיכְט מֶען אַיין צָאהְלִין אִין מַאגַאזִין.

דָאס גְלַייכִין לִיבֶּע בְּרִידֶער, אִיהְר זָאגְט אִין וַיְכוּלּוּ כִּי בוֹ שָׁבַת מִכָּל מְלַאכְתּוֹ אֲשֶׁר בָּרָא אֱלֹהִים לַעֲשׂוֹת, הַשִׁי״ת הָאט גִירוּהְט שַׁבָּת פוּן זַיין אַרְבֶּעט וָואס עֶר הָאט בַּאשַׁאפִין אִין זֶעקְס טֶעג „לַעֲשׂוֹת״ צוּם טָאהְן, וָואס הֵייסְט עֶר הָאט בַּאשַׁאפִין צוּא טָאהְן? דֶער גִידַאנְק אִיז, גָאט הָאט בַּא-שַׁאפִין אִין 6 טֶעג אַלֶע מַאטֶרְיַאל וָואס דֶער מֶענְטְשׁ זָאל דָאס בֶּעאַרְבֶּע-טִין אוּנ מַאכִין אַפַאסָאן, צוּם בַּייא שְׁפִּיל אַלֶעבִּיל בְּרוֹיט דֶער מַאטֶרְיַאל גִיהֶער צוּא גָאט, עֶר הָאט בַּאשַׁאפִין דֶעם כֹּחַ הַצְמִיחָה אִין קֶערֶענְדִיל, עֶס אִיז אַרוֹיס אַזַאנְג מִיט קֶערְנֶער, אוּנ דֶער מֶענְטְשׁ מַאכְט דֶעם פַאסָאן, עֶר שְׁנַיידְט אוּנ דְרֶעשְׁט אוּנ מָאלְט אוּנ בַּאקְט, אוּנ מַאכְט פַארְטִיגֶע בְּרוֹיט. דַארְף מֶען דֶעם בֶּעקֶער צָאהְלִין פַאר דֶעם פַאסָאן, לְמָשָׁל 2 קָאפֵּייקֶען פַאר אַפוּנְט, אוּנ דֶעם עוֹוִיגֶען דַארְף מֶען צָאהְלִין פַאר דִיא מַאטֶרְיַאל, מִיט דִיא בְּרָכָה, וָואס מֶען זָאגְט: „גִילוֹיבְּט בִּינְסְטוּ גָאט דֶער קֶענִיג פוּן דֶער וֶועלְט, וָואס דוּא הָאסְט אַרוֹיס גִיגֶעבִּין דִיא בְּרוֹיט פוּן דֶער עֶרְד״ אוּנ ד. ג. דַארוּם

אִיז

איז בײדע מאמרי חז״ל רעכט, דער וואס גנבעט און מאכט א ברכה, אבי-וואהל ער האט געצאלט דעם עווינגען פאר דיא מאטריאל פון דיא ברויט, האט ער אבער געטאהן אפארברעך וואס ער האט ניט באצאלט דעם בעקער פאר דעם פאסאן, און דאס גלייכין דער וואס באצאלט פאר דיא ברויט, און מאכט ניט קיין ברכה איז ער אונווירדיג, וואס ער האט ניט געצאלט דעם עווינגען פאר דיא מאטריאל. יעצט מיין חיים, אבוואהל דוא האסט געמאכט א ברכה, און מיט דעם געצאלט דעם עווינגען פאר דעם מאטריאל פון דעם עפיל, בינסטו מיט דעם ניט יוצא, ווייל דוא האסט ניט געצאלט דיא ווירטהין פון בופעט פאר דעם פאסאן פון עפיל. דאס איז דיא מיהע וואס מענטשין האבין געהאט אויפצופאסין דעם עפיל-גארטין, און אראב קלייבין און ברײנגען היער אויפין בופעט, באטרעפט דער פאסאן לערך 10 קאפייקען.

יא ליבער רבי איהר האט רעכט, מיט דיא ברכה אליין איז מען ניט יוצא, אזויא וויא מען איז ניט יוצא מיטין באצאלין אליין אן א ברכה.

ר' יעקב! גיט אגישרייא חיים, איך האב אייך באצאלט 10 קאפיי-קען פאר דעם עפיל? נור איך האב אייך געבעטין איהר זאלט שווייגין, אום איך זאל קענען שפילין דיזע סצענע.

יא גאספאדא — ענטפערט ר' יעקב, — ער האט מיר באצאלט.

נוא ליבע ברידער — שפריכט חיים — נעמט דאס גוט אין געדאנקען, אזויא וויא איהר האט מיר געהאלטין פאר איין אונמענטש — בעת איהר האט גירעכינט אז איך האב ניט איין געצאלט אפין בופעט, און ד׳זט מיט רעכט מיר אויס געזידילט, און גישאטין אויף מיר שווארצע מאן. דאס גלייכין באדייקט זיך אליין, אז איהר האט ניט געטאהן קיין קלענערין פארברעך פון מיר, אבוואהל איהר האט געצאלט פארין פאסאן (ד. ה. דער מחותן האט איין געצאלט און אייך טראקטירט), האט איהר אבער דאך ניט געצאלט דעם עווינגען פאר דיא מאטריאל, איהר האט געגעסין און געטרונקען אן א ברכה, און יעצט צום בענטשין זייט איהר צופלויגין פון טיש, אז עס איז אפילו קיין מנין ניט געבליבין, ביטע צוא אבראכ-צאייען וונימאניע אויף דיזען פארברעך.

בראווא! בראווא! בראווא! האט אן געהויבין צוא דונערין פון פיהלע הויכארטיגע דאמען, חיים האט פאלקאם רעכט, מיר מוזין באקענען אונזער אירטהום.

גאספאדא! אלע צום טיש צום בענטשין, לויבין דעם עווינגען פאר דיא שפייז וואס ער האט בעשאפין פאר אונז מענטשין, וויא דער רבי האט

אונז

אונז דא ערקלערט, דער לאנגט צוויא כוסות וויין, אונ דער רבי וועט בענטשין.

דעם כוס פון ברכת המזון בין איך מכבד חיים'ען, ער האט עס כשר פארדינט, „שכר מצוה מצוה", לערינט אונז דער תנא אין אבות.

חיים האט זיך אפילו גישעמט צוא נעמען דעם כוס פון ברכת המזון, נור וייל דער רבי האט אזויא פערלאנגט האט דאס חיים גיטאהן, וויא ער איז שטענדיג גיוואוינט, ניט איבער צוא טרעטין דעם רבי'ס פערלאנג.

מיר קענען זיך פארשטעלין וויא אנגינעהם עס וואהר צוא זעהן וויא דיא גאנצע פובליקע אלט אונ יונג, זאגאר אפילו יונגע פרייליינס האבין גיבענטשט מיט אזא גישמאק, אז עס איז גיוועזן איין פארגעניגען צוזעהן, אונ וועהר רעדט מכח חיים'ן, ער האט גיבענטשט מיט אזא שמחה של מצוה, אז ער האט באצויבערט אלעמען מיט זיין זאנפטע שטימע, ער האט זיך דאן געפיהלט וויא ער זיצט אין פאראדיז (גן עדן), אונ דינט גאט פון גרויס שמחה אז איהם האט אפגיגאלטין איין צוא פליסין אזא וויכ-טיגען רעיון אין אגאנצע פובליקע, אונ זיין פלאנצונג האט גיטראגין גוטע פריכטע.

וויא איך האב באטראכט חיים'ס בענטשין יעצטיגען — שפריכט איין היכארטיגע דאמע צוא איהר יונגע טאכטער — וואס פאר איין הערצענס פרייד ער האט גיהאט, אז פשוט וויא מען זאגט דיא שכינה האט גירוהט אויף איהם בעת בענטשין, וויא יעדער ווארט האט גיפערילט פון זיין מויל, אונ איז גיוועזן אזויא באגייסטערט פונקט וויא ער וואלט ריידין ליצנע מיט השי"ת, זעהע איך וויא גליקליך איז דער אמתער עהרליכער איד, ער פערשאפט זיך אין זיין לעבין אזעלכע הימעלשע פארגעניגען *) גאר אן אקאפייקע געלט, וואס מיר קענען דאס ניט באקומען מיט אונזערע גרויסע קאפיטאלין, יעצט זעהע איך וויא ריכטיג איז דער ווארט, וואס איך האב אמאהל גיהערט פון אקלוגען געבילדיטין מאן: „דיא ישיבה'תע הארטע באנק ערציהעט פיל קלוגע אונ וייכע הערצער".

ערקוויקט

*) דיזען אדעלען גידאנק זאגין מיר איינינגע מאל אטאג אין ק"ש (נור מיר באמערקען ניט) למען ירבו ימיכם, השי"ת פארזיכערט, אויב איהר וועט זיך אויפ-פיהרען וויא איך לערין איך, אין קריאת שמע, נעמען אין גידאנק אז עס איז דא אבורא יחיד (איין איינציגער באשעפער אונ וועלט פיהרער), אונ איהם ליב האבין אונ פיהרין זיך וויא דיא תורה הייסט, וועט איהר מיט אייערע קינדער האבין אריכות ימים, כימי השמים (איין הימילשען פארגעניגענדין לעבין) על הארץ (אויף דיזע וועלט אויך), לבד חיים הנצחיים אויף דיא עוויגע וועלט.

עֶרְקְוִויקְט זָאלְט אִיהְר וֶוערֶן מַיין לִיבֶּער קוֹיפְמַאן — שְׁפְּרִיךְ אִיךְ צוּא אִיהְם — אַייעֶר גֶעשִׁיכְטֶע הָאט מִיר עֶרְקְוִויקְט מַיין הֶערְץ, וִויא אַגוּטֶער טוֹיא אוֹיף בְּלוּמֶען, אוּנ אִיךְ בִּין אַייךְ זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר דַאפִיר.

דִיא גֶעשִׁיכְטֶע מִיט חַיִים'קֶען הָאט גֶימַאכְט אַגְרוֹיסֶען אַיינְדְרוּק אוֹיף אַלֶעמֶען, אִיבֶּערְהוֹיפְּט אוֹיף דֶעם פָאטֶער, עֶר טְרָאגְט מִיר צוּא דֶעם לַייכְ-טֶעריל, אָבֶּער דִיא לִיכְט וִויקֶעלְט עֶר אַיין אִין אַפַּאפִּיר, אוּנ נֶעמְט פַאר זִיךְ מִיט דִיזֶע וֶוערְטֶער: „וִויא אַנְגֶענֶעהְם אִיז מִיר אַייעֶרֶע פְרֶיעֶרְדִיגֶע וָוארְטֶען, אַז מִיט דִיזֶע לִיכְט ווילְט אִיהְר מִיר בֶּעלַייכְטֶען מַיין אַוֶּונְד-בְּרוֹיט" - אוּנ אִיךְ הָאף, אַז דִיזֶע לִיכְט וֶועט מִיר בַּאלַייכְטֶען אִין מַיין הֵיים אוֹיךְ, אוּנ וִויל מִיר בַּאצָאהְלֶען פַאר דִיא לִיכְט.

גֵיין מַיין טְהַייעֶרֶער! עֶנְטְפֶער אִיךְ, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין לַאנג אָבּ גֶינוּמֶען טוֹיזֶענְדֶער מָאל פִיל דִיא וֶוערְדֶע פוּן דִיא לִיכְט, דִיזֶע אַיינְצִיגֶע פַארְגֶענִיגֶען מַיינֶע, אַז אִיךְ בִּין גֶיוֶועזֶען דֶער גוּטֶער שָׁלִיחַ אַיךְ לִיכְטִיג מַאכֶען דִיא אוֹי-גֶען, אוּנ אַייךְ קְרִיגֶען פַאר אַיין עֶוִויגֶען פְרַיינְד, אִיז בַּייא מִיר דִיא גְרֶעסְטֶע בַּאלָאהְנוּנְג.

יַא יַא מַיין טְהַייעֶרֶע, אִיךְ אוּנ מַיין פַאמִילְיֶע בְּלַייבֶּען אַייךְ עֶוִויג טְרַייא, יֶעצְט זֶעהֶע אִיךְ וִויא וַואהְר עֶס אִיזְט דֶער מַאֲמַר הֶחָכָם: „הַחָכָם יקנה עבדים בלשונו, יותר מהכסיל בממונו". אַדְיֶע מַיין טְהַייעֶרֶע, רֵיידֶענְ-דִיג הָאט עֶר מִיר גֶיגֶעבֶּען זַיין אַדְרֶעס, אוּנ מִיר זֵייעֶר גֶיבֶּעטֶען צוּא בֶּעזוּכֶען אִיהְם אִין מַיין רוּהִיגֶע צַייט.

אִיךְ בִּין מִיר אַרָאפּ פוּן בַּאן, אוּנ אַריין גֶיפָאהְרֶען אִין אַיין הָאטֶעל, אִיךְ לֵייג מִיר אָבּ רוּהֶען, פוּן שִׂמְחָה קֶען אִיךְ נִיט אַיין שְׁלָאפֶען, אִיךְ לִיג אוּנ טְרַאכְט, מַיין גָאט! וִויא גְלִיקְלִיךְ בִּין אִיךְ, אַז אִיךְ הָאבּ גְלִיקְ-לִיךְ גֶימַאכְט אַיין מֶענְטְשֶׁען, אִיךְ הָאבּ אִיהְם גֶיעֶפְנֶעט דִיא אוֹיגֶען, צְווִישֶׁען דֶעם שַׁיין פוּן הַכָּרַת טוֹבָה, אָהּ! וָואס פַאר אַיין טְהַייעֶרֶע מִצְוָה דָאס אִיז „הוֹכֵחַ תוֹכִיחַ אֶת עֲמִיתֶךָ", הוּא זָאלְסְט זִיךְ דוּרְךְ רֵיידֶען מִיט יֶענֶעם וֶוען יֶענֶער טוּהְט אַפַּארְבְּרֶעךְ, סַייא בֵּין אָדָם לַמָּקוֹם אָדֶער בֵּין אָדָם לַחֲבֵירוֹ, וֶועסְטוּ יֶענֶעם אַרוּף פִיהְרֶען אוֹיף דִיא אֶמֶתֶע וֶועג. וִויא גְלִיקְלִיךְ וָואלְט דָאס גֶיוֶועזֶען דִיא וֶועלְט, אַז אַלֶע וָואלְטֶען זִיךְ אַזוֹיא פִיהְרֶען, דוּרְךְ צוּ רֵיידֶען זִיךְ מִיט יֶענֶעם אַלְס מֶענְטְשֶׁענְפְרַיינְד, עַל פִּי רוֹב אִיז גָאר יֶענֶער נִיט אַזוֹיא שְׁלֶעכְט וִויא אִיךְ רֶעכֶען אִיהְם אוֹיס, יֶענֶער אִיז מֶעהְר נִיט וִויא פַארְבְּלֶענְ-דֶעט, דֶער יֵצֶר הָרַע שְׁטֶעלְט אִיהְם פָאר אַיין פַאלְשֶׁע פַאנְטַאזְיֶע, עֶס דוּכְט זִיךְ אִיהְם אַז עֶס אִיז אַיין עֶהְרֶע, וֶוען עֶר וַוייזְט אַז עֶר אִיז אַיין הֶעלְד,

ער עסט אן אברכה, ער רויכט שבת אפאפיראס, אונ שרעקט זיך ניט פאר קיין זאך, ער איז ניט קיין טרוש*), אונ נאך אזעלכע דומהייטין וואס קען פארקומען בעת דער שכל ליגט נעבאך אונטער גיווארפין אונטערין חומר, דאס איז גליך וויא איך האב אמאהל גיזעהן, אז אפערד האט זיך צוא יושעט, אונ האט אן גיהויבין צוא פליהען, אראפ גיווארפין דעם פורמאן מיט דיא לייצעס אין האנט, אונ דער פורמאן האט זיך נאך גישלעפט אויס גיצויגין אויף דער ערד מיט דיא לייצעס אין דיא הענד, איבער שטיינער אונ בערג, ביז ער איז אן כחות גיבליבען, אונ ער אליין האט קיינע קרעפטין גיהאט צוא רעטין זיך, בעת דער פערד לייפט, אונ ער שלעפט זיך אויף דער ערד אויס גיצויגין. ביז וואגען עס זיינען אן גי-לאפין מענטשין, אונ גיחאפט דעם פערד פארין צאם, דאן איז גירעטעט גיווארין דער רייטער. דאס גלייכין איז דער שכל, בעת ער האלט דיא לייצעס גייט דער חומר אין גלייכין וועג**), ווען אבער אז מען גיט נאך דעם חומר, און

---

*) מיר וואונדערט זייער אויף דיזע העלדין, וואס זייער גאנצין לעבין סטארען זייא זיך אלץ צוא ווייזין אז זייא זיינען ניט קיין טרושין, אונ שרעקין זיך פאר קיין זאך ניט, וואס מיט אמאהל ווערט פארשוואונדין זייער העלדינשאפט, בעת זייא ליגין אויף אטויטע בעט, ווארום זאלין זייא דענסטמאל ניט אראפ שפרינגען פון בעט אונ אויס פאצין דעם מלאך המות דיא צורה, אונ איהם אראפ ווארפין פון אלע טרעפ? אדער נאך בעסער אראפ שפרינגען פון טהרה ברעט, דאן וואלט מען וויסין אז זייא זיינען אמתע העלדין.

**) ז"ל הרמב"ם במכתבו לבניו זייט משעבד (מאכט אונטערטעניג) דעם חומר צום שכל (ד. ה. דעם גוף צוא דיא נשמה) ווארום דיא אונטערטעניגקייט פון קערפער צום נפש, איז דיא אמתע פרייהייט אין דיזע וועלט אונ יענע וועלט — דער שכל מיטין קערפער זיינען גלייך וויא אריייטער מיט זיין פערד (דער חומר איז דיא בהמה אונ דער שכל איז דער רייטער). ווען דער רייטער איז דער האר, ער האלט דעם צוים אין האנד אונ קערעוועט דעם פערד וואו מען דארף, קומען זייא ביידע לשלום, אבער ווען דער רייטער חאפט שלאפין, אונ לאזט ארויס דעם צאם, אונ דער פערד ווערט דער האר אונ גייט וואו ער וויל, קען מען פארשטיין צוא וואס פאר א אונגליקין זייא קומען ביידע, דער פערד קריכט אראפ פון וועג אין אזומפ אונ דער טרינקען זיך ביידע. דרום זאלט איהר האלטין דעם חומר שטארק איין גיצאמט, ניט לאזין ארויס טרעטין איין שריט פון דרך התורה, ווארום אז איהר וועט איהם איין מאל נאך געבין זיינע תאוות, וועט ער וואס ווייטער וועלין מעהר, אונ וועט ניט זאט ווערין ביז וואנען ער וועט באגערין אזעלכע זאכין וואס אונמיגליך איזט, אונ וועט זיך פארלירין מיט דעם געטליכען טהייל אויך (דאס איז דיא נשמה), אבער אז דער שכל רעגירט אונ האלט איין גיצאמט דיא תאוות, אונ דער חומר איז אונטער-טעניג ביין שכל, פארלאנגט ער נור וואס באדערפטיג אונ נויטווענדיג איז, אונ ווערט זאט מיט ווייניג, אונ פארהאסט דיא מותרות מיטין לוקסוס, אונ פארברייננגט איין

זיסן

און ער צוא יושעט זיך, ווארפט ער אנידער דעם שכל, און טרעט איהם אונטער דיא פיס, און מען קאן זיך גאר ניט פארשטעלין וויא ווייט דער שכל קען אונגליקליך ווערין. — דרום האט דיא תורה גיגעבין איהר גוטען ראטה, אז גוטע פריינד זאלין איהם פיר האלטין אויף זיין פארברעך, און איהם ערקלערין זיין פעהלער מיט מענטשענפריינדשאפט, דאן ווערט דער צוא יושעטער פערדיל (דער חומר) אפ-ענטיג, און דער שכל קומט צו זיין קרעפט, אז ער איז זיך מתגבר על החומר, און ער פארשטייט אליין זיין אירטהום, און ווערט גירעטעט. אבער בעונותינו הרבים, נאך אונזער פינצטערין פיהרונג, אז מיר זאגין יענעם תוכחה נור אונטער דיא אויגין, מען קריטיקירט איהם אב פון קאפ ביז דיא פיס מיט אלע מיני באליידיגונג, און אין דיא אויגין הנפעט מען איהם, מיינט ער נאך אז ער טוט גלייך, דערוויל פארשטארקט ער זיך אין דיא קרומע וועג, ביז וואנען ער ווערט אזויא מבולבל, אז ער מיינט אז ער טוט גלייך און אלע טוהען קרום, וויא דער שכור וואס מיינט אז דיא שטוב דרייט זיך און ער גייט גלייך. וויא גליקליך וואלטין מיר גיוועז, אז מיר וואלטין זיך פיהרין על פי דרך התורה והמצוה, יענעם פירהאלטין מיט פריינדשאפט, ניט וויא מיר פיהרין זיך, אז מיר שטראפין יענעם בעת מיר קריגין זיך מיט איהם, דאן זאגין מיר איהם אלע זיינע פעלערין אין דיא אויגין, און מיר זוכין נאך אויף וואס אונטער דער ערד איז. אבער דאס קען קיינע נוטצין ניט ברייגען, אין גענענטהייל יענער קומט נאך ארין אין נצחון, און וויל זיך ניט נאך געבין, און בלייבט ביי זיין שלעכטין פיהרונג, און פון גרונט הארצין האב איך איינינע מאהל גיהאזערט דעם פסוק וואס שלמה המלך ריהמט דיא תורה (דרכיה דרכי נועם) ד. ה. איהרע וועגין זיינען אנגינעהמע וועגין (וכל נתיבותיה שלום) און אויף אלע איהרע שטעגין הערשט פרידען, און אין פרידען האב איך איין גישלאפין.

ג. דער צווייטער בריעף

אויף מארגין פריה בין איך ארויס אין גאס. פילייכט וועט דער עוויגער מיר צוא שיקען עטוואס גישעפט, נוטציג זיין מיינע טהייערע ברידער און שוועסטער. איך באגעגין דעם ה׳ ···· וואס איז גיפאהרין מיט מיר אין וואגאן, ער האט זיך העפליך גינייגט צוא מיר, און מיר זייער גיבעטין גיין

צוא

זיסין צימליכען לעבין, און טרייסט זיך מיטין טויט, ווארום דענסטמאל וועט ער ערסט אנהייבין צו לעבין איין עוויגען גליקליכען לעבין (כמ״ש ותשחק ליום אחרון), ע״כ.

צוא איהם פריהשטיקן, אבוואהל איך בין גיוועזן זאט, האב איך זיך שטארק ניט גילאזט בעטין אונ מיט גיגאנגען, מיט דעם גידאנק, אז צוליב מיר וועלין זייא מאכין אברכה, ווייל זייא קלינגט נאך נעכטיגע געשיכטע, אונ אז איך וועל יעצט ווידערהאלין וועט דאס פעסט איין גיווארצילט ווערין בייא דיא קינדער, אונ עס וועט ווערין אצווייטע נאטור כמאמר החכם: „דאס גי־וואונהייט איז דיא צווייטע נאטור״, אונ דאן וועל איך אויספיהרין אזאך בשלמות.

מיר זיינען גיקומען צוא הויזע, זיינען מיר ארום גיפאלין דיא קינדער מיט דיזע ווערטער „וואס מאכט איהר אונזער טייערער גאסט״, עס קלינגט נאך אונז אייער נעכטיגער ראזגאוואר, מאמא! דאס איז דיא יעניגע וואס מיר האבין דיר דערציילט.

דיא מוטער האט מיר זייער פריינדליך צוא גינומען, קענטיג זייער איין אדעלע פרויא, אונ האט מיר זייער גידאנקט פאר נעכטיגע אויפ־מערזאמקייט, אונ בעט מיר איך זאל היינט ווידערהאלין נעכטיגען ראזגאוואר.

איך הייב אן מיט דיזע ווערטער — „מיינע ליבע קינדער, אייך קלינגט נאך נעכטיגער לארים? וויא דער זאנדאר האט יענעם געפיהרט, אונ דער בופעטציק האט נאך געשריען „דוא אונפארשעמטער יונג, ווארום האסטו זיך אן גיפרעסין, אונ ווילסט ניט באצאהלין״!!

יא יא, עס קלינגט אונז גוט אין מוח — ענטפערט דער קלייגער זוהן, — נור איך האב מיט איהם מיטלייד, פילייכט האט ער ניט מיט וואס צוא באצאהלין, אונ פון נויט האט ער עס גיטאהן.

דוא האסט ניט גיזעהן — שפריכט דער פאטער — וויא דער זאנדאר האט איהם גישלעפט, איז איהם ארויס גיפאלין אטייסטער מיט געלט, אונ ער האט ניט ווילענדיג גימוזט באצאהלין.

אויב יא אזויא! ער האט גיהאט געלט, אונ ניט גיוואלט צאהלין, איז נאך ווייניג וואס דער בופעטציק האט איהם צוא זידילט, ער איז נאך ווערט גיוועזן פיל מעהר שאנדע.

בייא דיזע ווארטין, נעם איך ארויס מיין שערי תשובה זייטע 84, אונ גיב לעזין דיא מוטער, דארטין שרייבט זיך מיט דיזע ווערטער.

„אונ ווען דוא מיין ליבער לעזער, וועסט גוט באטראכטין דיזע מענטשין וואס עסין אן אברכה, אונ בענטשין ניט, וועסטו זעהען אז לא די וואס זייא זיינען פארדארבין ביז גאר אין אידישקייט, זיינען זייא אויך פארדאר־בין אין חאראקטער, וויא דער הייליגער תלמוד שרייבט (ברכות ל״ז) ר׳ לוי

האט

הָאט גִיפְרֶעגְט, אִין אֵיין שְׁטֶעל זָאגְט דָוִד הַמֶלֶךְ ע״ה „לה׳ הארץ ומלואה״ צוּא הַשי״ת גִיהֶער דִיא עֶרְד, אוּנ אַלֶעס וָואס אוֹיף אִיהְר אִיזְט, אוּנ אִין אַצְוֵוייטֶע שְׁטֶעלֶע זָאגְט עֶר „והארץ נתן לבני אדם״, דִיא עֶרְד הָאט הַשי״ת אָפּ גִיגֶעבִּין צוּא דֶעם מֶענְטְשִׁין? עֶנְטְפֶערְט דֶער תַּלְמוּד, אֵיידֶער מֶען מַאכְט אַבְּרָכָה (וָואס דָאס הֵייסְט אַדַאנְק צוּא זַיין לִיבֶּען נָאמֶען), טָאר דֶער מֶענְטְשׁ פוּן קֵיין זַאךְ קֵיין הֲנָאָה הָאבִּין, וַוייל דָאס אִיז קָדְשֵׁי שָׁמַיִם, ד. ה. עֶס גִיהֶער צוּ קַאזְנַא, צוּם קְרוֹן פוּן מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְלָכִים, Государственное имущество

אָבֶּער נַאכְהֶער אַז דֶער מֶענְטְשׁ הָאט אֵיין גִיצָאהְלְט אִין הִימִיל־קַאסְסֶע מִיט זַיין בְּרָכָה (אֵיין שֶׁבַח וְהוֹדָאָה צוּם לִיבִּין גָאט וָואס עֶר הָאט בַּאשַׁאפִין דִיא שְׁפַּייז, צוּא עֶרְקְווִיקֶען מִיט זֵייא דֶעם מֶענְטְשִׁין) דַאן גִיהֶער עֶס שׁוֹין צוּם מֶענְטְשִׁין, דְרוּם זָאגְט דֶער תַּלְמוּד, אַז דֶער וָואס עֶסְט אָן אַבְּרָכָה, וֶוערְט עֶר גִירוּפִין אַיין גַזְלָן, עֶר הַאפְּט פוּן גֶעטְלִיכֶען בּוּפֶעט.

עֶרְקְלֶערְט דָאס מִיר בֶּעסֶער, וָואס הֵייסְט עֶר גַזְלַת דֶעם לִיבֶּען גָאט? וָואס פֶעלְט דֶען הַשי״ת, אֲפִילוּ וֶוען עֶר מַאכְט נִיט דִיא בְּרָכָה? פְרֶעגְט דֶער עֶלְטֶערֶער זָאהְן.

אִיהְר הָאט רֶעכְט — אַנְטְוָוארְטֶע אִיךְ — בַּאמֶערְקְט וִויא דֶער תַּלְמוּד הָאט גִיוואוֹיגִין זַיינֶע וֶוערְטֶער, עֶר זָאגְט נִיט עֶר גַזְלַת, נוּר (כְּאִלוּ גוֹזֵל) עֶס אִיז גְלַייךְ וִויא עֶר גַזְלַת, וַוייל אֵייגֶענְטְלִיךְ פֶעהְלְט דֶעם בּוֹרֵא גָאר נִיט, אֲפִילוּ וֶוען דוּא מַאכְסְט נִיט דִיא בְּרָכָה. וָואס בִּינְסְטוּ דֶען מִיט דַיין גַאנְץ לַייב אוּנ לֶעבִּין, קֶעגִין דֶעם הֵיילִיגֶען גָאט. אָבֶּער דוּא פַאר דַיין רֵיינֶעם סָאוֶועסְט אַלַיין, בִּיסְטוּ וִויא אַיין גַזְלָן, דוּא הָאסְט גִיחַאפְּט פוּן גֶעטְלִיכֶען בּוּפֶעט, אוּנ הָאסְט נִיט אָפּ גִיגֶעבִּין וָואס דֶער בּוֹרֵא הָאט נַאזְנַאצֶעט דַאפִיר.

אָבְּוָואהְל דִיא זַאךְ אִיז זֵייעֶר רִיכְטִיג (אַז עֶסִין אָהְן אַבְּרָכָה אִיז אַיין עַוְלָה קֶעגִין גָאט), דַאפִיר אָבֶּער קֵיין מֶענְטְשִׁין טוּאֶן מִיר קֵיין עַוְלָה נִיט, אוּנ מִיר הָאבִּין קֵיין מָאהְל אֵיין קָאפֵּייקֶע קֵיינֶעם נִיט גִיגַזְלֶת, עֶנְטְפֶערְט אַיין גַאסְט וָואס אִיז גִיזֶעסִין בַּייא דֶער גֶעזֶעלְשַׁאפְט.

עֶרְלוֹיבְּט מַיין פְרַיינְד — עֶנְטְפֶער אִיךְ — אִיהְר הָאט מִיר עֶרְאִינֶערְט אַיין וַואהְרֶע גֶעשִׁיכְטֶע וָואס הָאט פַּאסִירְט, אֵיינֶער פוּן גְרוֹיסִין אַדֶעל הָאט גִיפְרֶעגְט בַּייא אַיין חָכָם, וִויא אַזוֹיא זָאל אִיךְ זָאגִין יוֹם כִּפּוּר אִין וִוידוּי „גָזַלְנוּ״, וֶוען אִיךְ וֵוייס בַּייא זִיךְ, אַז אִיךְ הָאבּ קֵיינֶעם אַקָאפֵּייקֶע נִיט אִיבֶּער גֶעפִיהְרְט אִין מַיין לֶעבִּין, הֵיינְט וִויא קֶען אִיךְ זָאגִין אַזַא שֶׁקֶר יוֹם כִּפּוּר אִין שׁוּהְל פַאר דֶעם מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְלָכִים, הָאט אִיהְם יֶענֶער חָכָם עֶרְקְלֶערְט, מִיט דֶעם גִידַאנְק, דִיא מִשְׁנָה זָאגְט (אין ר״ה) בארבעה פרקים העולם נדון,

בפסח על התבואה) אז איינע פון דיא פיהר צייטין וואס דיא וועלט ווערט געמשפט, איז פסח אויף תבואה, אויב עס זאל זיין גיראטין דיא תבואה דעם יאהר, אדער חלילה ניט. (דרום זיינען מיר מתפלל „טל" דעם ערשטין טאג פסח), לאמיר באטראכטין וואס פאדערט מען אין הימיל פון דער וועלט אום פסח? אויב וועגין תפלין ציצית, אונ נאך אעלכע פרומקייט דאס גיהער איבערהויפט ראש השנה צום גרויסין סוד, וואס דער מענטש ווערט געמשפט, פסח שבועות אונ סוכות פאדערט זיך דער עיקר איין אנדער זאך, וויא מיר זעהען צום ביישפיעל, אז אפאטער קומט פון ארייזע, אונ ברייננט זיינע קינדער מיט זייערע ברייננדיגע מתנות, איז אויב זייא זיינען איידעלע קינדער, אונ גיבין אדאנק אונ אקוש אין האנט פאר דיא מתנות, איז דעם פאטער אנגענעהם צוא בריינגען זייא אצווייטין מאהל אויך, אבער ווען זייא זיינען זיטענלאז מיט פארדארבענע האראקטערין, אונ גיבין אחאפ דיא מתנה, אונ אנטלייפין אן אדאנק, פארדריסט דאס דעם פאטער זייער, אונ זאגט צוא זייא, נוא! נוא! איך וועל אייך שוין אנבריינגען! איהר וועט זיך שוין האבין צוא האלטין!! דאס גלייכין פיהרט זיך אונזער פאטער פון הימיל מיט אונז, צום יום הדין פון תבואה, פאדערט זיך איבערהויפט דער דאנק, אויב זיינע קינדער האבין גיגעבין אדאנק פאר דיא מתנה פון דיא שפייז וואס ער בערייטעט צוא פאר זייא, ד. ה. אויב מיר האבין גימאכט ברכות פאר דיא זעמיל אונ בולקע, אונ ד. ג. וואס מיר האבין גישפייזט אגאנץ יאהר, איז אויב עס רעכינט זיך אויס, אז דאס מעהרסטע, היינו 51% האבין גימאכט ברכות, איז דער בורא צופרידין, אונ בענטשט דעם יאהר מיט גיראטענע תבואה. אונ אויב חלילה דיא גרעסטע טהייל איז אונדאנקבאר גיוועזן, איז ער אונצופרידין, אונ וואס דיא פריכטע פון דעם איזט, פארשטייען מיר שוין זעלבסט. יעצט לאמיר זיך פארשטעלין — זאגט דער חכם צוא איהם, — אז דיא וועלט איז צום ביישפיעל גישטאנען פסח גלייך אויף גלייך, זייט איהר גיקומען אונ גיגעסין אן אברכה, האט איהר דאך אריבער גיוואויגין דיא שאל פון אונצופרידענהייט, קען זיין אז גראדע צוליב אייך אליין, איז געמשפט גיווארין, עס זאל זיין דער יאהר אונגיראטין דיא תבואה, אדער דיא פרוכט, אונ עס קאסט יעדער איינציגען אפילו מיט איין קאפייקע טהייערער דער לעביל ברויט, איז שוין דא ארעכענונג פיל דיא גזלה באטרעפט? אז מען קען זיך דעם גאנצין לעבין ניט אויס צאהלין, דרום מעגט איהר גאנץ זיכער זאגין „גזלנו" מיט אגרויסין קרעכץ. אונ דיא גאנצע רעדע איז גיפאסט אין אקורצען מאמר

פון

פון חכמי התלמוד (ברכות ל"ה) .כל הנהנה מן העולם הזה בלא ברכה כאלו גוזל להקב"ה וכנסת ישראל (ופרש"י שכשחטאו הפירות לוקין*) ד. ה. דער וואס גע-ניסט פון דער וועלט אן אברכה, איז לבד וואס ער גזל'ת דעם עוויגען, גזל'ת ער אויך מענטשין, ווייל דורך דיא זינד פון עסין אן אברכה, ווערט דיא תבואה גישלאגין.

וויא ריכטיג דיא היילינע ווערטער איזט – האפט אונטער דער פאטער –.

דיא מוטער לעזט ווייטער (אין שערי תשובה), דרום זאל יעדער פארשטאנ-דיגער מענטש זיין געהיט אין דעם, אונ איבערהויפט איינגיוויינען זיינע קינדער פון יוגענט אן, אז זייא זאלין זיין מכירי טובה, דאנקען יעדין וואס טוט מיט זייא דיא מינדעסטע טובה, אונ ניט עסין אונ ניט טרינקען קיין זאך אן אברכה ראשונה ואחרונה, אונ אלעס מיט כוונה, ד. ה. זייא זאלין פארשטיין, אז דיא ברכה איז איין דאנק צוא השי"ת, וואס ער האט באשא-פין דיא שפייז, אונ דאס גלייכין. אונ דיא עלטערין וואס ערציהען אזויא זייערע קינדער, וועלין האבין פון זייער גוטין אויפפיהרונג נחת אויף דיזע וועלט, אונ ניט פארשעמט ווערין פון זייא אויף דיא עוויגע וועלט.

לאזט בייא אונז איבער דעם וויכטיגען ספר שערי תשובה, וספר היראה לרבינו יונה מיט דעם איבערזעץ, איך האב גיהערט פון פיל וויכ-טיגע מענטשין, רימענדיג זייער דיא העתקה מיט דיא גוטצבארע הערות, אונ איבערהויפט דיא הערות פון ספר היראה, וואס רעדט פארנאנדער וועגין ציצית ותפילין, אונ וועגין היטין דיא מויל.

מיט גרויס פארגעניגען גיב איך איהם איין מתנה פאר אייערע ליבע קינדער, זייא זאלין איהם אפט לייענען, אונ אויס איידלען זייער כאראקטער, וועט דאס זיין מיין לויהן, אזויא וויא מיין פאטער האט איהם געשריבען ניט פון געלט וועגין, נור בלויז פון מענטשענפריינדשאפטס וועגין.

דער שיינער משה'לע, (אדער אסוהר אלס מטיף).

גוטין טאג! וואס מאכט איהר טהייערער פעטער! וואס מאכסטו ליבעס קינד! הער איך איין פריידענשטימע, אין קאלידאר, אונ הייסע קושין שיטין זיך

*) ויש לטעמים רעיון זה ע"ד לחות במקרא „הלא ידעו כל פועלי און" (המה הרשעים לגמרים, אף שאין גונבים וגוזלים בפועל, בכ"ז לא יצאו מכללם, כי המה) „אוכלי עמי" (כמו הגזלנים והחמסנים במה שהם) „אכלו לחם" (וקודם אכילתם) „ה' לא קראו" (היינו פרסום כבודו ע"י הברכה שהוא אדון העולם כמו אברהם אבינו שפרסם כבוד שמים שהוא אדון עולם כמ"ש ויקרא שם אברם בשם ה' וכמ"ש חז"ל (ברכות ז') מיום שברא הקב"ה את עולמו לא הי' אדם שקראו להקב"ה אדון עד שבא אברהם וקראו אדון).

זיך. וואס מאכט איהר טהייערער פריינד! ווערט אשמחה ביא אלעמען, וואס מאכסטו טהייערער משה'לע! ווערט אשמחה בייא דיא קינדער, אונ פאלין ארופ איינע אויף דיא אנדערע קושין זיך. — דיא טיר פון זאל וואו איך בין גיזעסין עפינט זיך, אונ עס ערשיינט איין מאנארכישער מענטש, פיין געקליידעט, מיט א יונגען קינד פון א יאהר 10 אלויכטיגע אשיינע גישטאלט.

איך האב דיא עהרע אייך פארצושטעלין אונזער ליבען גאסט — שפריכט צוא מיר דיא ווירטהין — מיר רייכין זיך דיא הענד איינע דיא אנ-דערע, אונ מען זעצט זיך אלע ארום טיש, מען האט דערלאנגט אזידענדין סאמאוואר מיט פרוכט לכבוד דעם ליבין גאסט, עס וואהר פריידען איבער פריידען. דיא ווירטהין דערלאנגט דעם קינד איין עפיל, ער גיט אקוש אין האנד, אונ זאגט איהר אדאנק. עס פרייט מיר זייער צוא זעהען דיא אדיל-קייט פון דעם קינד, איך בין דא גערין צוא זעהען וואס ווייטער וועט זיין מכח אברכה, צוא וועט ער מאכין. וויא גרויס וואהר מיין פרייד צוא הערין, וויא דער קינד האט גימאכט הויך אברכה „בורא פרי העץ" אונ דער פאטער האט גיענטפערט הויך „אמן". — איך האב באמערקט וויא אלע זיינען זייער פארוואונדערט אויף דיזע סצענע. ווייל דער מאן איז גאר ניט פון דיא בראנזע, אונ מיט א יאהר צוריק איז גאר אין זיין הויז קיין שפור ניט גיוועןפון דעם.

איך באמערק אז אייך איז אוואונדער מיין משה'לעס ברכה — שפריכט דער גאסט — אונ איהר האט גאנץ רעכט, וויא קומט דאס בייא אונז אין ס. אזא ערציהונג, וואס דאס פאסט גאר פאר ירושלים, — דאס איז ערסט איין יאהר, דורך אצופאל וואס איך וועל אייך דא ערציילין, — פאהריגען יאהר איז בייא אונז אין ס. דורך גיפאהרין א סוחר, אונ האט מנדב גיוועןשבת איין רעדע אין שוהל אלס וואהלטהאט, מיינע נאכבארין זיינען גיקומען שבת צוא נאכט פון שוהל, זייא האבין זיך גאר ניט גיקענט אב שמאקעווען פון זיין זיסע רעדע, מיר זיינען גיזעסין ביז שפעט אין דער נאכט, אונ זייא האבין אלעס איבער דערציילט, ווייל ער האט גיזאגט זייער אגרויסע רעדע פאר מנחה, אונ נאך מנחה ביז מעריב. — א מעשה א מעשה — זאג איך — וואס איך האב דאס ניט גיוואוסט, עס טוט מיר זייער באנק, פיליכט וועט ער נאך אמאהל דא זאגין, בין איך דער ערסטער איין אחאטניק צוא גיין הערין.

יא יא — זאגט מיין נאכבאר, — מען האט איהם מכבד גיוועןאויף מארגין ווייטער געבין אטיעזנע פאר זיין אב רייזין, מארגין אי"ה וועט

נעווים

געוויס זיין אגרויסע פובליקע, ווייל מען איז זייער צופרידין פון נעכטין. געגין מיין ווילין האב איך גראדע ניט גיקענט גיין, אונ מיין פרויא איז גיגאנגען הערין, עס זיינען אויך פיל אריסטאקראטישע מענטשין גיגאנגען הערין, עס איז גיוועזן וואס צוא הערין, קורץ דאפאן מיין פרויא קען זיך נאך ביז היינט ניט פארגעסין, זיא זאגט אז דאס איז בעסער פון טעאטער אונ אלע פארגעניגען, איבערהויפט וויא עס איז קאנטיג אז ער זאגט נור בלויז פון מענטשענפריינדשאפט, ניט פון קיין אנדער ציעל וועגין, ווייל קיין געלט אונ קיין מתנות נעמט ער ניט.

טראקטירט אונז אויך וואס פון דיא גוטע זאכין, וואס אייער פרויא האט אייך מיט געטהיילט, פון דיזין גוטין דרשן, אין וואס איז איבער הויפט באשטאנען זיין רעדע?

ה׳. גוואלד! וואו איז מיין איד!

דיא עלעמענטין (יסודות) פון דיא רעדע איז בעשטאנען, האט מיר מיין פרויא איבער דערציילט, זיא איז דאך זייער א גילערינטע וויא איהר ווייסט — זאגט דער גאסט — וויא ווייט אמענטש איז אגרויסער וועזין, ער איז דער קרוין פון דיא גאנצע בריאה, דיא גאנצע נאטור קניט זיך פאר איהם, (חביב אדם שנברא בצלם), ער איז דיא געטליכע פאטאגראף (אין קליינעם פארמאט), דרום דארף דער מענטש זיך וויסין וויא צוהאלטין, אונ וויסין וויא צוא שעצין זיין צלם אלהים, אלעס וואס ער טוהט דארף זיין מיט אויס רעכענונג, אונ איבערהויפט זיין ריידין, וואס דאס איז זיין הויפט צעסט, ער הייסט „מדבר״, זיין ריידין זאל זיין נור איידיל אונ פיין, אונ אזויא וויא ער דארף שעצין זיין צלם אלהים, אזויא אויך דארף ער זייער שעצין דעם כבוד פון אלע מענטשין, אפילו איין ארינטליכין קריסט, ווייל דער פסוק „כי בצלם אלהים עשה את האדם״, וואס דער תנא ר׳ עקיבא ברייננגט אראיה, גייט דאך אויף אלעמען, דאס איז דאך גיזאגט גיווארין צוא נח, איידער אברהם אבינו איז נאך גיוועזן, נאכהער האט ער גירעדט וועגין דעם העכערין קלאססע חביבין ישראל שנקראו בנים למקום, וואס פאר אהויכע זאך איין איד איז, סגולה מכל העמים, בנים למקום, וויא ווייט ער דארף זיך אטליצייען אין אלע זיינע אויפפיהרונגען, עס זאל אויף איהם ליגין אדילקייט, וויא עס פאסט פאר בנים למקום, אונ נאך העכער חביבין ישראל שנתן להם כלי המדה דאס איז דער איד

וואס

וואס וויים דיא תורה, אונ פיהרט זיך אויף וויא זיא לערינט איהם, וואס איהרע וועגין זיינען דרכי נועם וכל נתיבותיה שלום*). ובפרט ביי יעצטיגע צייט, ענדע ניינצענטין יאהר הונדערט, וואס מען זעהט צוא וואס דער מענטש האט דערלאנגט, צוא אזויא פיל חכמה, וואס אן איין שיעור, אונ וואס מעהר מען איז זיך מעמיק אין ים החכמה, זעהט מען אלס מעהר וועלכע עמקות (טיפקייט) עס ליגט אין אונזער תורה, אונ אין תלמוד א), ער האט

אויפגעוויזן

*) ער האט גיזאגט צוא דעם אטייערין וויטץ, וואס אומות העולם אנדערע זיינען מבזה דעם איד, אונ רופין איהם „זיד"!, אז דאס האבין מיר ריכטיג פארדינט. ווייל דיא עלעמענטין פון דער תורה איז 1) „אהבה" ליב האבין השי"ת דאדורך איז מען פלייסיג מקיים צוא זיין אלע מצות עשה, אונ 2) „יראה". פירכטין זיך פאר השי"ת דאדורך וועט מען זיין אב געהיט פון אלעס וואס מען טאר ניט (מצות לא תעשה) אונ פון דיא טייערע פאר אהבה אונ יראה ווערט גולד 3) „דביקות" אז זיין גאנצער גידאנק איז נור אין געטליכע אידעלע געפיהלען, אפילו זיין גישעפט, אדער עסין אונ טרינקען איז בכדי ער זאל זיין גיזונד, אונ קענען דינען השי"ת, אונ טאן גוטעס מיט מענטשין. ד. ה. פרום צוא גאט אונ גוט צוא לייטין, אונ ווען עס קומט אלעס צוזאמען, אהבה, יראה, דביקות, איז דאס פאלקאם „איד", אזא איד איז זייער גישעצט ביא קריסטין אויך, אלע האבין פאר איהם יראת הכבוד (עהרענפורכט) ווייל מען זעהט דאך זיינע אדילקייט אונ גוטקייט קעגין אלעמען, אז דאס איז ניט נור אקערפער וואס יאגט זיך נאך תאוות וויא איין בהמה, נור איין אדעלע ריינע זעלע, ניט קיין נוקם ונוטר, נור פוהל חסד ורחמים אפילו צוא דיא וואס האבין איהם שלעכטעס גיטאהן, פארברייגגט זיין צייט אין וויכטיגע זאכין, תורה אונ חסד, ניט אוים ברייגגען אין קארטין אונ נאך נארישקייט, זיינע טעג זיינען ניט וויא דיא בלעטלאך פון קאלענדאר וואס וויא עס גייט אוועק דער טאג רייסט מען איהם אב אונ וואלגערט זיך אונטער דיא פים, נייערט וויא דיא בלעטער פון אטייערין לעדערין—בוך, וואס באלעהרינט טויזענדער מענטשין, אונ בלייבט גישעצט אויף אימער אונד עוויג. דא פארדינט ער שעטצונג פון אלעמען, וויא דיא תורה שרייבט וראו כל עמי הארץ כו' ויראו ממך, אבער ווען דער מענטש פארבייט דעם אלף פון איד אויף איין זיין, (פון אהבת השם, אויף זנות) ד. ה. אב קערין צוא אלע תאוות הזמן, אונ גייט אוועק אזויא ווייט, אז ער קען גאר ניט צוזעהען וויא יענער טוט גוטעס, אונ ווערט פון דיא סעקטע זדים הליצוני עד מאד, ער מאכט ליצנות פון תורה ומצות. מאכט ער פון „איד" איין „זיד", אונ באקומט כשר זיין שימפפ-ווארט, אונ דאס איז בהשגחה, ער זאל באמערקין זיין פעהלער כמ"ש ונפש כי תחטא (איז דאן) ושמעה קול אלה כו', אונ דאס איז ניט אזויא אוויטץ, וויא נור אריינער אמת, גוואלד! וואו איז מיין א"י"ד"!!

א) ואיך לא ישמח לבי ותגלנת עצמותי, כי חבלי נפל בנעימים, לא לבד להדוף אחור את המתקוממים על המצוה הקדושה, כ"א גם להוכיח גלוי לכל, כי דעת חכמי התלמוד בדבר השחיטה, מתאמת לדעת החכמה והמדע, בכל הנוגע לדבר חמלה וחנינה. — הנני נושא כוס למעלה למעלה לחיי כל אלה אשר יעמיקו חקר בתהום התלמוד, ויוכיחו לדעת לעיני כל, כי גם כל החוקים אשר חקקו לנו חכמי התלמוד מתאימים למחקרי החכמה והמדע שבימינו. אחשבה למשפט, כי בים התלמוד הזה ימצאו דברים רבים, אשר יפתרו לנו שאלות אשר לא נדע פתרונן, הידד!! דברי החכם הד"ר דעמבא (המליץ, תרנ"ה № 279).

עיד

אוֹיפְגֶעוויזִין פִיל הוֹיכֶע גִידַאנְקֶען אִין אַלְלֶע אַרְטִין חָכְמָה אוּנ זִיטֶענְלֶעהְרוּנְג, וִויא עֶס לִיגְט אִין תַּלְמוּד. הַיינְט וִויא אַזוֹיא אִיז דָאס רֶעכְט גִיוָוארִין בַּיי אוּנְז אָב צוּא רַייסִין אוּנְזֶערֶע יוּנְגֶע קִינְדֶער (וָואס מִיר אָפְּפֶערִין אוּנְזֶער לֶעבִּין פַאר זֵייעֶר גְלִיק) פוּן חָכְמַת הַתּוֹרָה, אוּנ אַרַיין לָאזִין זִיךְ אַזוֹיא פִיל אִין תַּאֲווֹת הַזְּמַן אַזוֹיא וִויא אַיין בְּהֵמָה, נוּר קוּקִין וָואס יֶעצְט אִיז, אַז פַאר דֶעם הַייפִּיל הֵייא, אִיז בַּייא אִיהְר רֶעכְט צוּא לָאזִין זִיךְ פַארְפִיהְרִין אִין בּוּינְגֶע, פַארְשְׁפִּילִין אִיהְר צוּקוּנְפְט. אוּנ נָאךְ מֶעהְר אִיז צוּא בַּאדוֹיעֶרִין וִויא ווייט עֶס אִיז בַּייא אוּנְז אוֹיס גִילָאשִׁין גִיוָוארִין דִיא הוֹיפְּט מֶענְטְשְׁלִיכֶע גֶעפִיהְלֶע, דָאס אִיז הַכָּרַת טוֹבָה (דַאנְקבַּארְקַייט) וָואס דָאס אִיז דֶער קְרוֹין פוּן אַדִילְקַייט, אוּנ דִיא אַלֶע זַייטִיגֶע קָאפְּלִימֶענְטִין, אִיז נוּר אַיין טָפֵל צוּא דֶעם, אִין נַייְנְצֶענְטִין יָאהְר הוּנְדֶערְט וָואס דִיא אַדִילְקַייט מִיט דִיא קָאפְּלִי־מֶענְטִין הָאט גִיגְרֵייכְט אוֹיף דֶער לֶעצְטֶער שְׁטוּפֶע, זָאל פַאסִירִין אַזַא גְרָאבְּקַייט אַזַא נִידֶערִיגְקַייט, אִין דֶעם עִיקָר פוּן אַדִילְקַייט צוּא חַאפִּין פוּן גֶעטְלִיכֶען בּוּפֶעט אוּנ נִיט בַּאצָאלִין, ד. ה. צוּא עֶסִין אָן אַבְּרָכָה. אוּנ מִיר קוּקֶען דָאס גְלַייכְגִילְטִיג וִויא אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער זַיינֶען וַוייט פוּן תּוֹרָה, זָאגַאר אֲפִילוּ פוּן אוּנְזֶער הִיסְטָארְיֶע *)

בייא

עוד שם בפוליטאן, אבותינו הראשונים (חכמי התלמוד ז״ל), אך הם היו פדגוגים ולא אנו, אך הם היו בעלי—נפש, שכל מעינם וכל דאגתם היה, לקיום אומתם ותורתם, ואנחנו בעלי—חמר הנגו אוהבי בצע, והואגים לתאותם ולהנאתם, ואיך נאמר חכמים אנחנו, פדגוגים אנחנו, ותורת ה׳ אתנו, הנה בספר ה׳ מאסנו, וחכמת מה לנו ? !

*) עֶר הָאט אוּנְז אוֹיס גִימָאלְט אַיין קָארְטִינְגֶע וִויא מִיר זֶעהֶען אוֹיס, וִויא יֶענֶער נַארִישֶׁער פָאטֶער וָואס הָאט גִיוָואלְט חֲתוּנָה מַאכִין זַיין בַּת יְחִידָה, נָאךְ דִיא לֶעצְטֶע מָאדֶע מִיט אַלֶע שְׁפִּיטְצְלַאךְ. הָאט עֶר צוּם עֶרְשְׁטִין גִינֵייט אִיהְר גַארְדָארָאבֶּע, נָאכְהֶער בַּאשְׁטֶעלְט אַזַאל מִיט מוּזִיק מִיט לַאקִייעֶן, אוּנ אַיין גִיקוֹיפְט אַלֶע זָארְטִין שְׁפֵּייז אוּנ מַשְׁקָאוֹת, אוּנ בַּאזָארְגְט אַלֶע קְלֵיינִיגְקַייט, זָאגַאר אֲפִילוּ דִיא לִיכְטְלַאךְ וָואס דִיא קַאוַואלֶערִין מִיט דִיא פְרַיילִינְס הַאלְטִין צוּא דֶער חוּפָּה, אוּנ אַיין גֶעשְׁטִימְט דִיא פַּארְטֵייעֶן וָואס מֶען רוּפְט שַׁאפִּיר אוּנ שַׁאפִּירְקֶע. — אִיךְ וָואלְט וֶועלִין הָאבִּין דִיא עֶהְרֶע צוּא זֶעהֶען דֶעם חָתָן — בֶּעט אִיהם אֵיינֶער פוּן זַיינֶע פְרַיינְד — קֵיין חָתָן אִיז נָאךְ נִיטָא! עֶנְטְפֶערְט דֶער מְחוּתָּן, אַחָתָן אִיז דֶען אוֹיךְ אַוִויכְטִינֶע זַאךְ? אַשָׁעָה פַאר דֶער חוּפָּה וֶועל אִיךְ מֶעלְדִין אַשַׁדְכָן וֶועט וֶוערִין אַחָתָן?!! נוּא וָואס זָאגְט אִיהְר לִיבֶּע בְּרִידֶער צוּא אַזַא פֶּתִי וָואס הָאט גִימַאכְט פוּן טָפֵל אַיין עִיקָר, אוּנ פוּן רֶעכְטִין עִיקָר אַיין טָפֵל. נוּר וָואס הָאבִּין מִיר זִיךְ צוּא וואוּנְדֶערִין אוֹיף אִיהם, אַז מִיר זַיינֶען אוֹיךְ נִיט פִיל בֶּעסֶער, אַלֶע קְלֵיינִיגְקַייט וָואס פַּאסִירְט אִין עֶק וֶועלְט, אִינְטֶערֶעסִירְט אוּנְז צוּא וויסִין, אוֹיךְ דִיא הִיסְטָארְיֶע פוּן יֶעדֶער פָאלְק, זָאגַאר אֲפִילוּ פוּן דִיא נֶעגֶערִין ווילִין מִיר וויסִין, נוּר אוּנְזֶער גֶעטְלִיכֶע הִיסְטָארְיֶע וָואס הָאט פַּאסִירְט מִיט אוּנְז, זִינְט מִיר זַיינֶען גִיוָוארִין אַיין פָאלְק בִּיז יֶעצְט, דִיא גֶעטְלִיכֶע וואוּנְדֶער, אוּנ אוּנְזֶערֶע גְרוֹיסֶע הֶעלְדִין וָואס מִיר הָאבִּין גִיהַאט בְּכָל דּוֹר וָדוֹר, אוּנ

אונזער

אונזער תורה וואס זיא איז געשעצט ביי דיא גרעסטע חכמי האומות, דאס אינטערעסירט
אונז גאר ניט צוא וויסן, זאגאר אז פיל פון אונז זיינען גאר פרעמד מיט אונזער
שפראך, אונ מאנכע פון אונז שעמען זיך גאר מיט דעם נאמען איד א).

נאך אטייערין וויטץ האט ער גיזאגט (לבד דיא הויכע גידאנקען אין פסוקים
ומאמרי חז"ל) אז דער אדעלמאן וואס גייט דורכין פאראדנעם חאד איז ביא
אלעמען גישעצט אז מען רופט איהם „א י ד", אונ דעם שפלען מענטשין וואס גייט
דורכין צארנעם חאד באמערקין אונזערע שונאים מיט דעם נאמען „ז י ד", דאס
וועלין מיר פארשטיין דורך דיזע ערקלעהרונג, איין אנשטאנדיגע דירה איז גיבויט
פון אקיך אונ אזאל אונ א קאבינעט, אונ 2 חאדין, דער פאראדנער חאד גייט גלייך
צום קאבינעט, דארטין איז ברייטע ליכטיגע טרעפ מיט איין שווייצאר, גיוואונליך
איז דארטין אויס גישטעלט מיט וואזאנעס אונ רייכענדע זאכין, דער אדילמאן וואס
גייט דארטין אריין, ציהען אן זיינע קליידער איין גוטין גרוך, אז ווען אפילו ער גייט
אמאהל אריין דורכין זאל אין קיך, פארטראגט ער אין קיך אויך אריח טוב. אבער
דער צארנער מענטש וואס גייט שטענדיג דורכין צארנעם חאד, וואס איז פינצטער
אונ דארטין באגעגינט מען פריער דיא קיך, גיוואונליך אין קיך איז שטענדיג צאדנע,
ציהט אהן זיינע קליידער איין צאדנעם גרוך, איז ווען אפילו ער גייט אמאהל אריין
אין זאל פארטראגט ער איין ריח רע. דאס גלייכין דער מענטש איז אויך געבויט
דרייא עטאז איינע העכער פון דיא צווייטע, ניט וויא איין בהמה וואס זיא גייט
אויף אלע פיהר, ביא איהר איז גלייך דיא בויך אונ דיא הארץ אונ דיא קאפ,
קיינע ניט העכער פאר דיא אנדערע, ווייל אלע דיינקען וועגין איין זאך וועגין עסין,
ביא מאנכע האט דיא קאפ נאך אפאר הערנער, ווען איהר דוכט זיך אז אצווייטע
בהמה וויל חאפין איהר ביסיל היא, גיט זיא אשטאך מיטין הארין, ווייל זיא דיינקט
אז אלע לאנקעס הייא גיהערט נור צוא איהר, דער מענטש אבער גייט בקומה
זקופה, דיא בויך נידעריגער. ווייל זיא דיינקט וועגין נידעריגע זאכין עסין אונ טרינ-
קען. דיא הארץ שטייט העכער, ווייל זיא דארף דיינקען וועגין העכערע זאכין,
דיא קאפ שטייט נאך העכער, ווייל זיא דארף דיינקען וועגין דיא תורה, אונ וויסין
דיא עקרי האמונה, אונ וועגין דעם תכלית פון מענטשין, אויף דיא נצחיות הנפש,
איז דער אדילמאן גייט דורכין פאראדנעם חאד, דאס הייסט דער עיקר איז ביי
איהם דער מוח אונ דיא הארץ צוא דיינקען וועגין תורה אונ מעש"ט. אונ ווען
אפילו ער גייט אריין אין קיך ד. ה. עסין אונ טרינקען, אדער אין גישעפט פאר
טראגט ער אויך איין ריח טוב. ד. ה. אגוטע כונה ער טראכט דאביי. „איך גייא טאהן
גישעפט בכבוד השי"ת זאל מיר שפייזין בכבוד, איך זאל איהם קענען דינען ערינסט",
אונ ווען ער גייט עסין אונ טרינקען טראכט ער דאביי, „איך עס אונ טרינק בכבוד
צוא זיין גיזונד, איך זאל קענען זיין אין ערינסטער דינער ביא דעם גרויסין וועלט
קעניג, וויא ער האט אונז בפירוש פאר ארדינט אין זיין היילינע תורה צוא זיין איין ערהליכער
יוד, אונ איין ארינטליכער מאן" (ומ"ש בכל דרכיך דעהו, וכל מעשיך יהיו לשם
שמים

א) ולא רחוק לטעמים זאת בכונת הכתוב „הסר המצנפת והרם העטרה". כי הרגל שהורגלנו תמיד לילך בגלוי הראש (אף בעת שאין צורך לזה מפני הכבוד) גרם לנו שהורם העטרה ברכת הנהנין שהיא עטרת המדות, הכרת טובה (כמ"ש חז"ל האי מאן דבעי למיהוי חסידא לקיים מילי דברכות) „השפלה הגבה והגבוה השפיל" ימשיל אותנו הנביא ממש להמחותן הסכל שע"ה מהטפל עיקר ומהעיקר טפל וד"ל.

ביי דיזע ווערטער זיינע — דערציילט מיין פרויא — וויא ער האט דאס גירעדט מיט אזא ענערגיע אונ מענטשענפריינדליכקייט, איז איהר ארויס טרערין פון דיא אויגין, אונ האט שטארק באדויערט אונזער לייכטזיניגען אויפפיהרונג, אונ האט זיך פעסט בעשלאסין, צו לערנען די קינדער מאכין אברכה אויף יעדער זאך, אונ צו דינגען איין רבי לערנען איניגע שעה אין טאג תנ"ך אונ תלמוד, אונ ער וויים שוין אסך תנ"ך, אונ דעם ערשטין פרק מסכת ברכות.

צוא מיין שאנדע מוז איך אייך נאך עטוואס דערציילין — זאגט וויי־טער דער גאסט — וויא דיא מוטער האט איהם אנגיהייבין צוא גיוואוינען אברכה, אונ איהם גוט ערקלערט דעם זינען אונ דיא אדילקייט פון אברכה, אונ פארזאגט דעם רבי אז ער זאל דאס איהם שטארק איין לערנען אונ אויפפאסין, פרעגט ער איין מאהל ביי דיא מוטער, מיט דעם אויסדריק, מאמא! אז עס איז יא אזויא וויכטיג אברכה, ווארום מאכט דער פאפא ניט קיין ברכה׳!? ביי דיא מוטער איז ארויס טרערין פון דיא אויגין, ביי אזא ערינסטע פראגע פון איהר ליבין קינד, ער האט דאך דאס גיפרעגט מיט אריינע תמימות וויא איין יונגער קינד.

דיא מוטער האט אונגעדולד ערווארט מיין קומען צוא הויז מיטאג שטונדע, זיא האט מיר אריין געפיהרט אין קאבינעט, אונ מיט טרערין אין דיא אויגין האט זיא מיר דערציילט דעם קינדס פראגע. מיין ליבער טרייער מאן — זאגט זיא צוא מיר — צוליב אונזער טייערין זאהן, וואס ער באמערקט אונ קאנטראלירט אונזערע פיהרונגען (כמ"ש ונחני באורח מישור למען שוררי, המביטים עלי) מוזין מיר זיך אויס בעסערין אונזערע טהאטין, אונ היינט גלייך צוא מיטאג פערלאנג איך פון דיר מיין טהייערער, דוא זאלסט מאכין אברכה הויך, [illegible]ער קינד זאל ענטפערין אמן, אונ נאכהער וועט ער מאכין אברכה הויך, אונ דוא זאלסט ענטפערין אמן. וויא דער גוטער מענטש (דער דרשן

האט

שמים). אבער דיא שפלה מענטשין וואס גייען שטענדיג דורכין צארנעם האד ד. ה. וואס ביי זייא איז דער עיקר אנשטאפין דיא בויך ושארי הנאות. ציהט אן זייערע קליידער צד, גראבע בהמותע געפיהלען. איז ווען אפילו זייא גייען אמאהל אריין אין זאל. ד. ה. זייא קומען אין שוהל, אדער גייען טאהן איין מצוה, איז לא ימלט, אז זייא זאלין ניט פארטראגין צאד. ד. ה. פאלשע פניות, אונ דברים בטלים, ומחלוקת אין שוהל. דרום דארף זיך יעדער קלוגער מענטש סטארען צוא זיין איין אדילמאן, ניין דורכין פאראדנעם האד. והבא לטהר מסייעין אותו. אזויא וויא אין פאראדנעם חאד איז דא אשווייצאר וואס העלפט אויסטאהן אונ אנטאהן, אונ בעלייכטעט דיא ברייטע טרעפ, אבער הבא לטמא פותחין לו, גייא קריך אויף דיא פינצטערע שמאלע טרעפ. דער עוויגער זאל אונז ריינינגען דיא הארץ, מיר זאלין זיין פון דיא אדיללייט, וואס גייען דורכין פאראדנעם האד.

האט ערקלערט אין זיין דרשה, אז .אמן״ איז דייטש .וואהר״, עס איזט
.אמת״, אז דער עוויגער האט אלעס בעשאפין, אונ מען מוז איהם דאנק-
באר זיין דאפיר, איז נאך .אמן״ העבער וויא אברכה, ווייל דאס
באשטעטיגט דיא ברכה, אונ איז מיר ארויף גיפאלין אויפין האלדז אונ
שטארק גיוויינט, מיין ליבער גימאהל, צוליב דעם גליק פון אונזער ליבין
קינד, ער זאל אויס וואקסין אדיל אונ גוט, פרום צוא גאט אונ גוט צוא
מענטשין, מוסטו מיר געבין דיין יא ווארט, אז דוא זאלסט זיך איין ציי-
כענען ניט פארגעסין חלילה צוא נעמען עטוואס אפילו אטרונק וואסער אן
אברכה ראשונה ואחרונה, אונ אלץ הויך ווארט ביא ווארט, אז אונזער
קינד זאל זיך איינגיוואוינען נאך צוא טאהן. אונ איך האב איהר גימוזט
געבין ביא דעם מיין יא ווארט, מיט דעם האב איך איהר אנשמה ארויין גיזעצט.

אבוואהל אין אנפאנג איז מיר זייער שווער גיוועזן, דיא נארישע
בושה האט מיר זייער גיפלאגט, צוא מאכין אברכה הויך, וואס מען איז
דאס קיין מאהל ניט גיוויינט גיוועזן, נור וויא איך האב דאס גוט פארשטא-
נען וויא גלייך עס איז, אונ ווידער וואסערע שווירינקייט טוט ניט אפאטער
צוליב אקינד, איך האב אן גיהייבין צוא טאהן מיין פרוים פארלאנג, זיא
פלעגט מיר שוין יעדער מאהל דערמאנען מיט אוואונק מיט איהרע קלוגע
אויגין, עס איז אוועק אפאר טעג, עס איז מיר שוין צוא הויז לייכט גי-
וועזן, איך האב שוין ניט געליטין פון דיא פארפלוכטע בושה, נאר אין
דער פרעמד איז מיר נאך זייער שווער גיוועזן, איך האב זיך נור גיטרייסט
מיט דעם גידאנק, ווען אציגאר וואס איז ביטער ווערט מיטין גיוואוינהייט
זיס, אפשיטא אזא אדעלע זאך וואס דאס איז באמת זיס ווער עס האט
אגיזונטין נפש (כמ״ש ומתוקים מדבש ונופת צופים), אפשיטא אז דיא
ביטערקייט וועט מיט דער צייט פארביא גיין, אונ אזויא איז טאקע דיא
ענדע, איך האב יעצט אמת פארגעניגען פון דיא ברכה, אזויא וויא דער
קערפער שפירט הנאה פון דיא שפייז, אזויא שפירט עפעס מיין גייסט איין
זעט פון דיא ברכה, אזויא וויא דיא ברכה וואלט גיוועזן אשפייז פאר דיא
נשמה פון מענטשין*), אונ מיין קינד איז גאר גיווארין אטייערער מוסר
פאר מיר, דורך איהם בין איך גיוואהרין אפאלקאמענער יוד.

יא

*) דאס איז זייער ריכטיג אז דיא ברכה איז אשפייז פאר דיא נשמה, וויא
דוד המלך ע״ה זאגט (כמו חלב ודשן) אזויא וויא אגוטע שטיק ברוסט מיט אבולקע
זעטיגט אונ גיט קרעפטין דעם קערפער, אזויא (תשבע נפשי) איז זאט מיין נפש
דורך דעם (ושפתי רננות יהלל פי) וואס מיין מויל זאגט צווייא מאהל לויב צוא דיר,

יאוין

איין מאהל לויבט זיא דיר פארין שפייזין (אברכה ראשונה), אונ אצווייטין מאהל נאכין שפייזין (ברכת המזון וברכה אחרונה). אונ דאס איז גאנץ נאטירליך, אזויא וויא אין יעדע זאך איז דא איין בעהאלטענער שפיריטוס קראפט (אלקאהאל), צום בייא שפיעל, מען מאכט פון קארטאפיל ספיריטוס, איז בייא דעם אונוויסענדען אגרויסער וואונדער, ער פרעגט דאכט זיך איך עס פיל קארטאפיל, אונ שפיר ניט איין גראד שפיריטוס, נור וויא איז אין דער ווארהייט? עס איז ווירקליך דא אבעהאלטענער קראפט, נור מען דארף האבין צוא איהם איין אפאראט (וויא אברויז) מיט וואס מען ציהט ארויס דעם אלקאהאל, אזויא איז פארהאנדין אין יעדער שפייז איין כח גשמי וואס מיר זעהען וואס עס שפייזט דעם קערפער. אונ איין כח רוחני וואס שפייזט דיא נשמה. אונ אויב דוא בינגסט גיינעריג צוא וויסען פון וואנען קומט דער כח רוחני אין דיא שפייז, וועל איך ניט זאלעווען מיין מיהע צוא ערקלערין דיר מיין ליבער לעזער, דוא האסט געוויס גילערינט פרקי אבות בעשרה מאמרות נברא העולם, אז יעדער זאך פון דער בריאה איז באשאפין דורך איין מאמר פון הש״ת, ליגט אין יעדער זאך מוצא פי ה׳ (דעם עוויגענס ווארט) צוא בייא שפיל אין ברויט ליגט מוצא פי ה׳ פון דעם מאמר ויאמר אלהים תדשא הארץ דשא עשב מזריע זרע. אין פלייש ליגט מוצא פי ה׳, פון דעם מאמר ויאמר אלהים תוצא הארץ נפש חיה למינה בהמה ורמש, אין פיש ליגט מוצא פי ה׳ פון מאמר ויאמר אלהים ישרצו המים כו׳, צוא דעם גייסטליכען קראפט פון דעם עוויגענס ווארט וואס ליגט באהאלטין אין יעדער זאך פון ששת ימי המעשה, אונ פון דעם וואס דער עוויגער איז מחדש בכל יום תמיד מעשה בראשית, דארף מען האבין איין אפאראט ארויס צו ציהען איהם אל הפועל, אונ ווער איז דער אפאראט? דאס איז דיא ברכה, דורך דעם וואס מען זאגט ברוך אתה ה׳ גילויבט ביסטו דער באשעפער, קעניג פון דער וועלט וואס דוא האסט באשאפין דיא אונ דיא שפייז ווערט ארויס גיצוינין דער אלקאהאל רוחני, אונ שפייזט דיא נשמה. אונ דאס איז אונז דיא תורה מרמז (בפ׳ עקב) וויענך וירעיבך כו׳ למען הודיעך צוא לערנען דיר אגרויסע ידיעה, כי לא על הלחם לבדו יחיה האדם, אז דער מענטש וואס שפייזט זיין קערפער מיט ברויט אליין, ד. ה. ער מאכט ניט קיין ברכה אום ארויס צוא ציהען דעם כח רוחני פון מוצא פי ה׳, צוא שפייזין דיא נשמה, הייסט דאס ניט גילעבט, הגם מיר זעהען אברייטין קארק מיט אגראבע בויך, הייכט דאס נור וויא איין גיקוילעטער אינדיק פיקט קערנער*) (רשעים בחייהם קרואים מתים) ווייל דער נפש איז בייא איהם טויט, כי על כל מוצא פי ה׳ יחיה האדם, ווען הייסט גילעבט? אז ער איז מחיה דיא נשמה מיט מוצא פי ה׳ ד. ה. ער מאכט אברכה וואס דאס איז דער גייסטליכער אפאראט, וואס ציהט ארויס דעם כח רוחני וואס איז אין יעדער שפייז דורך מוצא פי ה׳, יחיה האדם, דאן הייסט ער גילעבט, ווייל בייא איהם לעבין ביידע אדם׳ס, דער גוף וואס ער הייסט אדם (לשון אדמה) אונ דער נפש וואס הייסט אדם (לשון כדמותינו, אדמה לעליון) דרום שטייט 2 מאהל „אדם״ אין פסוק, וואס דער צווייטער מאהל איז פארשטיינדיך איבעריג, נור דער ערשטער ווייזט אויף דעם גוף, אונ דער צווייטער אויף דעם נפש.

*) עס טרעפט אמאהל אז אשוחט שניים איין דעם אינדיק דיא גרעסטע העלפט גארגיל, אונ דער וושט בלייבט גאנץ (רוב סימן א׳ איז בדיעבד כשר בייא איין עוף) אונ אויפין הויף ליגט קערנער, את דער אינדיק איז הונגעריג, אונ אב גיבונדין דיא פיסלאך, לויפט ער ארום אונ פיקט קערנער. קען מען דען זאגין אז דאס איז איין לעבעדיגער אינדיק? וואס אין דיא ראיה מיר זעהען דאך ער לייפט ארום אונ פיקט קערנער.

יַא יַא, דָאס אִיז וַואהר. — אַנְטְוָוארְטֶע אִיךְ — דֶער חָכָם מִכָּל אָדָם זָאגְט „בֵּן חָכָם מוּסָר אָב", אַיין קְלוּגֶער זָאהְן (וָואס גֵייט אִין גָאטֶעס וֶועג), אִיז אַיין מוּסָר פַאר זַיין פָאטֶער, דֶער פָאטֶער מוּז הִיטִין אַלֶעס וָואס דִיא תּוֹרָה הֵייסְט, בִּכְדֵי עֶס זָאל נִיט זַיין וואוּנדֶערְלִיךְ דֶעם קִינְד זַיינֶע בֵּייזֶע טְהַא-טִין, וְוִיא אַיין יוּנְגֶער קִינְד הָאט אַמָאהְל גִיפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּין, מֶען הָאט גִילֶערְינְט אִין חֵדֶר דֶעם פָּסוּק מְחַלְלֶיהָ מוֹת יוּמָת, דֶער וָואס טוּט שַׁבָּת אַמְלָאכָה אָדֶער עֶר רוֹיכֶערְט, אִיז עֶר מְחַלֵּל שַׁבָּת, פְרֶעגְט דֶער יוּנְגֶער עֶרִינְסְטֶער קִינְד, רֶבִּי רֶבִּי! וָוארוּם רוֹיכֶערְט דֶער פַאפַּא?! מוּז שׁוֹין דֶער פָאטֶער אוֹיף הֶערִין צוּא רוֹיכֶערִין צוּלִיבּ דֶעם קְלוּגִין קִינְד. אוּנְזֶערֶע הַיילִיגֶע חֲכָמִים הָאבִּין וֶועגִין דֶעם אוֹיךְ אַוואוּנְק גִיטָאהְן (שבת כ"ג) ת"ר מצות נר חנוכה. ד. ה. וֶוען אֵיינֶער וִויל אָנְצִינְדִין דִיא לִיכְט פוּן חָנוּךְ צוּא עֶרְ-צִיהֶען זַיינֶע קִינְדֶער אִין דִיא לִיכְטִיגֶע וֶועג נֵר מִצְוָה וְאוֹר תּוֹרָה (נר איש וביתו) מוּז עֶר פְרִיהֶער אָן צִינְדִין בַּייא זִיךְ אַלֵיין דִיא נֵר מִצְוָה, אַלֵיין אָבּ הִיטִין יֶעדֶער אִידִישֶׁע זַאךְ, וְוִיא צוּם בַּייא שְׁפִּיל מַאכִין אַלֵיין אַבְּרָכָה וָוארְט בַּייא וָוארְט, אַלֵיין דַאוְונֶען אָרִינְטְלִיךְ, שְׁטֵיין אִין שׁוּהְל מִיט עֶהְרֶענְפוּרְכְט, נִיט שְׁמוּעֶסִין, נַאכְהֶער וֶועט עֶר קֶענֶען אָנְצִינְדִין דִיא לִיכְט פוּן חָנוּךְ פַאר דִיא קִינְדֶער, מְחַנֵּךְ זַיין זַיינֶע קִינְדֶער צוּא מַאכִין אַבְּרָכָה, צוּא דַאוְונֶען אָרִינְטְלִיךְ, צוּא הִיטִין שַׁבָּת, אוּנ ד. ג.

וְוִיא לִיבְּלִיךְ אִיז צוּא זֶעהֶען — שְׁפְּרִיכְט וַוייטֶער דֶער גַאסְט — וְוִיא מַיין מֹשֶׁה'לֶע עֶרְקְלֶערְט זַיין 8 יַאהְרִיגֶע שְׁוֶועסְטֶערִיל שָׂרָה'לֶען, וְוִיא מֶען דַארְף דַאנְקְבַּאר זַיין דֶעם עֶווִיגֶען פַאר זַיין הֶערְלִיכֶען בּוּפֶעט וָואס עֶר הָאט גִיגְרֵייט פַאר דֶעם מֶענְטְשִׁין, אוּנ זַיינֶע לֶעקְצְיָאנֶען הָאבִּין פִיל וִוירְ-קוּנְג גִימַאכְט, וְוִיא אִיהְר לֶעהְרֶער הָאט עֶרְצֵיילְט אִין אַיין גְרוֹיסִין אָרְט וֶועגִין אִיהְר קְלוּגִין אַנְטְוָוארְט צוּא דִיא חֲבֵרְתּוֹת וָואס הָאבִּין גִילַאכְט פוּן אִיהְר, אַז זִיא הָאט גִימַאכְט אִין קְלַאס אַבְּרָכָה אוֹיף אַיין זֶעמִיל, וָואס זִיא הָאט מִיט זִיךְ גִיהַאט, הָאט זִיא זַייא גִיאַנְטְוָוארְטֶעט זֵייעֶר בִּתְמִימוּת, אִיךְ פַארְשְׁטֵייא נִיט פוּן וֶועמֶען אִיז דָא מֶעהְרֶער צוּא לַאכִין פוּן מִיר וָואס אִיךְ הָאבּ נִיט גִיגֶעסִין, וואוּ אִיךְ הָאבּ נִיט אָבּ גִיצָאהְלְט פַאר מַיין שְׁפַּייז, אָדֶער פוּן אַייךְ וָואס אִיהְר הָאט גִיחַאפְּט פוּן בּוּפֶעט אוּנ נִיט בַּאצָאהְלְט? וְוִיא מַיין פָאטֶער הָאט מִיר גִילֶערְינְט, אַז דִיא גְרוֹיסֶע וֶועלְט מִיט אַלֶע שְׁפַּייז אִיהְרֶע אִיז דֶער גֶעטְלִיכֶער גְרוֹיסְאַרְטִיגֶער בּוּפֶעט, וָואס דֶער גוּטֶער גָאט הָאט גִיגְרֵייט פַאר זַיינֶע בַּאשֶׁעפֶענֶעס, אוּנ דִיא גִיצָאהְלְט וָואס עֶר נֶעמְט אִיז נוּר דֶער דַאנְק ד. ה. דִיא בְּרָכָה אוֹיף דִיא שְׁפַּייז, אוּנ אוֹיף פִיל קְלוּגֶע קִינְדֶער הָאט גִימַאכְט

איהר

איהר אַנְטְוואָרט אַשַייְנֶע ווִירְקוּנְג, אַז זֵייא זַיינֶען פוּן דֶענְסְטְמָאהְל אָן זֵייעֶר פְּרַיינְדְלִיךְ גִיוְואָרִין מִיט אִיהְר, אוּנ הָאבִּין בִּיסְלַאכְוַויְיס אָנְגֶעהוֹיבִּין נָאךְ צוּא טָאהְן אִיהְר גוּטִין פִיהְרוּנְג, נִיט צוּא עֶסִין אַלֵיין אָן אַבְּרָכָה, אוּנ אוֹיךְ צוּא עֶרְקְלֶעהְרִין זַייעֶרֶע חֲבֵרְתּוֹת דֶעם אַדֶעלֶען גִידַאנְק פוּן דֶעם.

ז. איין מְצִיאָה פוּן אַגַנָב.

ווָאס זָאגְט אִיהְר מַיין טְהַייעֶרֶע, אוֹיף דִיא פְרַאגֶע ווָאס מַיין מְשֶׁה'לֶע הָאט מִיר נָאךְ גִיפְרֶעגְט, דֶער רֶבִּי הָאט מִיט אִיהְם גִילֶערִינְט (ברכות י"ט) את מי נדו את אלעזר בן חנך שפקפק בנטילת ידים. זֶעהֶען מִיר ווִיא בַּיי דִיא תַּלְמוּדִיסְטִין אִיז גִיוֶועֶן ווַאשִׁין זִיךְ צוּם עֶסִין אַזַא הַארְבֶּע זַאךְ, זֵייא הָאבִּין פוּן דֶעם גִימַאכְט אַיין גְרוֹיסִין פַּארַאד, הַיינְט ווָארוּם מַאכִין אוּנְזֶערֶע גֶע-בִּילְדֶעטֶע נַאכְבַּארִין פוּן דֶעם לֵיצָנוּת? זֵייא זָאגִין זֵייא הָאבִּין זִיךְ שׁוֹין אִין דֶער בַּאדֶע גִיוַואסִין.

אִיךְ ווֶעל אַייךְ דֶערְצֵיילִין נָאךְ אַגְרֶעסֶערִין וואוּנְדֶער, פוּן דֶעם בַּארִימְ-טֶען גִיוֶועזֶענֶעם פַּאסְטוּךְ, דֶעם תַּנָא ר' עֲקִיבָא הָאט אִיהְר גִיהֶערְט? ווָאס לְבַד עֶר אִיז גִיוֶועֶן דֶער גְרוֹיסֶער תַּנָא, דֶער גְרוֹיסֶער קָאפּ מֶענְטְשׁ, אִיז עֶר אוֹיךְ גִיוֶועֶן גִיאַכְט בַּייא גְרוֹיסֶע גְרַאפִין אוּנ מָאנַארְכִין אִין יֶענֶער צַייט, דֶערְצֵיילְט פוּן אִיהְם דֶער תַּלְמוּד (עירובין כ"א) אַז בְּעֵת עֶר אִיז גִיזֶעסִין אִין תְּפִיסָה, אוּנ דֶער תַּנָא ר' יְהוֹשֻׁעַ הַגַרְסִי הָאט אִיהְם בַּאדִינְט. הָאט אַיין מָאהְל דֶער שׁוֹמֵר פוּן תְּפִיסָה בַּאמֶערְקְט, אַז ר' יְהוֹשֻׁעַ בְּרֵיינְגְט אִיהְם ווַאסֶער מֶעהְר ווִיפִיל דֶער שִׁיעוּר אוֹיף אַטְרוּנְק, הָאט עֶר אוֹיס גִיגָאסִין הֶעלְפְט, הָאט ר' עֲקִיבָא נִיט גִיהַאט מִיט ווָאס צוּא ווַאשִׁין זִיךְ, הָאט עֶר (ר' עֲקִיבָא) גִיפַאסְט אוּנ נִיט גִיגֶעסִין אָנְגִיוַואסִין, הַיינְט שְׁטֶעלְט אַייךְ פָאהְר, ר' עֲקִיבָא דֶער הַיילִיגֶער מַאן דֶער מְדִינָה חָכָם, ווָאס אִיז גִיוֶועֶן גִישֶׁעצְט בַּייא גְרַאפִין אוּנ מָאנַארְכִין, הָאט עֶר גֶעלִיטִין הוּנְגֶער אוּנ נִיט גִיגֶעסִין אָן גִיוַואשִׁין, ווָאס זָאלִין מִיר רֵיידִין ווָאס מִיר פַארְמָאגִין נִיט זַיין שִׂיחַת חוּלִין, זַיינֶען מִיר גִיוָוארִין הַכָמִים צוּא פְרֶעסִין אוּנ זוֹיפִין ווֶען דִיא הַארְץ גִילוּסְט, אוּנ זִיךְ פוֹילִין דִיא שְׁטִיקִיל טִרְחָה פוּן נְטִילַת יָדַיִם, נוּא ווָאס זָאגְט אִיהְר אוֹיף דֶעם?

נָאךְ דִיזֶע גֶעשִׁיכְטֶע זֶעהֶע אִיךְ, אַז אִין דֶער מִצְוָה פוּן נְטִילַת יָדַיִם מוּז לִיגִין זֵייעֶר אַגְרוֹיסֶער גִידַאנְקֶען, אוּנ מִיר ווִילִין הָאבִּין דִיא עֶהְרֶע, אַז אִיהְר זָאלְט דָאס אוּנְז עֶרְקְלֶעהְרִין.

דִיא עֶרְקְלֶעהְרוּנְג לִיגְט אִין דֶעם פָּסוּק ווָאס מֶען זָאגְט „שְׂאוּ יְדֵיכֶם קוֹדֶשׁ", אוּנ אִין דִיא צְווַיי ווֶערְטֶער פוּן נוּסַח הַבְּרָכָה „עַל נְטִילַת יָדַיִם" ווָאס אִיז

איז עפעס פאר איין אויסדריק ,נטילת׳ פארלייפיג האט בעסער גיפאסט ,רחיצת׳ ידים (וואשין דיא הענט) .

זייער איין גוטע באמערקונג (שפריכט דער גאסט), איך בין זייער נייגעריג צוא הערין דיא ערקלעהרונג , געוויס וועט דא זיין גרויסארטיגע גידאנקען , וויא אין דעם גידאנק פון אברכה , וואס איהר האט אונז ערקלעהרט .

אז דיא השגחה האט מסבב גיוועזן אונזער באקאנען זיך , וועל איך ניט שפארין קיין מיהע אום ארויס צוא ווייזין וויא גרויסארטיג , שארפזיניג אונ לעהרבאהר איז יעדער דין פון דער תורה , אונ אפילו איין מצוה דרבנן , אונ אפילו נור בלויז איין יודישער מנהג וואס איז נתיסד פון קדמונים , פיל זיטענלעהרונגען גיט אונז , עס איז פשוט דרכיה דרכי נועם וכל נתיבותיה שלום. אונ איך בעט אייך אלעמען צוא זיין גיהארכזאם , ווייל דאס איז זייער איין וויכטיגע זאך , אונ אגוטער שריט אין יודענטהום , וויא מיר זעהען אז דער ערשטער בייזער שריט ארויס פון אידישע וועג , איז דער ניט וועלין וואשין זיך , אונ עסין וויא איין בהמה .

הערט קינדער אלע צו וואס אונזער טייערער גאסט וועט אונז באלערנען .

וויא מיין טהייערער אדעלער פאטער האט מיר שטענדיג גילעהרינט — הייב איך אן — צוא ליבין יעדער מענטשין וויא זיך , האב איך שטענדיג גרויס צער אויף דעם , וואס פיל איינפאכע מענטשין זיינען פארבלענדעט ביי איין רובל פארדינען , אונ קוקען זיך גאר ניט ארום , אויב עס איז ארינטליך על פי דעת התורה והנהגת המדינה . צום בייא שפיל וויא האנדלען מיט גנבות ד. ה. אב קויפין מציאות פון גנבים , אונ מיר זעהען דאך , אז אין אגרויסע טהייל גישעפטין גייט דאס אהן . ווייל אלעס וואס ווערט גיגנבעט ווערט ניט צוריק אב גיגעבין , איז דאך איין בעוויז אז אויף אלע זארטין סחורה אונ כלים איז דא קונים . אה ! גוואלד צוא שרייען וויא אונפאר-שעמט אונ פארדארבין דאס איז , זיך צוא פאלזעווען מיט יענעמס אונגליק , אז יענער איז איבער נאכט בדלות גיווארין , איז דאס פאר מיר איין שמחה , דערוייל וועל איך דא חאפין שיינע עטליכע קערבלאך , דאס איז שרעקליך , איך רייד ניט וועגין דיא גנבים אליין , וואס זייא זיינען דאך געוויס גאר ניט בכלל מענטש , אבער אויף דיא וואס קויפין אב פון זייא , גאנץ ארינטליכע מענטשין אויפין בליק , אונ מאנכע פון זייא שטייען אין שוהל אויבין אן , וויא ערלויבט מען זיך דאס צוא טאהן , דאס איז כמעט ערגער וויא דער גנב אליין , ער איז זיך דאך מפקיר דעם לעבין אויף דעם אין גרויסע סכנות , אונ דער קויפער זיצט זיך גאנץ רוהיג אין שטוב , שלאפט זיך גאנץ רוהיג , אונ

פארטאג

פארטאג האט ער דיא גאנצע גנבה בייא זיך, אונ איז נאך אפיינער מענטש אויך דאביי, אונ עס העלפט ניט דיא גרויסע אזהרות וואס דיא תורה שרייבט אויף דעם „חולק עם גנב שונא נפשו", אונ דער תלמוד זאגט לא עכברא גנב אלא חורא גנב. אונ איז זייער שטארק מחמיר, אז בייא דעם וואס איז נור עפעס אסברא אז דאס איז גיגנבעט, טאר מען ניט קויפין, וויא צום בייא שפיעל (גדיים וחלב מרועה ופירות משומר הפרדס), אונ דיא שטריינגע שטראף וואס דיא רעגירונג גיט פאר דעם. ער זאגט נור איין מאהל „וואס טוא איך? איך גאנבע דאך ניט אליין".

אה! וויא, וויא שלעכט איז דאס דעם מענטשענס הערץ, וויא דער רוביל פארבלענדעט איהם זיינע אויגין, אונ פאר שטאפט איהם זיינע איידעלע געפיהלען, אה! וויא, וויא קען דאס רעכט ווערין, יענער זאל ווערין בדלות אין איין נאכט, אונ נאכהער דיא קריינקונגען, מען קען מאנכע מאהל פון דער וועלט אוועק גיין פון דעם, אונ בייא מיר זאל דאס ווערין רעכט, ווייל איך וועל האבין אטהייל אין דעם. אה! פאר דיא מויל, פאר דיא בייזע האלדז, איז רעכט אזויא איין צוא פלעקין דיא הענט אין יענעמס בלוט, (דמים תרתי משמע), אה! וויא, דער איד וואס איז אזויא אב געהיט פון בלוט, אז זיינע פלייש זאלצט ער אונ כשרת, אז ער געפינט אבלוטס טראפין אין איי ווארפט ער ארוים דיא גאנצע איי, אונ מאנכע מאהל 10 אייער איינע נאך דיא אנדערע, אום ניט צוא עסין איין טראפין בלוט, אונ באמערקט גאר ניט, אז זיין גאנצער מיטאג איז דורך אוים בלוט, אונ נאך וועלכע בלוט פון איין פאמיליע וואס זיינען ערמארדעט אונ בדלות גיווארין, אט טאקע דיא נאכט *). אונ אום צוא בעזארגין אונ פארהיטין דעם מענטשין פון דאס, אונ פון נאך צעהנדליגע פארדארבענהייט וואס דער מענטש טוט וועגין זיין פונט ברויט, וויא צום בייא שפיעל מאנכע זארגאנישע ראמאנען שרייבער וואס פאר דיא קליינע געלט פון מאנכע פאקין טרעגער (אייזיל קעפ) איז בייא זייא רעכט אן צוא שרייבין איין ראמאן פון שארלאטאנען, אונ אינטריגען פון באנדיטין, אונ קאמעדיעס פון לצים, אונ צוזאמען מישין דאס מיט דיא שמוטץ פון דעות נפסדות מינות וכפירה, אונ אב לאכין פון אלעס וואס הייליג איזט, אונ אן טרינקען דיא פובליקע מיט מים המאררים (גיפט), צוא פאר קויפין דעם פאלקס גייסט פאר אקערביל, וואס ער נעמט ביין בוך-הענדלער פאר דעם ראמאן ביכיל. אה! וויא, אזויא נידעריג צוא זיין, אונ אזויא ביליג צוא

פארהאנדלען

*) ויש להעמיס זה במליצת הכתוב רק „חזק" (כי גאל נפשו של אדם מחמדתו) לבלתי אכול הדם, כי הדם הוא הנפש, ולא תאכל הנפש (כל רעך) עם הבשר, ודו"ק.

פארהאנדלען אפאלקס גייסט*), איז פיל געפעהרליכער אלס אפעלד מארשאל זאל פארקויפין זיין ארמעע פאר שוחד, ווער עס האט נור אפונק טרייהייט צוא זיין פאלק, מאג דעריבער אפפערין אזיפיל פון טיפין הערצין, אונ זוכין אלע מעגליכקייט וויא דיא קראנקהייט אויס צוא קורירען.

אונ וויא דיא חז״ל זיינען געוועזן דיא אמתע רופאי הנפשות, אונ האבין באמערקט דעם ווארציל פון אלע קראנקהייט, פון וואנען עס נעמט זיך, אונ עקסעסטירט ביין מענטשין, אז דאס איז איבערהויפט ווייל דער מענטש ליגט אלץ אין איין שוואונג צו זאמלין מיט דיא הענד אונ לייגין אין מויל (כל עמל אדם לפיהו) אונ באמערקט גאר ניט, אז זיינע הענד זיינען איין געריבט אין בלוט אונ זיין שפייז איז דורך אויס בלוט, האבין זייא אונז געגעבין איין מיטיל עהנליך וויא דער נביא זאגט ידיכם דמים מלאו רחצו הזכו כו׳ טוב הארץ תאכלו ד. ה. איידער דוא לייגסט אין מויל וואס דיינע הענט האבין פאר הארעוועט וואש-אב דיא הענט, אונ הייב זייא אויף אין דער הויך אונ זאג ״שאו ידיכם קודש״ דאס זאל דיר באמערקען (לבד דיא כונה הפשוטה)**) אז דיינע הענט זאלין

*) וואס דאס פאלק איז ערצויגין אונ געוואונין געווארין נאך דעם וואונש פון אונזערע פילאנטראפין דיא חכמים זכרונם לברכה, וואס האבין גנעצילט מיט אלע זייערע תקנות אונ מנהגים, אז עס זאל עוויג עקסעסטירין דיא פירמא ״יוד עט יודענ-טהום״ מיט איהרע מעשים טובים אונ מדות טובות, וואס יעדער אומה וועט זייא דערקענען נאך דיא אויפפיהרונג, דאס זייא זיינען אברהם אבינו׳ס איינקלעך, אונ משה רבינו׳ס תלמידים׳לעך, כל רואיהם יכירום כי הם זרע ברך ה׳ (צנ״ג).

**) דיא כונה הפשוטה איז איינפאך, ווייל ידים עסקניות הן, קיין מענטש קען ניט גאראנטירין פאר זיינע הענט, זייא זאלין שטענדיג ריין אונ זויבער זיין, ובפרט רוב מענטשין בעלי מלאכות. אדער בעלי מסחר וואס האלטין פארשיידענע מאטריאלין אין האנט, וואס מאכין שמוטציג אונ פארשטויבט דיא הענט, אונ אין דיא שטויב קומט פאהר אלערלייא באקצילין אונ מיקראבין, אונ ווען דער מענטש וועט נעמען דיין ברויט מיט ניט קיין ריינע הענט, מי יודע וואס פאר סכנות עס קען פארקומען, (ואף שברוב פעמים אינו ניזוק מי יודע אם לא אכל עולמו כמ״ש לעולם אל יעמוד אדם במקום סכנה כו׳ ואם עושין לו נס מנכין לו מזכיותיו). דרום האט מען מתקן געווען צוא וואשין זיך פארין עסין, אונ ריין מאכין דיא הענט פון אלע שמוטץ, אז ניט איז איין חציצה, אונ עס העלפט ניט דער וואשין זיך. וויא דיא חז״ל זיינען דאס מסמיך אויף דעם פסוק וידיו לא שטף במים (ויקרא ט״ו י״א) אז דיא תורה אליין באמערקט אונז, אז דעם זב העלפט קיין טבילה ניט, בעפאר ער האט דיא הענט ניט אב געוואשין, ווייל ידים עסקניות הן (הענט רוהען ניט) האט ער זיך געוויס אן געריהרט בזוב וואס דאס איז אחציצה (עי׳ באור רנה״ו שם), אונ אז מיר האבין אב גיצויגין פריער אגרונט ד. ה. דיא כונה ראשונה פון נטילת ידים, איז אונז ערלויבט צוא באפוצין מיט בלומען אונ קווייטין, ד. ה. איידעלע הויכארטיגע גידאנקען, וויא דער מיילער נאכהער אז ער ציהט אב אגרונט, גיט ער ארוף ציצים ופרחים.

זאלין זיין הייליג, ד. ה. אז יגיע כפיך זאל זיין וואס איז מותר על פי התורה והנהגת המדינה, ניט קיין גנבה, ניט קיין גזלה, ניט קיין פאלשע וואג, ניט קיין פאלשע מאס, אדער אנדערע פארדארבענהייטין חלילה*). אונ זאג דיא ברכה, ברוך אתה ה' גילויבט ביסטו גאט וואס דוא האסט אונז גיהייליגט מיט דיינע מצות, אונ פארזאגט על „נטילת ידים" (לשון וינטלם וינשאם) צוא וואשין אונ ערהויבין דיא הענט, אז מיינע האנדווערק זאל קענען זיין אויף גיהויבין, אלע זאלין זעהען, ניט מען זאל דארפין פארטייענען, ווייל דאס איז פארבאטין על פי התורה, ועל פי חוקי הרעגירונג. אונ איך גלויב אז ביא דעם

*) וויא פאלשע עדות חלילה וואס דאס איז בעונותינו הרבים זייער נתפרץ גיווארין, דאס זיינען אזעלכע אייזיל קעפ וואס באַרעכענען ניט, אז אויסער דעם וואס דאס איז זייער אהארבע עבירה, וואס השי"ת האט אונז פארזאגט אין עשרת הדברות „לא תענה ברעך עד שקר" דוא זאלסט ניט זאגין קיין פאלשע עדות, פארקויפין זייא אויך זייער גאנצין מענטשין-עהרע כמהז"ל (סנהדרין כ"ט) סהדי שקרי אאוגרייהו זילי, פאלשע עדות זיינען פארערכינט פאר פאדלע מענטשין, אפילו ביי דעם וואס דינגט זייא. — עס איז ניט קיין אונטערשיעד, עס סייא ביא בית דין, אדער אין סוד, אין געגענטהייל אין סוד ווערט נאך דיא עבירה פארגרעסערט וואס ער (מיט זיין פאלשע עדות זאגין), איז מחלל שם שמים ושם ישראל. — אונ ווען מיר ווען אריין קוקען גאר אין דיא הויכע פענסטער, ווען מיר אויך געפינען פיל אונראיעלקייט, צום ביא שפיעל אדאקטער ווען מען רופט איהם צוא אַרייכין חולה, אונ ער זעהט צוא מעד-לעווען דיא קוראציע, בכדי ער זאל דא קענען מעלקין, איז דאס ניט וואהרע גנבה וגזילה? אונ נאך אזעלכע הונדערטער ביישפיעלען, וואס יענער נעמט געלט וואס איהם קומט ניט, ניט על פי דין, אונ ניט על פי יושר, נור ווייל מען דארף אן קומען צוא זיין לאסקע. הכלל ווען מיר ווען ריכטיג קאנטראלירען אלער האנד גישעפטין אונ טאלאנטין (בין מלאכת מעשה ובין מלאכת מחשבת) ווען מיר ארויס זעהען דעם שארפין בליק פון דיא חכמי התלמוד, וואס האבין עס כולל גיוועזן אין צוויא ווערטער „רובם בגזל" ד. ה. דאס מעהרסטע טהייל מענטשין פאלין דורך אין גזלה, חז"ל מיינען ניט חלילה, אז דאס רוב מענטשין זיינען טאשין דיבין, אריין שטעקין דיא האנט אין יענעמס קעשענע, (אזעלכע איז נור אקליינער פראצענט), מען מיינט נור עלעקטרישע גנבים וואס מאכין מיט שווינדיל, עס זאל אליין פליהען פון יענעמס קעשענע צוא זייא (עי' בקצור תפלה זכה שלי הנדפס עברי דייטש בסדור ק"מ). אונ ווער רעדט נאך ביא דיא לעצטע צייט וואס אין עולם המסחר רעגינט מיט פראטעקציין, וואס מען שטריינגט זיך ניט אן צוא צאהלין, אונ פיל נעמען לכתחלה ניט אוועק צוא געבין. מען פיהרט אשטאט, מען עסט אונ טרינקט, מען קליידעט זיך, אונ מאנכע נאך טעאטער אויך, אונ דאס איז אלעס אויף יענעמס רעכענונג, דאס איז דאך וואהרע גנבים אונ גזלנים, נור היינט האט מען דעם ווארט קראנקע משנה השם גיוועזן פון „גנבים" אויף „באנקראטיסטין", דער שינוי השם איז איין גוטער בעוויז, אז דאס איז איין גיפעהרליכע קראנקהייט. הכלל פון גרויס ביז קליין, רייך אונ גימיין, מטיילי בפרד"ס, . . . ונושאי קוקארדעס, דארפין זיך אלע וואשין צום עסין, אונ זאגין „שאו ידיכם קודש".

אונ

דעם וואס דער סאוועסט איז נאך ניט פארלאשין ביזין לעצטין פונק, קען דער גידאנקען מאכין אגרויסין ווירקונג, אונ איך גאראנטיר איהם אז צייט אחודש ווען ער זאל זיך וואשין וויא גיהעריג איז, אונ הארכין דיא ווערטער „שאו ידיכם קודש“ אונ על „נטילת“ ידים נאכין גידאנקען וואס איז ערקלערט גיווארין, וועט ער גיהיילט ווערין, אונ אוועק ווארפין זיין פארדארבענע פרנסה, ווען אפילו ער איז פון דיא ערגסטע קלאסע, וויא צום ביא שפיעל אחולק עם גנב אדער אזארגאנישער ראמאנען שרייבער*), אונ וועט פיל מעהר צופרידין זיין, פרנסה מיד הקב"ה אפילו אביטערע בלאט, איידער די זיסע פאטיקע וואס ער נעמט אליין מיד בשר ודם, וויא דער מוסר השכל וואס דיא חז"ל האבין אונז באמערקט פון די איילבערט בלאט, וואס נח'ס טייבעלע האט גיבראכט אין מויל.

(אמרה יונה (ע"ש יונתי תמתי) לפני הקב"ה מוטב יהיו מזונותי מרורים כזית ומסורים בידך (עפ"י דרך התורה) ואל יהיו מתיקים כדבש ומסורים ביד בשר ודם (סנהדרין ק"ח).

פאטער! ערלויב מיר אקוש טאהן דיא ליבע גאסט, זיא האט מיר מיין הערץ ערקוויקט. אה! דאס איז גרויסארטיג, עס איז מיר גיווארין ליכטיג מיינע אויגין, אז איך פארשטייא וואס עס בעדייטעט דער וואשין זיך צום עסין, איך וועל דאס היטין וויא מיינע אויגין אין קאפ. אוי! וויא אונגליקליך זיינען נעבאך אונזערע נאכבארין וואס זייא זיינען אזויא אונוויסענד, אונ זיינען מבזה אונזער יודענטהום א). עס קלינגט מיר יעצט דיא רייד פון נביא ירמיה, וואס דער רבי האט מיר געסטערין גילערינט מה מצאו אבותיכם בי עול, כי רחקו מעלי. וואס פאר אונרעכט האט איהר גיפונען אין מיינע מצות, אז איהר זייט אנט-לאפין פון זייא, די מצות פון דער תורה זיינען דאך אזויא ליבליך אונ אנגינעהם, זייא מאכין דאך ליכטיג דיא אויגין (מצות ה' ברה מאירת עינים) אה! וואו זיינען מיר אוועק גיקראכין וילכו אחר ההבל ויהבלו, מיר האבין זיך ארין גילאזין אין הבל הבלים וויא טעיאטערין, צירקען, קארטין, אונ נאך אזעלכע הבלים, ביז וואנען מיר זיינען גיווארין הבל. אה! וויא גליקליך מיר וואלטין גיוועין, אז צוא יעצטיגע ציוויליזאציע וואלטין מיר גיוועין פרום צוא גאט, אונ

היטין

*) אונ אנשטאט וואס ביז יעצט האבין זייא גינאפט געלט, וועלין זייא יעצט אנהייבין צוא קלייבין געלט. ד. ה. וויא מען קלייבט ארבעס, אויס צוא מיידין דיא ווערימדיגע, אונ דיא ניט-כשרה.

א) בסיום מסכת ידים וכשלקה הוא אומר ה' הצדיק, ופי' שם הרע"ב בכדי שלא לסיים בדבר רע, וע"פ הנ"ל רמז התנא בזה. אשר סיים המסכת בויכוח הצדוקים עם הפרושים וידוע שפרצה ראשונה היו' במצות נטילת ידים, והלכו מלחי אל לחי עד שנעקרו מן העולם, ולא הועיל להם כל ויכוחי הפרושים כי חכמה ומוסר אוילים בזו. ואין להם תקנה להודות על האמת רק ברפואות החכם מכ"א ושבט לגו חסר לב. ולזה סיים כי מי אשר אמר לא ידעתי את ה' לא יוסר בדברים רק כשלקה, אז הודה על האמת ואמר ה' הצדיק.

היטין דיא מצות וואס זיינען פשוט זיסער וויא פאטיקע, וואלטין מיר גיוועז גליקליך איבער גליקליך מיט אזא פאצאט אונ חן ביא אלע אומות.

זייער גוט רעדסטו מיין ליבער זאהן! — שפריכט דער פאטער — בלי נדר פון היינט אן נעם איך מיר אפיר, אז אין אלע למודים וואס איך לערין מיינע קינדער, שפראך אונ קענטשאפט, וועל איך מיחד זיין פיל שטונדין אין טאג אויף תנ״ך אונ תלמוד, אונ אויף ערקלערונג פון יעדער מצוה (כמו ספר החנוך וספר החורב להרב הד״ר הירש). אה! ביז היינט האבין מיר גיקוקט אויף דעם וואשין זיך צום עסין מיט אזא גיזעקען בליק, אונ היינט האט איהר אונז דאך גיעפינט דיא אויגין צוא זעהען אזא ליכטיגע שיין, איך וועל דאס ערציילען אלע אונזערע געסט, אונ דאס ריידין מיט אלע אונזערע צלענעם אין דעשעוונע קוכנע, אז מען זאל האלטין רעדעס פאר דיא גאנצע פובליקע, אום אז יעדער וואס קומט עסין זאל זיך וואשין וויא דער דין איז, אונ אויסער דעם וואס מיר ערקוויקען זייער קערפער מיט בילינגע שפייז, וועלין מיר אויך ערקוויקען זייער זעעלע מיט טייערע הימיל שפייז.

ז. דער דריטער בריעף.

טהייערער פאטער! אזויא וויא דער פלאם פון מיין ליבע צוא דיר פארגרעסערט זיך טאג צוא טאג, אז דיא פראקטיקע ווייזט מיר, אז דיא גוטע זאמען פון ריינע אמונה אונ וויסענשאפט פון דער תורה וואס דוא האסט גיזייט אויף מיין ריינע הערץ, טראגט גוטע פריכטע וואס גיט עהרע דעם ליבען גאט, אונ פארשאפט פארגעניגען פיל מענטשין, אה! מיט וואס בין איך אים-שטאנד דיר צוא צאהלין פאר דעם, נור צוריק ריידענדיג וואס פאר-לאנגסטו דען פון מיר? דאס גופא אז דיין ארבעט האט גיבראכט פיל נוטצין, איז דיין בעסטער לאהן, דארום וועל איך ניט שפארין קיין מיהע, אונ שרייבין דיר אלעם פאדראבנע, וואס פאר ווירקונגען איך האב גימאכט ביא דעם פאהריגען וויזיט.

וויא מיר האבין זיך אזויא אמאזירט אין דעם איידעלען ראזנאוואר איינינע שטונדין, גייט ארין דיא ווירטהין אונ שפריכט.

טהייערע געסט! איך וויל האבין דיא עהרע אייך צוא לאדין אויף אבענט ברויט, אונ דיר מיין שיינינקער משה׳לע וועל איך זעצין אויבין אן, וועיל דוא האסט אונז פארשאפט דעם גאנצין פארגעניגען מיט דיינע קלוגע פראגעס.

מיר

מיר זיינען אריין אלע אין סטאלאוויע, דער טיש וואהר גיגרייט מיט אלעם גוטען, איך נעם אראפ די רינגען פון מיינע פינגער, אום זייא זאלין ניט זיין קיין חציצה וויא דער דין איז, אונ גייא זיך וואשין, איך בעטראכט די קרושקע זאל זיין גאנץ וויא דער דין איז, אז מען דארף זיך וואשין מיט אגאנצע כלי. איך שטעק אריין די קרושקע אין כלי וואסער, באמערק איך דארטין ליגט חריין, וואס די קעכין האט אריין גיליינט, עס זאל ווערין שטייף אונ גוט צום רייבין (עס איז גיוועזן אב גישאבין אונ רייז).

מיינע טהייערע! — זאג איך — מיט דיזע וואסער קען מען זיך ניט וואשין, ווייל עס איז גיטאהן גיווארין מיט זייא איין מלאכה, די וואסער וואס מען דארף מיט זייא היילינגען די הענד צוא זיין איין עבד נאמן להתורה ולחוקי הממשלה, וויא מיר האבין פריער ערקלעהרט, דארף זיין בכבוד אזויא וויא די וואסער פון כיור, וואס דער כהן איז מקדש זיינע הענד צוא טאהן די עבודה על המזבח, דער שולחן וואס מיר עסין אויף איהם איז ביי אונז איין מזבח, ווייל דער עסין איז דער איינציגער פארמיטלער וואס בינדעט צוזאמען דעם קערפער מיט די זעלע, אונ ווען דער עסין וועט זיין נור וויא איין בהמה, וועט פארשטארקט ווערין די בהמיות אין מענטשין, אונ דער פערדיל וועט זיך צוא יושען אונ נעמען לייפין, אונ ארונטער ווארפין דעם גייסט (וויא מיר האבין מעתיק גיוועזן דעם מכתב הרמב"ם (איבין זייטע 37) — מען האט גיבראכט ריינע וואסער, איך האב זיך גיוואשין אונ אויף גיהייבין די הענד אונ גיזאגט הויך „שאו ידיכם קודש“, אלע קינדער האבין מיר ריכטיג נאך גיטאהן, איבערהויפט האב איך נחת גיהאט פון דעם שיינעם משה'לע, ער האט מיר אב גיטיפט ריכטיג יעדער תנועה מיט אזא שמחה, אז זיין שיינע גישטאלט האט געלויכטין פון שמחה.

מיר זעצין זיך אלע ארום טיש, עס איז גיוועזן ברויט אן געשניטין אונ אויך גאנצע בולקעס, איך נעם מיר אגאנצע בולקע, דאס ערשטע ווייל חטים (ווייטץ) איז חשוב'ר פאר שעורים (קארין איז אמין גערשטין), אונ ווידער ווייל אגאנצע זאך איז חשוב'ר פאר אהאלבע, איך מאך הויך המוציא, נאכהער ברעך איך אב (בכדי די גאנצע המוציא זאל זיין אויף אגאנצע זאך, וויא דער דין איז), איך באטראכט וויא אלע מאכין המוציא הויך ובפרט מיין שיינער משה'לע, עס איז מיר גיוועזן אחיות אין הערצין, (עס איז געווים פריעמענער צוא זעהען אזא טיש, איידער מיר זעהען פיל מאהל גאר אין פיינע הייזער גייט מען צום טיש אהנע היטלען, אונ ממילא איז שוין אנגיוואשין, אן המוציא, אונ אן ברכת המזון פשוט וויא בהמות), נור זייער

זאהן

זאהן יאָזעף האָב איך באַמערקט, וויא ער האָט נור אמורמיל גיטאָן מיטין מויל צוא בּרכת המוציא, קאָנטיג גיוועזען עפּעס אפּין געזיכט, אז מיינע רייד איז נאָך ניט אַריין איהם אין הערצין טיף, נור מפּני הבושה האָט ער אשאקיל גיטאָהן מיט דיא ליפּין, אזויא וויא ער מאַכט המוציא.

דאָס איז אויך גוט טראַכט איך, אז מיין רעצעפּט האָט גיווירקט צוא מאַכין שוואַכער דיא היטץ אויף איין גראַד, איז צוא האָפּין, אז דער צוויי-טער רעצעפּט וועט גאָר איין שטילין דיא היטץ, ד. ה. אז מיין ערקלערונג וואָס אברהם בעדייטעט האָט גיווירקט, אז קאַלטע ליפּין הייבּין זיך אָן עטוואָס צוא באַוועגין (אפילו זייער אשוואַכע באַוועגונג) קען איך האָפּין אז עס וועט זיך ווייטער בּעסערין אונ בּעסערין.

וואָרום האָסטו זיך זאָ גיזאַמט אין רעסטאָראַן? — הער איך וויא דיא ווירטהין פרעגט בייא דיא קעכין. עס איז דאָרטין גיוועזען אפּיינע סצענע מיט איין דייטש אסאַלדרע — ענטפערט דיא קעכין — אַדייטש האָט דאָרטין גיגעסין אמיטאָג, אונ איז גיגאַנגען צום בופעט איין צאָהלין, האָט דער ווירטה פון בופעט ניט גינומען בייא איהם דעם פּאַפּיר רובּיל. — וואָרום נעמען זייא ניכט דעם פּאַפּיר רובּיל? פרעגט דער דייטש פּאַרוואונדערט, ער איז דאָך ניט קיין פאַלשער נור אַריכטיגער קייזערליכע מאַנעטע. — זייא בּרויכען זעלבּסט צוא פאַרשטיין, — ענטפערט דער ווירטה. — וואָרום נעמען זייא ניכט דעם פּאַפּיר רובּיל?! פרעגט ווידער דער סאַלדרע מיט אַבּייזער. — זייא בּרויכין זעלבּסט צו פאַרשטיין, ענטפערט ווידער דער ווירטה מיט אשמייכיל. — איך פאַרשטייא ניכט אייער סאַחער מאַכער, ענטפערט דער דייטש — אונ גיט אַוואָרף דעם רובּיל אַפּין בופעט, אונ לייפט צום טיר. אך דוא דומער קעריל — זאָגט דער ווירטה — האָסטו ניכט גיהערט אונ ניט גילעזין אין דיא בּלעטער מיט איינינע יאָהר צוריק, אז דיא רעגירונג האָט געשריבּין אז דיזע רובּלען זאָל מעהר ניכט גאַנגבּאַר זיין, אונ מען וועט זייא אויס בייטין בּיז דעם נאַזנאַצעטין סראָק, גיבּען זייא מיר איין אַנדער רובּיל וואָס איזט גאַנגבּאַר וועל איך נעמען.

יאַ יאַ — ענטפערט יאָזעף — דער ווירטה האָט זייער רעכט, וואָס איז דיא מעלה וואָס ער איז אַריכטיגע מאַנעטע, אז דיא רעגירונג האָט איהם פּסול גימאַכט, ער זאָל מעהר ניט גיין, צאָהלין מוז מען מיט אמטבּע וואָס קיי-זערליכע באַנק נעמט איהר אָן.

זעהסטו מיין זאָהן — שפּריך איך צוא יאָזעפּין — אז מען גיט אמטבּע וואָס דער קעניג האָט איהר גיפּסלת הייסט עס ניט גיצאָהלט. יעצט וועל איך בייא

בייא דיר פרעגין וואס פאר איין מאראל קען מען פון דעם לערנען ? ווייל אקלוגער מענטש קען זיך ארויס נעמען איין לעהרנונג פון אלע מענטשין (איזהו חכם הלומד מכל אדם) אונ פון אלעס וואס ער זעהט אונ הערט*) — ובפרט וויא איך האב גיהערט וועגין דיר, אז דוא בינסט אגאנצער פילאזאף איין חעמיקער, טוא זייא אזויא גוט, אונ ציהע מיר ארויס דעם מוראלישען אלקאהאל פון דעם. — יאזעף שווייגט שטיל אונ ווייס ניט וואס צו ענטפערין — פארלאנגסטו איך זאל דיר זאגין ? — שפריך איך צוא איהם — יאזעף שווייגט ווידער. מיר אלע פארלאנגען איהר זאלט זאגין — ענטפערט דער פאטער.

דער מוראל פון דעם — ענטפער איך — לערנען אונז דיא חכמי התלמוד (ברכות מ"ז) „לא יזרוק ברכה מפיו", מען זאל ניט אב מורמלען דיא ברכה, נור זאגין לאנגזאם, דיא אויערין זאלין הארכין וואס דיא מויל רעדט, ווייל ווען מען מורמילט נור מיט דיא ליפין, אבוואהל מען זאגט דעם נוסח וואס דיא חכמים האבין מתקן גיוועזן, אונ דאס הייסט מען צאהלט אויף דעם געטליכען בופעט מיט דיא מטבע שטבעו חכמים בברכות, דאך ווערט דאס ניט אן גינומען, ווייל אזא מטבע האט דער וועלט קעניג גיפסלת, וויא דער נביא ישעיה זאגט אין גאטעס נאמען (בפיו ובשפתיו כבדוני ולבו רחק ממני כו' ואבדה חכמת חכמיו כו'), דער ליבער גאט איז שטארק ברוגז אויף דעם וואס מיטין מויל לויבט ער דאכט זיך גאט, אבער דיא הארץ איז גאר ווייט בייא איהם, מיר מוזין צאהלין פאר דיא שפייז פון געטליכען בופעט מיט איין מטבע וואס זיא איז גאנגבאר, וויא דוד המלך ע"ה זאגט ימלא פי תהלתך, מיין מויל זאל פול זיין מיט דיין לויב, דאס הייסט הויך, אונ ווארט בייא ווארט, דיא הארץ זאל הערין אונ טראכטין דאבייא פירוש המלות: ברוך אתה ה' גילויבט ביסטו גאט קעניג פון דער וועלט, וואס דוא האסט אזויא איין גיארדינט דיין וועלט מיט חכמה אז דיא ערד זאל ארויס געבין שפייז.

פון יעצט אן מיין ליבער יאזעף, ווארף אוועק דיין נארישע פהילאזאפיע, אונ נעם זיך אפיר צוא גיין אין דיא וועג, וואס אונזער אלטער אמתער

פהילאזאף

---

*) מען ערציילט אויף דעם רבי ר' ישראל סלאנטער זצ"ל, ער איז אמאהל אריין בייא נאכט צוא איין מייסטער וועגין אפאציגקע, האט גיברענט איין ליכט זאגט דער ארבעטער צום ווירטה, איך וועל פריער ברייגגען קארעסין אונ אנציגדין דעם לאמפ, זאגט דער מייסטער מען דארף ניט, פארריכט יעצט „כל זמן דיא ליכטיל ברענט קען מען נאך אלעס פארריכטין". פלעגט דאס דער רבי ר' ישראל שטענדיג חזרין מיט זיך אליין (זיך מעורר זיין צוא תשובה) „כל זמן דיא ליכטעלע ברענט (נר ה' נשמת אדם) קען מען נאך אלעס פארריכטען". „כל זמן דיא ליכטעלע ברענט, קען מען נאך אלעס פארריכטין".

פהילאזאף ,אברהם אבינו' האט אויס גיטראכטין , אז וויא עס קומט דיא צייט צוא טאהן א מצוה, דארף מען אוועק לייגין דיא פהילאזאפיע אן א זייט , אונ טאהן דיא מצוה בחרדת קודש (מיט עהרעפורכט) ווייל דיא מצוה איז דיא גיבאט פון דעם גרויסין היילינגען גאט , ווען אפילו אבערפלעכליך שטייט זיא (דיא מצוה) געגין דעם שכל , וויא עקדת יצחק צוא שעכטין אזוהן פאר גאט, וואס דער ריינער שכל פראטעסטירט זייער געגין דעם , אונ וויא אברהם אבינו אליין האט זיין גאנצין לעבין פראטעסטירט קעגין אלע עובדי אלילים וואס האבין גיטאהן תועבת ה' אשר שנא כי גם את בניהם ישרפו באש לאלהיהם, זייא פלעגין מקריב זיין זייערע קינדער פאר גאט , אונ אברהם אבינו האט גיהאט גרויסע דיספוטין אונ וויכוחים מיט זייא, אונ האט זייא אויף געוויזין , אז לא די וואס מיט דעם ווערט מען ניט גיפעליג בייא גאט , אין געגענטהייל מען ווערט נאך אונווירדיג בייא גאט , השי"ת ליבט נור חסד ורחמים , וויא אברהם אבינו האט גיטאהן וואס מען רופט איהם ,חסד לאברהם' , ער איז גיווארין דער חסד אליין , פון דעסטוועגין אז דער בורא האט איהם גיהייסין אויף דער עלטער נעמען זיין איינציגען זאהן, זיין שווארצאפעל פון אויג , וואס ער האט איהם געליבט מעהר וויא זיך אליין, אונ גיין איהם שעכטין פאר גאט, האט ער גאר ניט איבער גיקלעהרט , אונ איז גינאנגען מיט שמחה אונ מיט גרויס תמימות צוא טאהן דעם רצון הבורא , ווייל ער האט גוט גיוואוסט כי גבהו שמים מארץ כן גבהו מחשבותי ממחשבותיכם , אז דעם מענטשענס שכל איז מיט אגבול , ביז וואנען ער קען דער קלעהרין, אונ מעהר טאר ער ניט קלעהרין , אונ עס וועט גאר ניט העלפין זיין קלעהרין, אין געגענטהייל ער וועט נור פארבלאנדזען , אונ ארויס פון דת אונ פון דעת , גלייך וויא איינער שטעקט אריין דעם פינגער אין שיסיל גיקעכטץ אום דאמיט צוא וויסין , אויבע עס איז גינוג זאלץ , מעג ער שוין האלטין אגאנצין טאג אונ וועט גאר ניט וויסין , נור איין שמוטצין דעם פינגער , הגם דער פינגער האט דאך אין זיך אגרויסין אייגענשאפט דעם חוש המשוש , אבער קיין חוש הטעם האט ער ניט , דעם חוש הטעם האט מען נור גיגעבין דעם צונג (מיט איין לעק וויים ער אלעס) , דאס זעלבע דער שכל פון מענטשין איז מיט אגבול, אונ אריבער דעם גבול איז גלייך וויא דער פינגער אין שיסיל גיקעכטץ , אונ מיט דעם האט אברהם אבינו גילערינט אוועג זיינע קינדער , בעת זייא זיינען גיקומען צום בארג סיני, אונ משה רבינו האט זייא פארגעלייגט דעם ספר הברית (פון בראשית ביז מתן תורה) אונ זייא האבין באטראכט דעם דרך פון אברהם אבינו, דאן האבין אלע גיענטפערט מיט איין שטימע ,כל אשר

דבר

דבר ה׳ נעשה׳ (בעת דיא מצוה וועט אונז קומען צוא דער האנד וועלין מיר באזייטיגען דיא פהילאזאפיע אונ טאהן מיט אריינע תמימות, ווייל דאס איז דבר ה׳ (גאטעס רייד), אונ נאכהער „ונשמע׳ וועלין מיר זיך סטארייען צוא פארשטיין דיא טעמי התורה*).

אלע געסט זיינען פשוט ענטציקט גיווארין פון דעם שכל וויא איך האב גיצויגין איין גייסטליכען אלקאהאל פון דיא קעכינס ערציילונג, איבערדוויפט משה׳לע, ער איז גיזעסין לעבין מיר, אונ מיט אזא געהארכזאמען אויער האט ער איין גיהערט אונ גישלונגען יעדען ווארט.

אייערע רייד איז צוא דרוקען — זאגט משה׳לעס פאטער —, אונ מיר זעהען דאס שיינבאר, אז היינטיגע יונגע מענטשין גלייך וויא זייא הייבין אן צוא לעזין דיא פהילאזאפישע ביכער, וויא דארבין׳ס אונ שפינאזעס, חאטשיא זייער ידיעה אין פהילאזאפיע איז נור אויפין שפיטץ מעסער, ווערין זייא שוין גאנצע פהילאזאפין, אונ ווארפין אראפ פון זיך דעם גאנצין עול התורה והמצוה. מיר וואונדערט זייער, עס איז דאך גיוועזען גרויסע חכמים אונ פהילאזאפין וויא רבינו סעדיה גאון אונ דער רמב״ם אונ ניט לאנג הגאון מווילנא, וואס זקנים ערציילין אז פריפעסארין זיינען ענטציקט גיווארין פאר זייער חכמה, אונ פון דעסטוועגין זיינען זייא גיוועזען טריי צוא דער תורה, אונ יעדער ווארט פון תלמוד האבין זייא גישעצט מיט גרויס עהרענפורכט.

עס איז גאר איינפאך — אנטווארטע איך — אגוטע גלאז אלטע וויין אז מען טרינקט איהר, נאכהער אז מען האט פריער גיגעסין גוטע פיש אונד בראטין פארדאייעט זיא דעם עסין, אונ מאכט דעם מענטשין מונטער אונ פריילין. ווען אבער אז מען טרינקט איהר אויפין ניכטערין הארצין, אפילו נור אהאלבע גלאז פארדולט זיא דיא קאפ אזויא ווייט, אז מען מיינט גאר אז דיא שטוב דרייט זיך, דאס גלייכין חכמה (וואס זיא איז גיגליכין צוא וויין), ווען מען לערינט פריער תנ״ך אונ תלמוד וואס דאס רופט זיך בלשון חכמים (בשרא דתורא) אונ נאכהער לערינט מען קענטשאפט שאדעט עס ניט, אין געגענטהייל עס מאכט נאך מונטערער, אונ מען קריגט יראת הרוממות (עהרענפורכט) פאר דעם גרויסין גאט וואס האט באשאפין דיא וועלט מיט אזויא פיל חכמה, אז דער וואס באמערקט מיט אליכטיגען געפיהל

וואס

*) והתבונן כי לא נאמר „נעשה ונשמע" כי אם בפ' משפטים אחר שלקח ספר הברית (ופרש"י מבראשית עד מתן תורה) ויקרא באזני העם אז כשהביטו אל הדברים אזניהם והתבוננו דרכיו ענו כל העם ואמרו כל אשר דבר ה' נעשה, תחלה „נעשה" מצד שדבר ה' הוא (ראשית חכמה יראת ה') ואח"ז יתן ה' שכל טוב לכל עושיהם ונזכה „לנשמע" כוונת התורה להתאים עם השכל, כי באמת פקודי ה' ישרים משמחי לב.

(וואס איז באלויכטען מיט דעם שיין פון דער תורה) דיא וואונדערליכע סטראַיענע, וויא השי״ת האט גיסטרויעט זיין וועלט מיט אלע בּרואים, ווערט ערשטוינט אונ זאגט מיט גרויס עהרעפורכט מיט דוד המלך ע״ה צוא זאמען, ,מה גדלו מעשיך ה׳״ אה, וויא גרויס וואונדערליך זיינען דיינע ווערקע גאט! אה, וויא טיף זיינען דיינע גידאנקען! איש בער לא ידע, דער מענטש וואס איז פוסט פון איידעלע געפיהלען באמערקט דאס גאר ניט, ווייל ער זעהט דאס שטענדיג, איז דער הרגל פארלעשט אין איהם דיא התפּעלות, ווען מיר זאלין אבער דיא קלענסטע זאך פון דער בּריאה ארוים פיהרין פון הרגל אין איין רעטענעס, וועט יעדער אן שטעלין נאז אונ אויערין, אונ זיך ניט קענען אב וואונדערין אויף דיא חכמה נפלאה פון דעם גרויסין וועלט מעחאניק. צום בּייא שפיעל איך וועל אייך ערציילין אנייעס, איך האב גיזעהען אויף איין וויסטאווקע, אקליינע מאשינקע וואס קאסט אומגיפעהר 3 רו״כ, זיא באשטייט אין דעם, ווען מען זאל אוועק לייגין אפילו 10 קלאפטער ווייט אביסיל הייא דרייט זיך דיא מאשינקע אליין צוא, אונ האט אזעלכע לאפּקעלאך וואס זיא ווארפט ארין דיא הייא אין זיך, אונ צייט אשטונדע ארבּעט זיא איבער דיא הייא אויף קלאהרע מילך וואס עס איז פריימנע צוא טרינקען.

איהר האט דאס אליין גיזעהען? פרעגין אלע פארוואונדערט. — יא יא איך זעלבּסט האב דאס גיזעהען, אונ איך קען זיא אייך אויס שרייבּין פיל איהר ווילט. אה! וואס פאר אקינסטליכער מעהאניק דארטין מוז זיין, אויס צוא שטרויענעו אזא מאשינע וואס זאל טאהן אזא קינסטליכע ארבעט, אונ אלעס אן הילף פון מענטשין, מיר זיינען זייער גערין צוא זעהען דאס, זאגט אונז דערווייל וויא רופט מען דיא מאשינע. — דיא מאשינע רופט מען —ענטפער איך — ,ציג׳, זיא לייפט אליין צוא, צוא דיא הייא, וואס ליגט גאנץ ווייט פון איהר, אונ חאפּט ארין אין זיך, אונ אין אקורצע צייט ווערט פון דעם בּייא איהר קלאהרע מילך. — אה! וויא גרויס זיינען דיינע וואונדער גרויסער גאט — שרייען אויס אלע—דאס איז דאך איינע פון דיא קלענסטע זאכין פון נאטעס באשעפענעס, אונ מיר זיינען אזויא דום, אונ באוואונדערין דאס ניט. — איך וועל אייך ערציילין נאך אגרעסערין וואונדער, איך האב גיזעהען אז איין בעריהמטער מעחאניק האט גימאכט אקליינע מאשינע, וואס דיא גרעסטע מעחאניקעס אין דער וועלט. פארשטייען איהר ניט שפיציאלנע אין גאנצין, נור דער פארשטייט איין גליד פון דיא מאשין, אונ אצווייטער מעהאניק דעם צווייטין גליד, אבער איינער זאל ווייסין שפּיציאלנע דיא גאנצע מאשינע מיט איהרע אלע גלידער איז כמעט אויף דער

וועלט

װעלט ניטא, — װאס איז דאס פאר אזא קינסטליכע מאשינע? אז די גרעסטע מעכאניקער פארשטייען איהר ניט אין גאנצן, מיר זיינען עס זייער גערין צו װיסין — פרעגין אלע ערשטױנט.

דאס איז דער מענטש אליין, דאכט זיך אזא קליינע מאשינע, אבער אזױ קונסטיג געארבעט געװארין, אז עס איז כמעט ניטא איין פראפעסאר אין דער װעלט װאס זאל װיסען ריכטיג דעם גאנצין מענטשין, יעדער װייס נור אקליינע טהייל פון איהם, דער איז איין אויגין דאקטער, דער איין נערפין דאקטער, דער אצאהן דאקטער, דער איין אקושער, און דער אחירורג, אבער עס איז זייער זעלטין אז איינער זאל װיסין ספּיציאלנע דעם גאנצין מענטשין, און דאס איז װעגין זיין קערפער, היינט װער רעדט װעגין די פסיכאלאגיע (כחות הנפש) פון מענטשין, צום ביישפּיל װיא פאמעסציי'עט זיך אין זיין קליינעם מוח (אפויסט די גרוים) אגאנצע ביב־ליאטהעקע ספרים, װיא מען בעשרייבט אויף ר׳ זלמעלע דעם װילנער גאונס תלמיד (ר׳ חיים װאלאזשנערס ברודער), אז ער איז געװען קלאהר (אויס װייניג צו זאגין) גאנץ תנ״ך מיט אלע תרגומים, און ביידע ש״ס׳ן בבלי וירושלמי, רמב״ם וטורים, דאס איז מערקװירדיג. אויס צו לערנען און קענען דעם גאנצין מענטשין קערפערליך און גייסטליך, דארף מען לעבין משותלח׳ס יאהרין. אה, װען מיר װאלטין פארשטיין דעם גאנצין מענטשין ריכטיג מיט אלע פּינטעלאך, װיא עס זיינען געשלאסין אלע 248 גלידער, און אלע 365 אדערין איינע אין די אנדערע, אז מען גיט אשטאך אין קליינעם פינגער פון פוס דערלאנגט גלייך אטעלעפאן אין מוח, און װיא עס בינדין זיך דער קערפער מיט די זעעלע װאלטין מיר ערשט פארשטיין װיא עס שליסין זיך אלע רמ״ח מצות עשה און שס״ה מצות לא תעשה איינע אין די אנ־דערע, אז די גאנצע תורה מיט אלע איהרע מצות איז איין גאנצע זאך, און איין איד מוז מאמין זיין אין די גאנצע תורה מיט אלע איהרע מצות,

(עי׳ מלבי״ם תהלים פסוק ידיך עשוני ויכוננוני הבינני (וה״ז) אלמדה מצותיך ועי׳ קצור אבן שלמה ע״ט צד 56)

דרום די ראשונים װאס מעהר זייא האבין געלערינט חכמת הטבע צו דער תורה, האבין זייא אלעם מעהר געשמאק געקראגין אין דער תורה, און זיינען געװארין פרימער צו גאט, און בעסער צו לייטין, װייל דער װאס איז איין אוהב את המקום, איז ער איין אוהב את הבריות, און דער װאס לערינט תורה לשמה, איז ער משמח את המקום, און משמח את הבריות, בזכות תורה לשמה איז מען איהם מגלה די פארהעלטענעם און סאקרעטנע זאכין פון דער תורה, און ער װערט איין מעין המתגבר, די חכמה שטארקט זיך:

זיך בייא איהם פון טאג צוא טאג, אז זיין שכל וואס איז באלויכטין פון דעם אור התורה, זעהט וואס עס טהוט זיך אין דער גאנצער נאטור, אונ נאך העכער וויא דיא נאטור, וואס דיא אויג פון פהילאזאף (וואס זא איז ניט באלויכט׳ן מיט דעם אור התורה) קען דאס ניט משיג זיין בשום אופן. אזויא וויא דער אסטראנאמיקער קען ניט משיג זיין וואס אויף דיא זוהן טהוט זיך אן איין מיקראסקאפ, דאס גלייכין דיא מיקראסקאפ פון שכל, משיג צוא זיין וואס איבער נאטירליך, איז נור דיא תורה, וויא מיר בעטין והאר עינינו בתורתיך בעלייכט אונזערע אויגן מיט דיין תורה, איז דאן ודבק לבנו במצותיך וועט אונזער הארץ באקומען איין השגה וויא גרויס ארטיג דיינע מצות איז. אבער דיא היינטיגע קינדער וואס לערנען חכמה אויף אניכטערע הארץ, וואס איז ליידיג פון תורה אונ פון יראת שמים, ווערין זייא גלייך באראוישט פון דיא פהילאזאפיע, אונ זייא מיינען אז זייא שטייען גלייך, נור דיא שטוב (בית יעקב) דרייט זיך, אונ אלע גייען מיטין קאפ אראפ, אבער אין דער ווארהייט שטייט בית ישראל גלייך, נור זייערע קעפ דרייט זיך.

נאך מיין מיינונג נאך — זאגט דער ווירטה — איז דיא הויפט זאך גאר די לייכטזיניגע חברים, וואס זייא לערנען צוזאמען מיט זייא אין די שוהלען, אונ זעהען צוא זייערע פיהרונגען מיט זייערע דעות כוזבות, דאדורך ווערט אויס גילאשין פון זייא דער אור התורה והאמונה.

יא יא דאס איז אויך ריכטיג — זאג איך, וויא דער תנא זאגט איזהו דרך רעה שיתרחק ממנה האדם חבר רע, אונ וויא מיר בעטין אין אונזערע תפלות שתצילני היום כו׳ מחבר רע, אבער ניט דאס אליין איז דיא הויפט אורזאך, ווען זייא וואלטין אבער פריער זיין איין גיוואקסין מיט תורה אונ יראת שמים וואלט אויף זייא דיא לייכטזיניגע חברותא ווייניג ווירקען צוא שלעכטעס, וויא אונזער היסטאריע ערציילט אונז, אז יוסף איז פארוואפין גיווארין אין מצרים (ערות הארץ) צווישען ציגיינער שטופי זמה, פון דעסטוועגין וויא באלד ער איז גיוועזען גוט ערצויגין פון זיין פאטער יעקב (כמו שפירש״י בן זקונים בר חכים כל מה שלמד בבית שם ועבר מסר לו) איז ער בייא גישטאנען בייא אלע נסיונות אונ איז גיבליבין איין צדיק. אונ אין שפעטערדיגע צייטין זעהען מיר נאך מעהער, אז דניאל חנניא מישאל ועזריה וואס זייא האבין גילערינט (ספר ולשון כשדים) צוזאמען אין איין שוהל מיט פארשידענע אומות, אונ אויף איין טיש גיגעסין מיט דיא אומות, פון דעסטוועגין זיינען זייא גיבליבין בייא זייער תמימות צוא דער תורה, זאגאר אז זייא האבין זיך צוזאמען גירעדט אויס צוא פיהרען איין פלאן וועגין כשרה עסין, אבוואהל זייא איז דאס

שווער

שווער אן גיקומען, (וויא עס איז בעשריבין אין ספר דניאל), אונ ווען מיר וואלטין זיך אויך אזויא פיהרין, פריער איין לערנען אונזערע קינדער תורה מיט יראת שמים, וואלט אויף זייא אקליינער ווירקונג מאכין דיא חברים רעים אין געגענטהייל זייערע פארדארבענע חברים וואלטין קוקענדיג אויף זייא אויך בעסער גיוואהרין, וויא דיא תורה שרייבט וראו כל עמי הארץ כי שם ה׳ נקרא עליך אלע נאראדין וועלין זעהען, אז עס איז קאנטיג אויף דיר (דורך דיינעם גוטין אויפפיהרונג) אז דוא בינסט גאטעס איין דינער ויראו ממך וועלין זייא קריגען עהרעפורכט פאר גאט צוליב דיר, ווייל דער אמת האט אין זיך אגרויסין כח, ער איז פרעזידענט, אונ דער שקר מוז פאלין פאר איהם, וויא דיא פינצטערניס מוז אנטלייפין ווען דיא זוהן קומט אן, וויא מיר זעהען אז פאר דעם אידעשין תנ״ך ווערין אלע בטל, אלע זיינען מודה אז תורת ישראל איז דיא ערסטע תורה, אונ איהרע וועגין זיינען דרכי נועם, נור זייא זאגין אז דער איד מיט דיא תורה איז גאר צוויי זאכין, האלט דען דער איד זיין תורה? פאר איין קערביל פאר קויפט ער זיין תורה מיט זיין רעליגיאן, פאר אקליינעם ווינט פון איין תאוה וויא עסין טרפות, אדער רויכערין אום שבת ווערט אוועק גיבלאזין זיין גאנצע תורה, קריגט ביי אונזערע שונאים דיא צורה פון איד אפנים פון חלשות, אונ וואס ער רעדט אויף דעם אידין איז ער גירעכט, צוא אונזער גרויסין שאנד. אונ וואס קען דאביי העלפין דיא וויכוחים וואס מיר האבין מיט דיא אנטיסעמיטים, ארויס ווייזין זייא דיא גירעכטיגקייט פון אונזער תורה אונ פון אידין, אז מיט אונזערע מעשים זיינען מיר אליין סותר אונזערע רייד*).

---

*) איין היגער יונגער מענטש (וואס סטודירט אין פאריז) שרייבט זייגע עלטערין אנטוואורט אויף זייער פערלאנג, אז ער זאל זיך אויפפיהרין אין וועג פון דער תורה, סייא בין אדם לחבירו (יהי כבוד הבירך חביב עליך כשלך) אונ סייא בין אדם למקום וויא צום ביישפיעל היטין שבת, (וואס שבת איז דער זנאק פאמענט אז עס איז דא אבורא יחיד וואס האט באשאפין אין 6 טעג דיא גרויסע וועלט, אונ שבת האט ער גירוהט), אונ דאווענען (וואס דאס מאכט איידיל דיא געפיהלען דאנקבאר צוא זיין דעם באשעפער פאר דיא פיל גוטעס וואס ער איז משפיע אויף דעם מענטשין אונ עס רייניגט דיא הארץ, אונ איז איהר מקרב צוא ליבין דעם גוטין גאט), אונ תפלין לייגין (וואס זייא האבין אין זיך דיא סגולה משעבד צוא זיין דעם רצון פון הארצין. אונ דעם שכל פון מוח לעבודת הבורא. מיר זאלין ליב האבין גאט אונ דיא תורה, אונ אונזער פאלק בלב ונפש) אונ ווען עס טרעפט אמאהל, אז אין דער פריה איז איהם אונמעגליך צוא לייגין תפלין, זאל ער זאגין ק״ש ותפלה אן תפלין. אונ נאכהער קומענדיג פון שוהלע, זאל ער זיך פארמאכין אין צימער אונ לייגין תפלין אונ דאווענען מנחה. שרייבט ער זייא, ליבע עלטערין, ווען האב איך צייט צוא דאווענען

אז

זייער ריכטיג – זאגט משה'לעס פאטער – איהר האט מיך ערינערט אין וואהרע געשיכטע וואס איך האב ניט לאנג גילעזין אין איין אויסלענדישע בלאט, מיט דעם נאמען:

ח. דיא האלבע פאס וויין.

איין געוויסער פרינץ אגרויס גילערנטער מאן, אונ אגרויסער העברייער ער איז זייער קלאהר גיוועזן דעם אידעשין ביביל (תנ"ך), דאדורך האט ער זייער געליבט אידין. איין מאהל איז צוא איהם גיקומען אין גיזעלשאפט זיינער אפעטער, איין גרויסער אנטיסעמיט, אונטער זייערע גישפרעכין איז פארגיקומען וועגין אידין, עס איז זעלבסט צוא פארשטיין, אז דער אנטיסעמיט האט גישאטין אויף אידין וויא מען זאגט שווארצע מאן, דער פרינץ וואונדערט זיך אונ זאגט, ליבער פעטער, איך וויים ניט וואס האט איהר אויף זייא גיזעהען פאר שלעכטעס מעהר וויא אויף אלע נאראדין, וואס איז אונטער מיין פאטערס שוטץ, ווען עס גיבט איינינע פון זייא פארדארבענע, קען מען דען איבער איינינע באשולדיגען אגאנצין נאראד? אונטער דעם איידילסטיען נאראד גיבט מאנכע פארדארבענע, יודין שטייען בייא מיר זייער גישעצט איבער זייער תורה, וואס איך לעז איהר זייער אפט, אונ קען זיך ניט אב וואונדערין פון דיא איידעלע גיזעטצע, וואס אין איהר געפינט זיך, עס איז קאנטיג אז זיא איז ניט קיין מענטשליכע ארבייט נור געטליכע, אונ איבער הויפט וויא מיר זעהען מיט דיא אויגען, אז עס איז אלעס נתקים גיווארין וויא דיא תורה שרייבט זייא מיט 3200 יאהר צוריק, אויב זייא וועלין גוט אונ פרום זיין וועלין זייא ערבין דיא לאנד וואס גאט האט פארשפראכין צוא זייערע עלטערין, אונ וועלין זיצין רוהיג אויף איהר אין גרעסטע הצלחה, אונ ווען זייא וועלין אוועק לאזין זייער תורה, וועט זייא גישעהען גרויסע צרות, אונ אם ענדע וועלין זייא פארטריבין ווערין פון זייער לאנד, אונ האבין

אזעלכע

אז־איך דארף זיך שטענדיג רייסין אונ צאנקען מיט דיא אנטיסעמיטין, זייא אויף ווייזין אז מיר שטייען העכער פון זיי. — אה! וויא ניט פראקטיש דער אנטיוארט איז, וואצוא דארפסטו זיך רייסין מיט זייא? אז דוא קענסט ראבע נעמען פון זייא גאר רוהיג. זעהע אב צו שטימען דיינע מעשים נאך דיא פראגראמע וואס דיא תורה האט אונז גינעבין, זיין פרום צוא גאט (אב היטין אידישקייט וויא מען דארף) אונ גוט צוא מענטשין, אונ סטאראיע זיך צוא זיין מיט דיינע מעשים איין מוסטער בילד פאר אלע דיינע חברים, אונ אז אלע וועלין זיך אזויא אויפפיהרען, אז אונזערע שונאים זאלין ניט געפיהנען אויף אונז קיין פעהלערין, וועלין זייא ממילא פארשעמט ווערין. דאס איז זייער אקלוגע ראבע בעסער וויא אלע צאנקערייא.

אַזֶעלְכֶע אוּנְגְלֵיקֶען וָואס הָאט נִיט פַּאסִירְט ־קֵיין נַארָאד . אוּנ וְויא מִיר זֶעהֶען דִיא וֶועלְט הִיסְטָארְיֶע אִיז דָאךְ דָאס פִּינְקְטְלִיךְ גִישֶׁעהֶען . אוּנ דָאס אִיז נָאךְ מֶעהְר צוּא בַּאוואוּנְדֶערִין , אַז אִין אַזֶעלְכֶע אוּנְגְלֵיקֶען וָואס אוֹיף זַייא אִיז גִי־קוּמֶען , וָואס פוּן אַיין אַנְדֶער נַארָאד אוֹיף זַייעֶר שְׁטֶעל וָואלְט ־קֵיין זֵכֶר נִיט בְּלַייבִּין , אוּנ זַייא עֶקְסֶעסְטִירִין אוּנ הָאבִּין זַייעֶר תּוֹרָה בַּייא זִיךְ , עֶס פֶּעלְט נִיט אַיין נְקוּדָה אִין אִיהְר , גֶעגִיז דִיא אַלֶע אוּמְשְׁטַאנְדִין וָואס הָאט זַייעֶר תּוֹרָה פַּאסִירְט , וִויפִּיל מָאל הָאט מֶען דִי תּוֹרָה שבע״פ גִיבְּרֶענְט אַז עֶס זָאל פוּן אִיהְר אַיין אוֹת נִיט בְּלַייבִּין , אוּנ דָאךְ זַיינֶען זַייא גִיבְּלִיבִּין מִיט זַייעֶר תּוֹרָה אִין גַאנְצִין פּוּנְקְט וְויא זַייעֶר תּוֹרָה שְׁרַייבְּט ואף גם זאת כו׳ כי לא תשכח מפי זרעו דָאס אִיז אִיבֶּער נַאטִירְלִיךְ , דָאס אִיז נוּר גֶעטְלִיךְ , — אִיךְ הָאבּ אַמָאהְל פַּארְבְּרַאכְט מִיט זַייעֶרִין אַגְרוֹיסִין גִילֶערִינְטֶען , הָאט עֶר מִיר עֶרְקְלֶערְט אַזַאךְ אַז אִיךְ בִּין זַייעֶר עֶנְטְצִיקְט גִיוָוארִין , אַרַייזֶענְדֶער הָאט עֶרְצֵיילְט , אַז אִין דִיא אַלְטֶע פִּירַאמִידֶען פוּן עֶגִיפְּטֶען הָאט עֶר גִיזֶעהֶען אַיין וואוּנְדֶערְלִיכֶען מוֹיעֶר וָואס עֶר שְׁטֵייט שׁוֹין בְּעֶנַאהֶע 3200 יָאהְר , אוּנ אִיז נָאךְ גָאר נַייא רִיכְטִיג וְויא הַיינְט אוֹיס גִיסְטְרוֹיעֶט , (דָאס אִיז נִיכְט ־קֵיין מֶענְטְשְׁלִיכֶע אַרְבֶּעט , דֵיינְק אִיךְ נוּר עֶנְגֶעל אַרְבֶּעט) , מִיט דִיזִין מוֹיעֶר אִיז דָא אַגְרוֹיסֶע גֶעשִׁיכְטֶע — זָאגְט דֶער רַייזִינְדֶער — עֶס זַיינֶען שׁוֹין צֶענְדְלִיגֶע מָאהְל גִיקוּמֶען פִּיל גִבּוֹרִים מִיט הַארְמַא־טִין אוּנ מִיט דִינַאמִיט , מֶען הָאט גִיוָואלְט צוּא בְּרֶעכִין דֶעם מוֹיעֶר , אוּנ ־קֵיין פּוּלְוֶוער אוּנ דִינַאמִיט נֶעמְט אִיהְם נִיט צוּא רִירִין אֲפִילוּ אַיין צִיגִיל , אָדֶער אֲפִילוּ אַיין שְׁנִיטְצוּנְג פוּן אִיהְם .

אָה ! דָאס אִיז נִיכְט ־קֵיין נַאטִירְלִיכֶער מוֹיעֶר זָאג אִיךְ , דָאס אִיז נוּר אַיין גֶעטְלִיכֶער מוֹיעֶר , צוּא שְׁטֵיין פֶּעסְט טוֹיזִינְדֶער יָאהְר גֶעגִין אַזוֹיא פִּיל קַאנָאנֶען אוּנ דִינַאמִיט אוּנ צוּא בְּלַייבִּין גַאנְץ אוּנ פִּינְקִיל נַייא — אוֹיף דִיזֶען וואוּנְדֶערְלִיכֶען מוֹיעֶר — דֶערְצֵיילְט ווַייטֶער דֶער רַייזִינְדֶער — זַיינֶען אַרָאפּ גִיקוּ־מֶען פִּיל אִינְזִינֶערִין אַרָאפּ נֶעמֶען אַיין פְּלַאן פוּן אִיהְם , אוּנ מֶען הָאט אַרָאפּ גִינוּמֶען אוּנ נָאךְ גִימַאכְט , אוּנ עֶס הֵייבְּט זִיךְ נִיט אָן צוּא פַּארְגְלַייכִין צוּא אִיהְם , ־קֵיינֶער קֶען נִיט דֶער גֵיין דִיא פַּארְהֶעלְטֶענֶע עֶלֶעמֶענְטִין (יְסוֹדוֹת) אוֹיף וָואס דֶער מוֹיעֶר שְׁטֵייט . אָה ! דָאס אִיז וואוּנְדֶערְלִיךְ , אִיךְ בִּין זַייעֶר גֶערִין צוּא זֶעהֶען דֶעם מוֹיעֶר , וָואס וואוּנְדֶערְסְטוּ זִיךְ מַיין הֶער , זָאגְט זַייעֶר גִי־לֶערַינְטֶער , דִיזֶער מוֹיעֶר אִיז דִיא יוּדִישֶׁע תּוֹרָה (כמחז״ל אני חומה , זו תורה) וָואס זִיא שְׁטֵייט שׁוֹין הֶעכֶער 3000 יאהְר , אוּנ שְׁטֶענְדִיג זָאגְט דֶער יוּד ״וזאת התורה אשר שם משה לפני בני ישראל״ , אוּנ מִיט דִיא אַלֶע הַארְמַאטִין אוּנ דִינַאמִיט וָואס דִיא יוּדִישֶׁע פַיינְדֶע הָאבִּין גִישָׁאסֶען אוֹיף זַייעֶר תּוֹרָה , אִיהְר

איהר

איהר צו פארליהרן פון דער וועלט האבין זייא ניט געווירקט אב צוא שיסען פון איהר אפילו איין אות, זיא איז נאך פינקיל נייא וויא דער טאג וואס משה רבינו האט איהר געשריבען פון גאטעס מויל, אונ געגעבין דיא אידין. איז אנשטאט וואס דער נארא איז ווירדיג געריהמט צו ווערין, אם ענדע שענדסטו איהם נאך, אונ ליינסט אויף איהם דיא זינד וואס אייניגע מענטשין טוהען.

חא חא חא! לאכט זיך פארנאנדער דער פעטער, איך וועל ניט לייקע־נען אז זייער תורה איז ווירדיג צוא געריהמט ווערין, אבער וואס גיהער זיך אן דער יוד מיט דער תורה, האלט דען דער יוד זיין תורה? פאר איין קערביל איז ער גרייט צוא פארקויפין זיין תורה מיט זיין גלויבין מיט אלעס וואס ער זאגט אז בייא איהם הייליג איזט. — גיין מיין ליבער פעטער, רעדט ניט אזעלכע נידעריגע רייד אויף אזא פיינעם נארא, אויב איהר האט גיזעהען שלעכטעס האט איהר נור גיזעהען אויף אייניגע גיציילטע מענטשין, אונ דורך זייא קען מען ניט באשולדיגען אנאנצין נארא, איך קען זייא נור פון גוטען זייט. איך האב איין יודע איין פרעדסטאוויטעל פון מיין הויף, אונ ער איז זייער איין וואולער יוד, — נוא גוט זאגט דער אנטיסעמיט דאס איז אלעס ביז דעם רובּיל, איך וועל דיר ווייזין איין פראבע, יעצט איז בייא זייא שבת שיק אריבער איין קארטעצקע צוא איהם אז ער זאל דיר שיקן אייניגע סחורות וואס מען דארף שניידין פון שטיק, ווערסטו זעהען אז ער וועט שניידין אונ שרייבין אום שבת, אום צוא פארדינען געלט. — אונ איך זאג דיר גיין ער וועט דאס ניט מאהן, איך קען זיך מיט דיר וועטין. קורץ דאפאן זייא האבין זיך גיוועט אין אפאס שאמפאניער וויין, דער פרינץ האט אן גע־שריבין איין קארטע, אין דעם אינהאלט: איך בעט דיר מיין פריינד דוא זאלסט מיר שיקען 10 ארשין טייערע זיידינס מיט לענטעס אונ נאך זאכין, איך ברויך דאס נייטיג נור היינט, אונ שיקט דאס אוועק דורך ארייטער. דער רייטער האט גיבראכט דעם קאפיען דעם בריף פון פרינץ, ער געפינט איהם ביין טיש שבת, ער לעזט דורך דיא קארטע, אונ עס טוט איהם זייער באנק וואס ער קען ניט ערפיהלען דעם וואונש פון פרינץ, ווייל עס איז שבת, ענטפערט ער דעם רייטער מונדליך ער זאל איבער געבין דעם פרינץ דיזע ווערטער: מיר טוט זייער לייד וואס איך בין ניט אים שטאנד ערפיהלען דיין וואונש גרוי־סער הער, הייטע איז בייא אונז יודין שבת איז אונז פארבאטין צוא טארגעווען אונ שניידין, אויב דער גרויסער הער מוז דאס נייטיג הייטע האבין, וועט ער זיין זא פריינדליך צוא שיקן דיזין מאהל צוא יענעם אונ יענעם קריסט אין געשעפט, דארטין איז אויך דא דיא פרעדמעטין, דער

רייטער

רייטער האט געבראכט דעם אנטוואָרט צום פּרינץ, עס איז זעלבסט צוא פארשטיין אז דער פּרינץ האט פיל נחת געהאט פון דיזע תשובה, אונד דער אנטיסעמיט איז געבליבען זיצען אין צרות. — דוא האסט ניט גוט געשריבען דיא קארטע — זאגט דער פעטער — גיב מיר איך וועל שרייבען, נוא שרייב דוא — זאגט דער פּרינץ. — דער פעטער נעמט דיא פעדער אונד שרייבט דיזע ווארטען: „מיין בעסטער פריינד ה׳ קופּיעץ, איך בעט דיר נאך אמאהל דוא זאלסט ניט אנטזאגען מיין ביטטע, אונד זאלסט אזויא גוט זיין גיין גלייך אין בוד, אונד מיר געבען דאס וואס איך צייכען דא. אונד וויא דוא וועסט זיך עקשינען וויא אייער שטייגער איז עס קשה עורף, אונד איך וועל זיין געניט צוא שיקען נעמען ביי יענעם קריסט אין בוד, זאלסטו וויסען אז איך וועל שוין שטענדיג נעמען ביי איהם, אונד דוא פארלירסט אזא הויז וואס דוא לייזט שיינע טויזענדער אין יאהר, אונד צוליב מיר וועסטו אשר פארלירן נאך איינינע גרויסע הייזער, נעם דאס אריין אין געדאנקען, אונד ווייס וואס דוא האסט צוא טאהן״. דיזע ווערטער — זאגט דער פעטער — וועט איהם שוין גוט שמעקען, ער וועט שוין לייפען אויף אלע פיר איספּאלניען דיין בריף. — דער רייטער האט געשווינד אוועק געטראגען דעם בריף, ער געפינט איהם ביין רעכטען קוגיל, ער לייענט איבער דעם בריף, עס ווערט איהם קאלט אין אלע גלידער. — וואס האסטו זיך אזויא פארטראכט? דער קוגיל ווערט קאלט — זאגט דיא פרויא צוא איהם. — לאז מיר צוא רוהע מיט דיין קוגיל, נא לייען דעם בריף, איך פארלאז זיך אויף דיר וויא דוא וועסט רעשייען — דיא ווירטהין וואהר זייער אקלוגע פרויא אונד אגאטס פארכטיגע, זיא לייענט איבער דעם בריף אונד טראכט אוויילע אונד זאגט מיט אשמייכיל, עס פריער דעם קוגיל נאכהער וועל איך דיר זאגען מיין מיינונג.

שבת תשובה בין איך געגאנגען אין גרויסע שוהל דאווענען. פארין לייענען האט דער רב געזאגט עטליכע ווארימע ווערטער וועגין שבת, ער האט געטייטשט וואס דיא תורה שרייבט אז שבת זאלסטו רוהען ״אתה ובנך ובתך״ דוא מיט דיין זאהן אונד טאכטער, אז דאס גייט אויף דיא וואס אליין גייען זייא אין שוהל, נור דיערע זיהן אונד טעכטער שיקען זייא עפענען דעם מאַאזין אונד טארגעווען שבת. דרום זאגט דיא תורה אז דוא בינסט ניט יוצא וואס דוא אליין רוהסט שבת, נור דוא מוזט זעהען אז דיין זאהן אונד טאכטער אונד דינער, זאגאר אפילו דיין בהמה זאלין אויך רוהען שבת. ער האט פארגעשטעלט אז שבת איז דיא הארץ פון יודענטהום. אונד אזויא וויא אין מענטש אן אין הארץ קען ניט עקסעסטירען, אזויא קען דער יודענטהום

ניט

ניט עקסעקוטירען, ווען מען היט ניט שבת. נאכהער האט ער פארגישטעלט איין קארטינע וואס פון איהר זעהט מען ארויס, וויא דום עס זיינען די מענטשין וואס איבער אקערביל זיינען זייא מחלל שבת: סוחרים זיינען גיפאהרין אויף איין יאהרמארק מיט אסך געלט, פרייטאג זיינען זייא אראפ אין אשטאט שבת האלטין, האבין נאך גיפרעגט אויף איין ארינטליכע אכסניא וואס מען קען דעם ווירטה אן טרויען אסומע געלט, איין צוא שליסין בייא איהם אין שראנק איבער שבת. — שבת בייא טאג גייען זייא זיך דורך אוויילע, באמערקט ראובן אז שמעון קוים וואס ער שלעפט דיא פיס, אזויא וויא ער וואלט טראגין אמשא. — וואס איז דיר מיין פריינד? — פרעגט ראובן, פיליייכט בינסטו עפעס ניט אין גאנצין, לאמיר גיין צוריק אין נומער. נאכהער באטראכט ראובן, אז עס שטארצעט עפעס ארויס פון שמעונס קעשענע, ער גיט אטאפ וויא אזעקיל זילבער רובילס. — וואס האלסטו אין קעשענע? פרעגט ראובן פארוואונדערט. — אזעקיל מיט 100 זילבער רוביל ענטפערט שמעון — ווארום האסטו ניט אב גיגעבין דעם ווירטה איין שליסין בייא איהם אין שראנק? פרעגט ווייטער ראובן מיט גרויס פארוואונדערונג.

אן טרויען דעם ווירט? — 100 זילבער רוביל איז דאך עפעס אמטבע. — איזוואסציק דאוואיי! שרייט ראובן צוקאכט — וואצו ברויכסטו איין איזוואסציק? — פרעגט שמעון. צוא פיהרין איך אין דול הויז — ענטפערט ראובן — ווייל איהר שיינט מיר וויא וואהנזיניג, באטראכט נור אייער סאקוואיאז מיט הונדערט טויזינד רוביל האט איהר אן געטרויט דעם ווירטה איין שליסין אין שראנק, און דיא 100 זילבער רובעל טרויט איהר איהם ניט, און טראגט דאס אום שבת, דאס קען נור טאהן איין מענטש אן מארך. דיזע קארטינע איז יעצט אן גימאסטין פאר אונז, אז אזאך וואס איז נאך טייערער וויא הונדערט טויזינד רוביל, דאס איז אונזער לעבין און אונזערע קינדערס לעבין טרויען מיר דעם רבונו של עולם וויא מיר זאגין בידך אפקיד רוחי*) און איין הונדער-

טער

*) ער האט ערקלעהרט דעם פסוק מחלליה מות יומת (דער וואס איז מחלל שבת במזיד (בלא התראה) איז חייב מיתה ד. ה. כרת) מיט איין ביישפיל, מיר זעהען ווען מען וויל זיך באזעצין אין אלאנד, דארף מען באקומען פון מושל המדינה אפראווא זיטעלסטווא, נאכהער אז מען וויל מאכין איין גישעפט דארף מען ווידער קריגען אפראווא טארגאוולע, דער בר דעת זעהט צוא זיין איספראווגע, היטין דיא פונקטין פון פראווע טארגאוולע, ניט האנדלען מיט דיא פרעדמעטין וואס איז פארבאטין על פי חוקי המדינה, און ניט אין דיא צייטין וואס איז פארבאטין, ווייל ער ווייס גוט אויב ער וועט ניט היטין דיא פונקטין פון דיא פראווע, איז לא די וואס מען וועט צוא נעמען פון איהם דיא פראווע טארגאוולע, קען מען נאך צוא נעמען דיא

פראוועזיטעלסטווא

טֶער פַּרְנָסָה װִילֶען מִיר אִיהְם נִיט טְרוֹיֶען, רִיכְטִיג װִיא יֶענֶער װַאהְנְזִינִיגֶער אַלְזָא עֶרְלוֹיב מִיר, וֶועל אִיךְ אִיהְם עֶנְטְפֶערִין.

הָארְךְ אֵיין — זָאגְט דִיא װִירְטְהִין צוּם רַייטֶער — זָאג דֶעם גְנֶעדִיגֶען הֶער (דֶעם פְּרִינְץ) אַז מִיט מַיין בֶּעסְטִין װִילִין װָאלְט אִיךְ עֶרְפִיהְלֶען זַיין פַּארְלַאנְג, נוּר דִיא רֶעלִיגְיָאן שְׁטֵייט הֶעכֶער פוּן אַלֶעס, הַיינְט אִיז בַּייא אוּנְז שַׁבָּת װָאס עֶס אִיז אוּנְז פַּארְבָּאטִין קֵיינֶע גִישֶׁעפְטִין צוּא מַאכִין. אִיךְ בֶּעט אִיהְם טוֹיזִינְדֶער מָאהְל פֶערְצַייהוּנְג װָאס אִיךְ בִּין דֶער װִידֶער זַיין װִילִין, דִיזֶען מָאהְל בֶּעט אִיךְ אִיהְם צוּא נֶעמֶען בַּייא אֵיין צְוֵוייטִין, אוּנ אוֹיף װַייטֶער אִיז װִיא גָאטֶעס װִילִין װֶעט זַיין. — דֶער רַייטֶער הָאט גִישְׁװִינְד גִיבְרַאכְט אִיהְר אַנְטְוָוארְט צוּם פְּרִינְץ, דֶער פְּרִינְץ הָאט פָּשׁוּט אָן גִיקְוָואהְלִין פוּן פַּארְגֶע-נִיגֶען, אוּנ הָאט זֵייעֶר בַּאוואוּנְדֶערְט דִיא פֶעסְטֶקַייט פוּן דִיא פְרוֹיא, אוּנ הָאט פַּארְוִוירְפֶע גִימַאכְט דֶעם פֶעטֶער אוֹיף זַיין בַּאלֵיידִיגוּנְג אַזַא פַיינֶעם נַארָאד, אוּנ דֶער פֶעטֶער אִיז גִיבְּלִיבִּין זִיצִין אִין גִיהַאקְטֶע וואוּנְדִין. עֶס אִיז אַוֶועק אֵיינִיגֶע טֶעג, שִׁיקְט דֶער פְּרִינְץ בֶּעטִין אֵיין רֶעכֶענוּנְג בַּיין קוּפִּיעץ.

גֶעוִוים וַויל דֶער פְּרִינְץ שׁוֹין מִיט אוּנְז אָב הַאנְדְלֶען — זָאגְט דֶער קוּפִּיעץ צוּא זַיין פְרוֹיא — זָאל זַיין אַזוֹי, זָאגְט דִיא װִירְטְהִין, אַז דֶער הֵיילִיגֶער שַׁבָּת קָאסְט אוּנְז אַזַא טַייעֶרִין קָרְבָּן בִּין אִיךְ נָאךְ מֶעהְר צוּפְרִידִין, גֵייא אוּנ פַּאס זִיךְ מוּטְה, דֶער זְכוּת פוּן שַׁבָּת װֶעט דִיר בַּאגְלֵייטִין, אוּנ דִיר גֶעבִּין חֵן אִין דִיא אוֹיגִין פוּן פְּרִינְץ.

שֵׁיין אַזוֹיא מַיין טְהַייעֶרֶער פְרַיינְד? הָאסְט מִיר גוּט אָב גִיטָאהְן, זָאגְט דער

פּרַאוָואזִיטעלְסְטְוֶוע אויךְ, אונ מֶען וֶועט אִיהם הַייסִין נֶעמֶען דֵין פֶּקִיל אונ גֵיין, דָאס גלַייבִּין מִיר מַאֲמִינִים אַז דִיא וָועלְט אִיז נִיט קֵיין הֶפְקֵר, זִיא הָאט אֵיין קֶענִיג וָואס הָאט אִיהְר בַּאשַׁאפִין (שַׁבָּת אִיז דֶער זָאךְ פַאמְיֶעט אוֹיף דֶעם) אונ מִיר זִיצִין אוֹיף גָאטֶעס לַאנד, בֶּעטִין מִיר (זָכְרֵנוּ לְחַיִּים) השי"ת זָאל אוּנְז גֶעבִּין לֶעבִּין אוּנד גִיזוּנְד ד. ה. אֵיין פּרַאוָועזִיטֶעלְסְטְוָוע, אוֹיךְ בֶּעטִין מִיר פְּרַאוָוע טַארְגַאוִולֶע, אַז השי"ת זָאל אוּנְז גֶעבִּין פַּרְנָסָה, אִין דִיא פְּרַאוָוע טָארְגָאוִולֶע אִיז אָבֶער גֶעשְׁרִיבִּין אַפּוּנְקְט (ששת ימים תעבוד ועשית כל מלאכתך ויום השביעי שבת לה' אלהיך לא תעשה כל מלאכה) אַז עֶס אִיז אוּנְז עֶרְלוֹיבְּט צוּא טָאהְן אַמְלָאכָה אוּנ טָארְגָאוֶועו נוּר 6 טֶעג, אָבֶער שַׁבָּת הָאבִּין מִיר קֵיין פְּרַאוָוע נִיט צוּא טָאהְן קֵיין מְלָאכָה אוּנ נִיט צוּא טָארְגֶעוֶוען, דֶער וָואס הִיט אָבֶער נִיט דִיא חוּקֵי השי"ת אוּנ טוּט אַמְלָאכָה, אָדֶער עֶר טָארְגֶעוֶועט אוּם שַׁבָּת, פַּארְדִינְט אֵיין שְׁטְרָאף אַז לְבַד וָואס מֶען נֶעמְט בַּייא אִיהם צוּא דִיא פְּרַאוָוע טָאר-גָאוִולֶע, אַז זַיין פַּארְדִינְסְט הָאט חָלִילָה קֵיין הַצְלָחָה נִיט, נֶעמְט מֶען חָלִילָה צוּא דִיא פְּרַאוָועזִיטֶעלְסְטְוָוע, אוּנ מֶען הַייסְט אִיהְם נֶעמֶען דֶעם פֶּקִיל אוּנ גֵיין חָלִילָה פוּן דֶער וָועלְט. דְרוּם דַארְפִין מִיר זֶעהֶען צוּא זַיין אִיסְפְּרַאוְונֶע, הִיטִין דִיא פּוּנְקְטִין פוּן דִיא פְּרַאוָוע, וֶועט השי"ת אוּנְז גֶעבִּין לֶעבִּין אוּנ פַּרְנָסָה בְּכָבוֹד.

דֶער פְּרִינְץ צוּם קוֹפִּיעץ קָאלְט בְּלִיטִיג, נוּא נוּא אִיךְ וֶועל דִיר בַּאלְד וַוייזְן וָואס דוּא הָאסְט זִיךְ אָן גִימַאכְט דֶער פַאר, זָאגְט עֶר מִיט אַשְׁמֵייכִיל.

טְרָאג אַרוּף פוּן וַויין קֶעלֶער דִיא 50 בּוּטֶלְעֶן סַאמְפַּאנְיֶער — זָאגְט דֶער פְּרִינְץ צוּם לָאקִייא — דִיא דִינֶער הָאבִּין אַרוּף גִיטְרָאגִין — נַא, דָאס הָאסְטוּ דֶער פַאר! — זָאגְט דֶער פְּרִינְץ צוּם קוֹפִּיעץ, אוּנ הָאט אִיהְם דֶערְצֵיילְט דִיא גֶעשִׁיכְטֶע וִויא עֶר הָאט גִיוואוּנֶען צוּלִיבּ אִיהְם אַפַּאס שַׁאמְפַּאנְיֶער, קוּמְט דִיר הֶעלְפְט 50 פְלַאשִׁין, אוּנ הָאט אִיהְם גִיבֶּעטִין זִיצִין מִיט גְרוֹיס כָּבוֹד אוּנ זָאגְט יֶעצְט זֶעהֶע אִיךְ וִויא רִיכְטִיג אַייֶער קֶענִיג דָוִד הָאט גִיזָאגְט וּמִי כְעַמְךָ יִשְׂרָאֵל גוֹי אחד בארץ (ש״ב ז, כ״ג) *).

מֹשֶׁה׳לֶע אִיז אַרוּף גִיפַאלִין דֶעם פָאטֶער אַפִּין הַאלְדְז אוּנ הָאט אִיהְם גִיקוּשְׁט, אוּנ מִיט אַזַא עֶנְטְצִיקוּנְג הָאט עֶר אוֹיס גֶעשְׁרִיעֶן, לִיבֶּער פַּאפַּא! דַיין עֶרְצֵיילוּנְג אִיז מִיר אַרַיין אַזוֹיא וִויא אַגוּטֶער בּוֹימִיל אִין אַלֶע גְלִידֶער, זִיא הָאט מִיר בַּאלַייכְטֶעט מַיינֶע גֶעפִיהְלֶען, וָואס פַאר אַטַייעֶרֶע תּוֹרָה מִיר הָאבִּין, אַז פְּרִינְצִין קֶענֶען זִיךְ נִיט אָבּ לוֹיבִּין אִיהְר, אוּנ דוּא מַיין טַהַייעֶרֶער בְּרוּדֶער יָאזֶעף, נֶעם זִיךְ אִין אַכְט דִיזֶע וִויכְטִיגֶע עֶרְצֵיילוּנְג, אוּנ קֶער זִיךְ צוּרִיק לִיבִּין דֶעם תַּנַ״ךְ מִיטִין תַּלְמוּד וָואס דוּא הָאסְט שׁוֹין אֵייניגֶע יָאהְר נִיט גִיוָואלְט אַרַיין קוּקֶען אִין זֵייא, אִיךְ קָאוִויר דִיר אַז וֶוען דוּא וֶועסְט נוּר פַארְזוּכִין דֶעם גִישְׁמַאק פוּן דֶער תּוֹרָה וֶועסְטוּ עֶרְסְט פַארְשְׁטֵיין וִויא וַוייט דוּא הָאסְט גִיבְּלָאנְדְזֶעט בִּיז יֶעצְט.

יַא יַא דוּא בִּינְסְט גִירֶעכְט מַיין לִיבֶּער מֹשֶׁה׳לֶע — עֶנְטְפֶערְט יָאזֶעף וָואס אִיז עֶנְטְצִיקְט גִיוָוארִין פוּן מֹשֶׁה׳לֶעס רֵייד, — אִיךְ פַארְשְׁפְּרֶעךְ אוּנְזֶער לִיבֶּען גַאסְט, אַז פוּן הַיינְט אָן, וֶועל אִיךְ זִיךְ צוּרִיק קֶערִין צוּא לִיבֶּען דִיא תּוֹרָה, אוּנ דוּא לִיבֶּער פָאטֶער נֶעם פַאר מִיר אַיין רֶבִּי עֶר זָאל מִיט מִיר לֶערְנֶען חוּמֶשׁ אוּנ נַ״ךְ אוּנ תַּלְמוּד. אוּנ אִיךְ וֶועל דָאס אַלֶע טָאג אוֹיס חַזֶערִין, וַוייל וִויא אִיךְ הֶער דָא פַארְשְׁטֵייא אִיךְ, אַז דִיא אֶמֶתֶע הֶערְצֶענְס בִּילְדוּנְג קֶען נוּר זַיין דוּרְךְ תַּנַ״ךְ אוּנ תַּלְמוּד.

יַא יַא מַיין לִיבֶּער יָאזֶעף — שְׁפְּרִיךְ אִיךְ — דוּא זָאגְסְט זֵייעֶר רִיכְטִיג,

אלע

---

*) פוּן דִיזֶע גֶעשִׁיכְטֶע אִיז אַרוֹיס צוּא זֶעהֶען וִויא רִיכְטִיג אִיז דִיא רֵייד פוּן שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ ע״ה „חכמות נשים בנתה ביתה״ אַז אַקְלוּגֶע אַנְאטְס פָארְכְטִיגֶע פְרוֹיא בּוֹיט אוֹיף אִיהְר הוֹיז, זִיא מִיט אִיהְר פֶעסְטְקַייט צוּם גְלוֹיבִּין, וַוייל זִיא פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג לֶעזִין אִידִישֶׁע סְפָרִים, אוּנ גֵיין הֶערִין אָפְט מוּסַר הַשֵּׂכֶל, הָאט זִיא אִיהְם גְלִיקְלִיךְ גִי־מַאכְט „ואולת בידיה תהרסנו״ אָבֶּער דִיא לַייכְטְזִינִיגֶע פְרוֹיא וָואס וִויא עֶס קוּמְט צוּא אַרוּבִּיל וֶוערְט זִיא צוּקָאכְט, אוּנ עֶס וֶוערְט שׁוֹין פַארְשְׁוואוּנְדִין אִיהְר גַאנְצֶע אֱמוּנָה, מִיט אַזַא אַרְט וָואלְט זִיא אִיהְם אוּם גְלִיקְלִיךְ גִימַאכְט.

אַלֶע חָכְמוֹת בִּילְדֶען נוּר דֶעם שֵׂכֶל אַלֵיין, אָבֶּער דִיא תּוֹרָה לְבַד וָואס זִיא בִּילְדֶעט דֶעם שֵׂכֶל, בִּילְדֶעט זִיא אוֹיךְ דִיא הַארְץ פוּן מֶענְטְשֶׁען, אוּנ מַאכְט אִיבֶּער פוּן לֵב אֶבֶן אוֹיף לֵב בָּשָׂר.

ט. מֶעשְׁצַאנֶעם פוּן סְדוֹם.

טַייעֶרֶער הִימִילִשֶׁער גַאסְט! דֶעם אֵיידֶעלִין גִידַאנְק פוּן וַואשְׁין זִיךְ אוּנ אַבְּרָכָה, הָאט אִיהְר אוּנְז שׁוֹין עֶרְקְלֶעהְרְט, ווִילֶען מִיר הָאבִּין דִיא עֶהְרֶע אִיהְר זָאלְט אַזוֹיא גוּט זַיין, אוּנ עֶרְקְלֶעהְרִין אוּנְז דֶעם אֵיידֶעלֶען גִידַאנְק פוּן מַיִם אַחֲרוֹנִים.

לִקְרַאת צָמֵא הֵתָיוּ מָיִם, דֶעם דָארְשְׁטִיגֶען טְרָאגְט אַנְטֶקֶעגִין וַואסֶער, (ישעי׳ כ״א) עֶרְקְלֶערִין דִיא חַכְמֵי הַתַּלְמוּד דֶעם מוּרַאל פוּן דֶעם, אַז דוּא זֶעהְסְט אַז בַּייא יֶענֶעם אִיז לִיבּ דִיא תּוֹרָה וִויא בַּיין דָארְשְׁטִיגֶען וַואסֶער, שְׁפָּאר נִיט קַיין מִיהֶע אוּנ בַּאלֶעהְרִין אִיהְם, וּבִפְרַט אַז דֶער לִיבֶּער גָאט הָאט מִיר מְזַכֶּה גִיוֶוען צוּא זַיין דֶער גוּטֶער שָׁלִיחַ אַיךְ צוּא מַאכִין אַבֶּעגְרִיף אִין אוּנְזֶער רֶעלִיגְיָאן, פַארְזוּכִין אִיהְר גִישְׁמַאק, ווִיא אוּנְזֶער קֶעניג דָוִד ע״ה זָאגְט טעמו וראו כי טוב ה׳ פַארְזוּכְט נוּר דֶעם גִישְׁמַאק פוּן דֶער תּוֹרָה, וֶועט אִיהְר זֶעהֶען וִויא גוּט זַיינֶען גָאטֶעס גִיבָּאטֶע, אשרי הגבר יחסה בו גְלִיקְלִיךְ אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס בַּאשְׁיצְט זִיךְ אִין דֶעם לִיבֶּען גָאט, אוּנ מִיט דִיא גְרֶעסְטֶע פְרֵיידֶע בִּין אִיךְ גְרֵייט צוּא עֶרְפִיהְלֶען אַייעֶר ווּאוּנְשׁ.

דֶער אֵיינְפַאכֶער גִידַאנְק פוּן מַיִם אַחֲרוֹנִים אִיז, אַז צוּלִיבּ דֶעם כָּבוֹד פוּן בִּרְכַּת הַמָּזוֹן דַארְפִין מַאכִין דִיא הֶענְד רֵיין, אוֹיךְ וַוייל עֶס גִיבְּט אַזַא זָארְט זַאלְץ פוּן יָם הַמֶּלַח (וָואס בַּייא דִיא שְׁטָאט סְדוֹם) וָואס אִיז שֶׁעדְלִיךְ צוּא דִיא אוֹיגִין, דְרוּם מוּז מֶען נָאכִין עֶסִין (וָואס גֶעווִיס קוּמְט פָאהְר זַאלְץ בַּייא אַטִישׁ) אוּנ עֶס קֶען זִיךְ אָמָאהְל פַארְמִישִׁין אֶקֶערִינְגְדִיל פוּן דִיא שֶׁעדְלִיכֶע זַאלְץ, דַארְף מֶען פָארְזִיכְטִיג זַיין. אוֹיף דִיזֶען גְרוּנְד וֶועל אִיךְ אַיךְ אַרוֹיף צִיהֶען אֵיינִיגֶע צְוֶועטִין וָואס דִיא חז״ל הָאבִּין אוּנְז בַּאמֶערְקְט מִיט דִיא וָוארְטִין לְהַעֲבִיר זוּהֲמַת הַמַּאֲכָל׳, אוּנ מִיט דִיא וָוארְטִין מַיִם אַחֲרוֹנִים חוֹבָה מִפְּנֵי ,מלח סדומית שמסמא את העינים׳ אַז דִיא מַיִם אַחֲרוֹנִים קוּמֶען אָבּ רֵייניגֶען דֶעם מֶענְטְשִׁין פוּן דִיא זוּהֲמָא (שְׁמוּטְץ, פַארְשְׁטָאפְּטֶע גֶעפִיהְלֶען), וָואס דֶער עֶסִין בְּרֵיינְגְט אוֹיף אִיהְם, ווִיא דֶער שְׁפְּרִיךְ וָוארְט זָאגְט: „דֶער זַאטֶער גְלוֹיבְּט נִיט דֶעם הוּנְגֶערִינְגֶען״ וַוייל פַארִין עֶסִין בְּעֵת עֶר אִיז אוֹיךְ הוּנְגֶערִיג הָאט עֶר גֶעשְׁפִּירְט יֶענֶעמְס צַעַר, אוּנ אִיז אַרַיין אִין יֶענֶעמְס פָּלַאזֶענִיֶע, מִיטְלֵייד הָאבִּין אוֹיף אִיהְם, אוּנ סְטַארַאיֶען זִיךְ צוּא הֶעלְפִין ווִיפִיל מֶעגְלִיךְ אִיז, אָבֶּער נָאכִין עֶסִין

פארלירט

פארלירט זיך דער הרגש, אונ דיא הארץ ווערט פארשטאפט, אונ ווען
אהונגעריגער אנויט באדערפטיגער קומט צוא איהם, ווערט ער נאך ברוגז
אונ טראכט ביי זיך „וואס איז דאס עפעס פאר אצרה, ארוף ווארפין זיך
אפין צווייטין, ער איז קראנק אליין צוא הארעווען אונ פארדינגען", אונ ווען
יענער איז אפילו אקיילקער טראכט ער ביי זיך „ווער ווייסט זייא דיא גנבים
זייא מאכין זיך, אום צוא נארין לייטין", דער מיטאג איז איהם אזויא מזהם
אז ער ווערט כמעט איין סדום'ער מעשצאנין, אין סדום איז אויך גיוועזן דיא
מאדע אז פון גרוים זעט אונ הצלחה וואס זיי האבין גיהאט (גאון שבעת לחם ושלות השקט
כו' ויד עני ואביון לא החזיקה, יחזקאל ט"ז) האבין זיי פארלארין דעם הרגש צו גלויבין דעם
הונגעריגען אונ נויט-באדערפטיגען אונ האבין גיזאגט „וואס איז דאס עפעס
געבין אורחים עסין אונ טרינקען, זייא זיינען דען קראנק אליין צוא הארעווען
אונ פארדינגען"!, אונ טאמער האט זיך יענער גיקלאגט אז ער איז אקיילקער
אויף אפום אדער עפעס אנדערש, האבין זייא גיזאגט „דאס איז געווים איין
שווינדעל מען דארף איהם פרובין", האט מען איהם אריין גילייגט אין אבעט
אונ גיצויגין, זעהען צוא עס איז ריכטיג אויב ער מאכט זיך דאס ניט, ביז
וואנען מען האט איהם ארוים גיצויגין דיא נשמה, צוא דעם גייסט-קראנקייט
וואס קומט פון פיל זעט, האבין אונזערע רופאי הנפש בעזארגט ארפואה, אז
נאכין עסין זאל מען וואשען דיא הענד, אום צוא באמערקין אז דער
עסין זאל אונז ניט מזהם זיין (פארגרעבין דעם הרגש) אונ האבין דאס אונז אן
גימערקט מיט זייער קלוגין וואונק: „וואורום איז מים אחרונים חובה"? ווייל
עס איז דא מלח סדומית (סדומישע חריפות, — חריפות המוח קומט פון פיל חלקי מלח כידוע
לטבעיים) „שמסמא את העינים" וואס פאר בלענדעט דיא אויגין מען זאל ניט זעהען
חלילה (דיא קריטישע לאגע פון דעם אונגליקליכען) וואס מען דארף זעהען אונ
אינטערעסירין זיך. אונ דעם גאנצין גידאנק פון מים ראשונים ואחרונים האבין
אונז דיא חז"ל (ברכות נג:) ארוים גיגעבין אין קורצע ווערטער, אונ איין גיפאסט
אין אפסוק פון דער תורה, ת"ד והתקדשתם אלו מים ראשונים, ד. ה. דיא
מים ראשונים (וואשין זיך צום עסין) מאכין דעם מענטשין אויפמערקזאם, אז
ער זאל זיך היילג האלטין, ניט צוא קאלט ווערין, בעת ער דער זעהט
אגרינגען רובל, אונ ארוים גיין חלילה פון דעת צוא טאהן צוליב איהם כל
מעשים מתועבים*) נייערט „והתקדשתם" איהר זאלט הייליגין אייערע געפיהלען,

איהר

*) וויא אונזער הייליגע תורה שרייבט דייטליך. מען זאל ניט געבין קיין פאלשע
וואג אונ קיין פאלשע מאס (כי תועבת ה' כל עושה אלה) דער וואס טוט דיזעס
איז אונווירדיג ביי גאט. אונ ניט דווקא דאס, נור (כל עושה עול) נור ווער עס טוט
אונרעכט

איהר זאלט בראש'יען אזעלכע געלט דאס איז פאלשע געלט, דער מאכער פון דעם וועט שטרייננג געשטראפירט ווערין, וויא דען איהר זאלט זוכין אייער ברויט דורך אכשרין אהייליגען מיטיל. „והייתם קדושים" אונ אום איהר זאלט פארבלייבין הייליג, אז דער עסין זאל אייך ניט פאר שטאפין דיא מענטשליכע רחמנות אונ מיטלייד-געפיהלען אויף דעם אונגליקליכען, אדער צוא טאהן אנדערע נארישקייט וואס פיל זאטקייט אונ וואוילטאג ברייננגט מיט*) „אלו מים אחרונים" אויף דעם באמערקט אונז דיא מים אחרונים, דאס וואשט אונז אב דיא הענט מיט דיא געפיהלען פון דיא מלח סדומית וואס איז מסמא את העינים (פארבלענדעט דיא אויגין) צוא ווערין חלילה בעלי תאוות, אונ אבירי לב מזעקת דל.

אה! וויא ריכטיג דער גידאנק איז, ליבער פאטער! איך בין ענטציקט פון שמחה, אונ איבערהויפט אויף דיא קורצע שארפזיניגע רייד פון תלמוד וואס אין 3 ווערטער אין דער תורה האבין זייא אונז באמערקט אזעלכע איידעלע טיפע גידאנקען, וואס זאל פארהיטין דעם מענטשין פון דיא גרעסטע טהייל אונרעכט פון דער וועלט, אה! וואס פאר אליבע איך שפיר אין מיין הערצין צוא דיא תלמודיסטין, עס איז צוא קוסען זייערע רייד, יעדער ווארט זייערער איז אקרוין צוא יודישע קאפ, (כמח"ל (ברכות נח) והתפארת זו תורה וע"ז אנו מברכים בכל יום עוטר ישראל בתפארה), מיר מעגין שטאלצירין מיט אונזער האבגישעצטען תלמוד, האטיא אין דיא פינצטערע צייט האט מען איהם ניט איין מאהל גיברענט, אונ

אונזערע

אונרעכט, אזוי וועמען עס איז, סייא איין יהודי, סייא איין אינו יהודי, אין געגענטהייל צוא איין אינו יהודי איז נאך הארבער דיא עבירה, ווייל מען איז מחלל שם שמים אונ כבוד התורה, דער אינו יהודי קען מיינען אז אונזער תורה לערינט אונז צוא טאהן עולות. חלילה. — עס איז אגרויסע שאנדע, פאר אונז אידין, וואס מיר האבין אזא ליכטיגע תורה וואס זיא איז אונז זייער פיל מזהיר אויף ערליכקייט, אונ בעשרייבט אונז דיא וועלט היסטאריע מיר זאלין זיך פון איהר לערנען פראקטיקע, וואס גזל וחמס האט מיט גיבראכט, אז השי"ת האט אויף זייא אמבול גיבראכט, אויסמעקין זייער גידעכעניס פון דער וועלט, אונ דאס אעס ווירקט אויף אונז ניט, מיר זאלין זיך אליין רייניגען דיא הענד, אונ איין ארדענען ראייעלע וואג אונ מאס, נור מיר ווארטין אויף פאליצייסקע זייא זאלין קומען אונ מאכין אונז פראטאקאלין אויף דיא פאלשע וואג אונ מאס, אה! וויא נידעריג דאס איז!! עס איז שוין זייער צייט אז מיר זאלין זיך אליין סטארייען צו זיין ראיעל אין משא ומתן, וועט דאן השי"ת משפיע זיין שפע ברכה והצלחה במעשה ידינו.

*) פן תאכל ושבעת ורם לבבך, — אין הסתה אלא באכילה ושתיה (חולין ד:) — מלוי הכרס מושך אחריו פריקת העול (מסלת ישרים פי"ג) — אין ארי נוהם מתוך קופה של תבן אלא מתוך קופה של בשר (ברכות ל"ב) ודומי' (וכאשר ראינו באנשי סדום שמרוב שיבע נעשו בעלי תאוה (הוציאם אלינו ונדעה אותם, הנה יש לי שתי בנות כו') לבד אכזריותם על האורחים).

אונזערע פיינדע האבין אנגיוועגדעט אלע מיטלען צו מאכין איהם פארגעסין פון אונז, מיר פאלין אבער ביא זיך ניט, אין געגענטהייל אונזער מוטה ווערט נאך אימער פעסטער אונ שטארקער, ווען מיר לעזין אלע טאג (אין אשרי ובא לציון) דעם קאנטראקט, וואס השי"ת האט מיט אונז גישלאסין דורך דעם נביא (ישעיה נ"ט) ואני זאת בריתי אותם, איך גאט גיב מיין פארזיכערונג (צוא מיין פאלק ישראל), רוחי אשר עליך, מיין גייסט וואס רוהט אויף דיר, דאס איז דיא אלע הבטחות אונ נחמות פון דיא נביאים וואס באגייסטערין דעם אידין, אונ גיבען איהם קראפט אונ מוטה, איבער צוא טראגין זיינע ליידענשאפט, וואס ער האט געליטין (כימי הבינים) אלעס מענטש, אונ איבערהויפט אלעס איד .... ודברי אשר שמתי בפיך אונ מיינע ווארטין וואס איך האב גיליגט אין דיין מויל, דאס איז תורה שבעל פה, דיא ערקלעהרונג פון יעדער מצוה (פון תרי"ג מצות) וואס איז ניט געשריבין דייטליך אין חומש, נור גיזאגט גיווארין מונדליך פון הקב"ה צו משה, אונ משה רבינו האט דאס גילערנט מיט דיא קינדער ישראל, אונ איין דור צום אנדערין (משה קבל תורה מסיני ומסרה ליהושע ויהושע לזקנים וזקנים לנביאים ונביאים מסרוה לאנשי כנסת הגדולה כו' עד רבינו הקדוש מסדר המשנה) וואס מיר רופין דאס "משנה ותלמוד", לא ימושו מפיך כו' מעתה ועד עולם, וועלין ניט אב גיטאהן ווערין פון דיין מויל, אונ פון דיינע קינדס קינדער ביז עוויג, אלע מיטלען וואס אייערע פיינדע (מחוץ ומפנים) וועלין אנווענדין צוא מאכין פארגעסין פון אייך דעם תלמוד וועט גאר נישט ווירקען, אייערע פיינדע וועלין פארלאהרין ווערין, אונ דער תלמוד וועט פארבלייבין ביא אייך אימער אונד עוויג (וכן אמרו חז"ל (גיטין ס:) לא כרת הקב"ה ברית עם ישראל אלא בשביל תורה שבע"פ שנאמר כי על פי הדברים האלה כרתי אתך ברית ואת ישראל) ווייל ער איז אייער זעלע אונד אטהעם, ער בילדעט אייער חאראקטער עס זאל קענען שטימען דיא זעלע (וואס איז פון הימל) מיטין קערפער (וואס איז פון ערד) דיא זעלע זאל ניט וועלין פארניכטין דעם קערפער אין גאנצין, וויא דיא חכמי יון (דיאגינים וחבריו) האבין זיך געפיהרט, אונ אויך פארהיט ער, אז דער קערפער זאל ניט פארניכטין דיא זעלע, וויא דיא בני בליעל (בלי-עול, סיניקער) פיהרען זיך, נור לעבט ביידע (דיא זעלע מיט דעם קערפער) פריינדליך, ליבט גאט אונ דיא תורה אונ ליבט אלע מענטשין, אונ זיך אליין אויך. מיט דעם פאר ענדיג איך מיין ליבער פאטער דעם בריף, אין קינפטיגען בריף וועל איך דיר שרייבין א וואונדערליכע סצענע וואס מיר האט פאסירט ביא איין האכצייט, עס וועט דיר פארשאפען פיל פערגעניגען.

דיין טריע עווינליעבענדע סאבספער ס"א.